STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09968

# GOTS GEFANGENE

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

# געזאמלטע שריפטן

זעקס און צוואנציקסטער באנד

קאאפעראטיווער פארלאג „קולטור-ליגע“, ווארשע

שלום אַש

# גאָטס געפאַנגענע

(דער גורל פון אַ פרוי)

ראָמאַן

LIBRARY OF
JUDITH & MORRIS OBERMAN

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע", ווארשע

Printed in Poland

SZOŁEM ASZ — GOTS GEFANGENE
: : Copyright by Schalom Asch : :
Spółdz. Wydawnicza „Kultur-Liga"
— — — Warszawa 1933 — — —

געדרוקט 1000 עקזעמפלארן

Druk. „Wiedza" Bielańska 9.

## קאַפּיטל 1

# די שפּריץ פאַלט פרי אויפן האַלז פון דער פרוי

עמיליע האָט זיך געפילט, ווי אַן אָפּגעהעשעטע שיף, וואָס איז נאָך אַ שטורמישער רייזע אָנגעקומען אין האַפן אַריין. זי האָט טאַקע קיין רייכטימער נישט מיטגעבראַכט מיט זיך. איר לעבן, איר „איך" האָט זי געראַטעוועט.

אין דעם איינזאַמען, אין זון-ליגנדיגן רייכן האָטעל, אויפן גאָט-געבענטשטן „קאַפּ מאַרטען", אויף דער ריוויערע, האָט זי, עמיליע, צום ערשטן מאָל דערהערט איר אייגענע שטים. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי שווימט צום ערשטן מאָל אין אירע אייגענע וואַסערן.

נאָכמער האָט זיך דאָסדאָזיגע געפיל ביי איר געשטאַרקט, זינט איר פריינדין סילוויע שוואַן, מיט וועלכער זי האָט געמאַכט איר אייראָפּעישע רייזע, האָט פאַרלאָזט דאָס אָרט, אין וועלכן זיי האָבן ביידע געוואוינט, און נישט אויסהאַלטנדיג פון קאָפּ-ווייטאָג, זיך אַריבערגעצויגן קיין מאָנטע קאַרלאָ, כדי צו זיין נאָענט צו דער שפּיל-קאַסינאָ, און האָט איבערגעלאָזט עמיליען מיט זיך אַליין.

דער קליינער, איינזאַמער קאַפּ איז געלעגן אומבאַשיצט אינדרויסן אין ים, אומברחמנותדיג איבערגעגעבן אויף הפקר צו די יתאַזינטן, וועלכע האָבן דאָ שטענדיג געבושעוועט. דאָס

גרויסע, פאָרנעמע הויז איז געווען באַשטימט פאַר זומער-געסט. דערפאַר האָבן זיך איצטער, צווישן די בין-הזמנים, אין פריען פרילינג, געפונען ווייניג געסט. די, וועלכע האָבן באַוואוינט דעם האָטעל, זענען געווען אַלץ אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט איינזאַמקייט: עלטערע לייט, געסט, וואָס פלעגן געטריי, יאָר-איין, יאָר-אויס, אויפזוכן דאָסדאָזיגע הויז. איינער האָט מיט דעם אַנדערן זיך קוים באַקענט, זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט. אַ קאַלטע קאָרעקטקייט, וואָס האָט אַרויסגעהויבט פון דער אויסדרעסירטער, שטרענג-דיסציפּלינירטער דינערשאַפט, האָט באַהערשט דאָסדאָזיגע גרויסע הויז און באַשאַפן אַ פיינלעכע פאָרנעמלעכקייט, וואָס האָט געדעמפט יעדע שטימע און פאַרגליווערט יעדן טעמפּאָ.

דאָס הויז האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי עס וואָלט געווען פוסט און ליידיג. די פּאָר געסט, וואָס פלעגן זיך בעת די מיטאָג-שעהן צונויפקומען אין דעם אין ראָמאַנטישן סטיל געהאַלטענעם עס-זאַל, מיט די אומהיימלעכע הויכע פענסטער, זענען פאַרלוירן-געגאַנגען צווישן די טישן, און זיי האָבן אויסגעקוקט, ווי איינזאַמע פליגן, וואָס פליען אַרום אַ גרויסער ראַם.

עמיליע האָט געקאָנט אומגעשטערט אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין איבער דעם איינזאַמען פּאַרק און קיין מענטש נישט באַגעגענען.

דער פּאַרק, אין וועלכן דער פאָרנעמער האָטעל איז געלעגן, איז געהאַלטן-געוואָרן אין 'אַ זאָרגפעלטיגער, פיינלעךגעפּלעגטער ווילדקייט... מיר זענען אַלע אונטערגעוואָרפן אונטער די שטרענגע געזעצן פון אונזערע נאַטורן און כאַראַקטערן. אָבער אין די גרענעצן פון אונזערע אָפּצוימונגען האָט מען אונז איבערגעלאָזט קליינע פעלדער, אויף וועלכע מיר קאָנען אויספירן די קאַפּריזן פון אונזערע אינדיווידועלע ווילנס. אַז נישט וואָלט יעדער בלאָט געווען ענלעך צום אַנדערן, איין טאָג וואָלט געווען ענלעך צום צווייטן. געוויס האָט דער ברעג פון דעם מיטללענדישן ים זיין אַרויסגעטיילטע גרענעץ ליניע, ווי יעדער אַנדערער ים-ברעג, ביז דאַנען און נישט ווייטער... אָבער מען האָט אים, אין זיין גרענעץ-ליניע, איבערגעלאָזט פרייע

אקציע ארויסצושניידן זיך אין דעם שטיינערדיגן ברעג די עקן ווינקלען, לויט זיינע אינדיווידועלע קאפריזן. ווי די שפיצן אויף א האן-קאם, האט דער ים זיך אויסגעביסן זיינע מאָדעלירטע קארבן און טורעמס-פעלזן, וואס האבן פארצוימט דעם וועג צו אים. מענטשלעכע פיינלעכע ארבעט אבער, האט מיט אויסגע-קלוגטער געשיקטקייט געהאלטן דעם ברעג אין זיין ווילדער קארעטע — אבער אזוי ראפינירט אויסגעקארבט זיינע פעלזיגע ווילדע העוויות, אז אנשטאט צו פארצוימען דעם ים, האבן זיי נאר געמאכט באקוועמער דעם צוגאנג צו אים און אים אויס-געבעסערט.

קיין איין שטיין, קיין איין פיצל ערד האט די מענטש-לעכע ארבעט נישט איבערגעלאזט נישט-אויסגענוצט. זי האט זיי ראפינירט אריינגעבראכט אין א קנעכטישער הארמאניע און זיי געמאכט געברויכלעך און דינסטלעך, נוצלעך פאר דעם מענטש: ארומגעשלייפט די שפיצן, באצוימט די געפערלעכע ערטער, באצעמענט די פאלשע טריט, אויסגענוצט די לעכער צווישן די שטיינער פאר קליינע, שפילנדיגע באסיינען; אדער געשיקט ארויסגעפישופט די שלאגנדיגע וועלן פון ים, געלאזט זיי וואשן די שפיציגע פעלזן-קעפ, זיי צעריסן און פארוואנדלט אין נישט-געפערלעכע, קילנדיגע, הענגענדיגע וואסער-פאלן.

יעדער שטיין איז געווען אריינגעפאסט אין א יואוועל מיט ראזעטן פון „קראקוסן". יעדעס צופעליג-אפן מויל-ערד, וואס האט ארויסגעקוקט פון א פעלז-שפאלט, איז געווען פאר-שטאפט מיט א קאקטוס-פלאנצונג. רויטער מאך, אדער קייטן-קריכנדיגע גרעזער האבן פארשנירט איין שטיין צום אנדערן און געצויגן סימנים פון מענטשלעכער קולטור ביז צום געפער-לעכן גרינעם טיפן ים ארונטער...

אנגעקומען איז עמיליע אהער א מידע, אן אפגעמאטערטע גייסטיג און פיזיש. די ערשטע פאר טעג איז זי פון דער געזאלצענער לופט, פון אינערלעכער אפגעשפאנטקייט געווען שלאף-דורשטיג, וואס זי האט נישט געקאנט שטילן בלויז דורך די נעכט, נאר אויך געמוזט איינטרינקען אירע טעג אין שלאף

זי האָט קיינעם נישט געזען, איינגעשלאָסן אין איר צימער איז זי אָפּגעלעגן טעג לאַנגע. ביסלעכווייז האָט זי דער ווינט געהיילט. זי האָט ערשט אָנגעהויבן קומען צום באַוואוסטזיין, אַז זי איז ענדלעך פריי און טראָגט נישט מער די געוויכטער אויף זיך...

זי איז פריי... ענדלעך איז עס געקומען, דאָס לעבן פאַר איר אַליין, נאָך אַזויפיל יאָרן וואַרטן. נישט פאַר קיין אַנדערן, נאָר פאַר דעם מענטש אין איר. זי האָט עס מער באַנומען מיטן באַוואוסטזיין, ווי מיט דער עמפּינדונג. יעדער טאָג איז געווען אַ צאָל ווייטער אין איר נייער לאַגע אַריין. יעדער טאָג — אַ נייע שיכט הויט איבער איר אָפענער וואונד...

אַ פרייגעלאָזענער פויגל, האָט זי זיך געפריידט מיט דער געוואונענער לופט, מיט די אויפגעבונדענע פליגל. יעדער טאָג איז געווען אַן אומבאַקאַנטער שליח פון הימלישע וועלטן, וואָס ברענגט היילונג.

זי האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איין טראָפּן פון דעם זוניגן געטראַנק· דער געזאַלצענער חינט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אָפענעם ים, האָט זי געבאָדן. דער קאָליר פון איר פנים, וואָס איז זייט איר קינדהייט נישט געוואָרן אָפּגעשיילט פון זיין באַטירלעכן פלוים-הויך דורך פודער. קרעם און מאַרב איז איצט, דורך דעם מאַסאַזש פון זון און ים, געוואָרן זאַלציג, יינגליש-רוי. עס איז אַוועקגערויבט-געוואָרן פון איר דעליקאַטער הויט יענע טונקל-בלייכלעכע איידלקייט. אָבער עס האָט איר נישט געאַרט. זי האָט איר פנים, האַלז און הענט איבערגעגעבן אויף הפקר צו די זון-שטראַלן. וואָלט זי נאָר געהאַט מוט נאָכצוגיין איר פאַרלאַנג, וואָלט זי זיך אויסגעצויגן דאָ איבער די שטיינער-פעלזן אַ נאַקעטע, געלאָזט די ים-וועלן וואַשן איר לייב. זי רעכנט עס אויך צו טון. זי וואַרט נאָר אויף דער געלעגנהייט, אַז ווער פון די מענלעכע געסט וועט איר געבן אַ ביישפיל און זיך אָנהייבן צו באָדן. דערווייל אָבער באַגנוגנט זי זיך מיט דעם, וואָס זי מעסט-אויס ביי יעדן וועטער יעדן טריט פון גרויסן ווילד-אָפּגעשלאָסענעם פאַרק

זי שניידט־דורך די קאַקטוסן־קושאַקעס, צערייסט איר קלייד און הויט מיט שטעכעכץ. זי פריידט זיך מיט קינדערשער גדולה מיט יעדער פלאַנצן־אַנטדעקונג, וואָס זי מאַכט. זי פליקט מיט אירע פינגער די ווילדע פיילכן פון גראָז אַרויס, לאָזט זיך מיט אַ יוגנטלעכער געשווינדקייט, וואָס איבערראַשט זי אַליין, איבער די פעלז־טרעפ צום ברעג ים אַרונטער. זי הענגט שטענדיג איבער דעם אייזערנעם אָפּצוים מיטן פּנים צום ים. דער אייביגער ווינט, וואָס בלאָזט פון ים־הארץ, נעמט פאַנאַנדער אירע גלאַטע, פעסט־איינגעקעמטע האָר. זי לאָזט אים זיך שפּילן מיט זיי, ביט־איבער איר שמאָל־מיידלשן קערפּער אין די הענט פון ווינט און פילט, ווי אין דעם צערטלדיגן באָד ווערט זי פון קאָפּ ביז די פיס אָפּגעוואַשן פון אַלע חרמות, שקרים און דערנידערונגען, וואָס איר פאַרגאַנגען לעבן האָט געלאָזן אָנוואַקסן אויף איר.

דורך דעם ליכטיגן טאָג האָט זי געפילט, אַז זי שווימט־אַריבער גרענעצן. זון־שטראַלן פון אַמאָליגע מיידלשע יאָרן קומען און באַהעפטן זיך מיט די ליכט־פלעקן, וואָס רייסן זיך אַריין צווישן דיביימער אין פאַרק, אין וועלכן זי שפּאַצירט. טעג פון אַ לאַנג־אָפּגעשוואומען לעבן שטייען־אויף תחית־המתים, וואַרפן־צוריק זייער וויזיאָנערן אָפּשיין אין חלל פון גלאַנציגן עטער. קיין געדאַנקען, קיין זכרונות פון טרויעריגן נעכטיגן לעבן שווימען נישט אַרויף פון די טיפענישן פון דער פאַרפלאָסענער נאַכט דורך דעם גאַנצן ליכטיגן טאָג. זי פילט זיך, ווי אַ דורשטיגע חיה, וואָס טרינקט, ווי אַ געוועב, וואָס וועבט זיך, ווי איינס פון די זומער־פייגעלעך, וואָס זשומען מיט זייערע פאַר־גליווערטע גלאַנצנדיגע פליגעלעך אָן אַ צוועק, אָן אַ ציל, פאַר זיך אַליין.

איר באַוואוסטזיין קומט ערשט צוריק צו איר מיטן אָוונט ביי דעם טואַלעט צום אָוונט־עסן געפינט זי זיך צוריק. לעצטנס האָט זי באַקומען צוריק איר חשק זיך צו פּוצן. אַ פרוי איז ווי דער פויגל. פעלט איר גאָרנישט, פּוצט זי זיך. ס'איז נישטאָ פאַר וועמען, פאַר זיך אַליין מאַכט זי איר גרויסן אָוונט־טואַלעט, מיט דעם צירונג ועצט זיזיך אַליין צו איר דיסקרעטן

טיש. ווען סילוויע איז געווען, פלעגן זיי צום אָוונט-עסן טרינקען שאַמפּאַניער. זי האָלט-אָן דידאָזיגע געוואוינהייט. אַ האַלבע פלאַש. זי באַגנוגנט זיך מיט אַ גלאָז-אַנדערטהאַלבן, וואָס ברענגט זי אַריין אין אַ פאַרחלומטער, פאַרשלייערטער פריילעכקייט. די צייט, דאַכט זיך איר, רינט נישט מער דורך דעם זאַמד-זייגער, נאָר האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און איז איינגעשלאָסן-געוואָרן אין רוים פון ליכטיגן עס-זאַל און קאָן נישט אַרויס... באָך טיש, ווי יעדן אָוונט, זעצט זי זיך אַריין אין טיפן אָנלען-שטול, אין איר געוואוינטן ווינקל, אין מיט ליכט באַגאָסענעם סאַלאָן. זי זיצט פאַר זיך, שטיל. זי בלעטערט מעכאַניש אין אַ מאָדע-זשורנאַל. דאָס ענגלישע בוך לאָזט זי אויפגעשלאָגן פאַר זיך ליגן און קוקט, אָן יעדן צוועק, אין ליידיגן באַפינקלטן רוים-אַריין, אין דער ליכט-אָפּשפּיגלונג אין די קרישטאַל-גלעזער אויף די הענג-לאָמפּן.

דער סאַלאָן איז אַ טיפּיש פראַנצויזיש בירגערלעכער, פון די צייטן פון לואי פיליפּ. די שטולן זענען באַדעקט מיט געשטריקטע שפּיצן אויפן גראָבן אויסגענייעכץ. אויף די טישלעך און טישן איז אומעטום אויסהעפּטעכץ. ווייניג מענטשן פאַראַן אין סאַלאָן. עטלעכע ענגלענדער אין סמאָקינגס לעזן שטיל אין זייערע ווינקלען, אָדער קוקן אין לעערן. אַלץ רויכערט, פּיפּקעט. אירע אויגן פאַלן אויף דעם איינציג-גוטן מעבל-שטיק אין סאַלאָן, אויפן קאָמאָד, וואָס שטייט אונטער דעם שפּיגל. דער פיינער, דיסקרעטער גלאַנץ פון פאַטינע, וואָס איז אָנגעוואָקסן אויפן האָלץ דורך זיין עלטער, גלעט דאָס אויג, גלעט דעם בליק.

אויפן קאָמאָד איז גוט די בליקן צו לאָזן רוען. די איידעלע ליניעס, וואָס קוקן-אַרויס מיט מיידלשער גראַציע פון די בויגיגע ראַנדן פון דעם אַלטמאָדישן קאַסטן, דערמאָנען אין אַלטע, גוטע היימען, אין שמחות און יום-טובים פון דער קינדהייט. מערקווירדיג, ווי עפּעס אין איר קעמפט בעגן יעדן זכרון פון איר חתונה-געהאַטן לעבן — וואָס איז דאָך דער גרעסטער טייל פון איר עקזיסטענץ — וואָס איר געדאַנק ברענגט-

אַרויף פון די טיפע פאַרבאָרגענישן אויף דער אויבערפלאַך. ווי ער וואָלט געזוכט אָפּרו אין שטענדיגער קילקייט פון די קינדישע יאָרן, ווילט ער די גאַנצע צייט ביי דעם פרילינג פון איר פאַר-התונה-לעבן. די אַלטע פּאַטינע פון דעם איידל-בייכיגן קאָכאָד, אויך די צוויי בראָנזענע קאַנדעליאַברעס מיט די מלאכימלעך פאַרפירן זי אין דער אָנגענעמער אַלייע פון איר „פאַרהיסטאָרישער צייט”, אין אירע מיידלשע יאָרן. זי זעט דאָס הויז אין ברוקלין אויף „איסטערן פּאַרקוועי”. איר פאָטער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיך אַזוי ווייט אַרויסגעוואַגט פון דער שטאָט אַרויס, כדי צו געבן זיינע קינדער געניג לופט און זון. דאָס הויז איז געשטאַנען איינזאַם און האָט נאָך געהאַט — ווי נישט זעלטן אין יענער צייט — אַ קאַשטאַן-גאָרטן מיט אַ זאָרגפעלטיג-געשניטענער גראָז-לאָנקע פאַר די פענסטער. די שטיבער זענען געווען אומהיימלעך-גרויס, רוימיג, באַפּוצט, באַצירט מיט מאַשין-געשניטענעם „גאָטיק”, מיט אייזן-געגאָסענע האַקן-הענגערס, ביי וועלכע מען פלעגט ביי דער קלענסטער אומפאָרזיכטיגקייט די קעפּ זיך אָנשלאָגן.

דער פאָטער איז געווען פון די ערשטע דערפאָלגרייכע אַדוואָקאַטן. פלעגט פאָרן יעדן פרימאָרגן אין שטאָט אַריין אין אַ קאַרעטע מיט צוויי פערד איינגעשפּאַנט.

די עלטערן האָבן געשטאַמט פון דייטשלאַנד. דער פאָטער איז שוין געווען אינגאַנצן אַמעריקאַניזירט, האָט גערעדט אַ ריי־נעם ענגליש; די מוטער — מיט אַ שטאַרק-דייטשן אַקצענט. די מוטער האָט איבערהויבט געהאַט „דייטשע טעג”, אַזעלכע, אין וועלכע זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו רעדן צו דער וועלט אין יעדער אַנדערער שפּראַך, אַ חוץ אין איר אייגענער, כאָטש קיינער האָט זי נישט פאַרשטאַנען. איר דייטש איז אויך געווען אַן אויסער־געוויינלעכער, אַ פּראָווינציעלער דיאַלעקט. זי איז געקומען פון רהיינלאַנד און האָט ביי יעדן צווייטן וואָרט דייטש אָדער ענגליש באַנוצט איר „געל”, וואָס איז עפּעס אַזעלכעס, ווי אונזער „ס'וואָר”.

יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן דערהערט דאָסדאָזיגע וואָרט,

פלעגן זיך די קינדער נישט קאָנען איינהאַלטן פון לאַכן. אי־בערהויפּט האָט די מוטער פאַרמאָגט אַן איינגאַרטיגן קאַליבער ווערטער, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איר היימאַט, און וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען. דער פאָטער איז געווען אַ שטרענגער, אָבער זיין שטרענגקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט אין אַ בייזער, נאָר אין זיין קאָרעקטער פּינקטלעכקייט. אייגנטלעך, געדענקט זי דעם פאָטער קיינמאָל נישט אַ בייזער־דיגן. שטענדיג איז געהאַנגען אַ גוט, אָפּגעצוימט שמייכעלע אויף זיינע דיקע געל־גרויע וואָנסעס, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן נעגן דער דענסטמאָל־אָנגענומענער מאָדע צו גאָלן די וואָנסעס. און ער האָט אויך געהאַט אַ קליין, זאָרגפעלטיג־געפלעגט בערדל. נאָר דווקא דאָס גוטע, איינלאַדנדיגע שמייכעלע אויף זיינע שטרענגע וואָנסעס און בערדל האָט באַשאַפן די דיסטאַנץ, די דערווייטערונג פון אים, כאָטש ער איז צו די קינדער גע־ווען צוגעלאָזן, זיך אָפּגעגעבן מיט זיי אַ געוויסע שעה אין טאָג. זיין צייט איז געווען שטרענג געטיילט; אַזוי ווי די רעלי־גיעזע עבודה, וואָס עס פירט־אויס אַ שטרענג־דיסציפּלי־נירטער מאַנאַך, האָט ער זיך געהאַלטן אין די ראַמען פון זיין איינגעטיילטער צייט. ברעגען האָט געמעגט; שטאָל־און־אייזן איינגעשפּאַנט אין זיין ראַם, נישט אַרויסצוטרעטן. אויך די צו־געלאָזנקייט צו די קינדער האָט געהאַט איר פּאָרויס באַשטימטע צייט. דאָס איז געווען די האַלבע שעה נאָכן אָוונט־טיש, ווען די משפחה האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אין „שיינעם" צימער צו לעזן און פאַר האַנט־אַרבעט. אַ האַלבע שעה האָט דער פאָטער פאַרבראַכט אין קרייז פון זיין פאַמיליע, איידער ער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין קאַבינעט.

בעת דערדאָזיגער האַלבער שעה האָט זי, עמיליע, מיט איר שוועסטער, מאַטילדע, אפילו געקאָנט רייטן אויף זיינע קני. דער פאָטער פלעגט זיי דענסטמאָל דערציילן דערציעריש־באַלערנ־דיגע פאַקטן פון נאַטור־וויסנשאַפט; טיילמאָל אפילו אַנעקדאָטן, וועלכע פלעגן זיך באַציען אויף לעבנס־דערפאַרונגען. איינע פון, אַזעלכע „לעבנס־קלוגקייטן", וואָס דער פאָטער האָט איר דערן

ציילם אין אירע קינדער-יאָרן, בעת דער האַלבער שעה פונם משפחה-צוזאַמענקום, איז ווי אַ נאָדעלע שטעקן-געבליבן אין איר לעבעדיגן לייב, און האַלט נאָך אָן איר ווירקונג ביזן היינטיגן טאָג: דער פאָטער האָט איר דערקלערט דאָס פּרוכפּערן זיך ביי בלומען: ווי די בין טראָגט-אַריבער אויף די הערעלעך פון די לאַפּקעס דעם זוימען-שטויב פון מענלעכן „מין“ צו דער בלום-ווייב, לאָזט עס איבער אויף די בלעטעלעך-ליפּן פונם בלימל, און די בלום-מוטער שליסט עס איין אין זיך. פון דעם באַשאַפן זיך נאָך בלימעלעך. דאָס קינד אָבער האָט פאַרגעסן אין דער עצם-מעשה און האָט נאָר אַרויסגעדרינגען, אַז קינדער באַקומט מען דורך באַרירונג מיט די ליפּן, ווען דער מאַן מיטן ווייב קושן זיך אין מויל.

דורך אירע גאַנצע מיידלשע יאָרן האָט זי מורא-געהאַט זיך צוקושן מיט אַ בחור אין מויל. אַפילו נאָך דער חתונה איז איר געשטאַנען די געפאַר פאַר די אויגן, און ביזן היינטיגן טאָג מיידט זי אויס אינסטינקטיוו דעם קוש אין מויל...

אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס דער פאָטער האָט געהאַט זיין אויסגעזעצטע צייט זיך צו שפּילן מיט די קינדער, האָט זיך געשאַפן אין די קינדער אַן אויסערגעוויינלעכע פורכט פאַרן טאַטן אין די אַנדערע צייטן פון טאָג. ס'איז געווען געוווינט, אַז די דינערשאַפט זאָל האָבן איינגעפּליסטערט די קינדער, ווען זיי זענען אַריינגעקומען, אין אויער-אַריין: „מיסטער ברעסלויער איז אין זיין קאַבינעט“, און מען האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין אויף די שפּיץ-פינגער. און אַפילו אין דער האַלבער שעה, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר קינדער-צולאָזנקייט, האָבן די מיידלעך געוואוסט, אַז אַלץ האָט זיין גרענעץ און האָבן מורא-געהאַט זי אַריבערצוטרעטן. וואָרים ביי דער קלענסטער אומקאָרעקטקייט ביים טיש האָט דער פאָטער געקאָנט דעם קינד הייסן פאַרלאָזן דאָס עס-צימער...

גאַנץ אַנדערש איז געווען די מוטער. אַחוץ איר נאָכמיטאָגדיגן „שיינקייטס“-דרימל, אין וועלכן מ'האָט איר נישט געטאָרט שטערן, האָט מען געקאָנט קומען צו דער מאַמען, ווען

מ׳האָט געוואָלט. די מאַמע האָט ליב-געהאַט צו פּוצן די קינ־דער מיט שטאָפֿן, וואָס זי האָט באַצויגן פֿון דער אַלטער היים, — זומער אין געבלימלטע טיראָלער פֿויערשע „דערנדלעך״ מיט פֿאַרטוכלעך. מיט זייער קליידונג האָבן די קינדער געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די שכנים. ווען זיי האָבן זיך געשפּילט אין באָל אויף דער גראָז-לאָנקע, איז מען פֿון דער אַרומיגער געגנט געקומען צולויפֿן אַריינקוקן דורך די אייזערנע שטאַכעטן אויף דעם „דייטשן מאַסקאַראַד״. אין די יום-טובים, אָדער צו ספּעציעלע פֿייערונגען, האָט די מוטער זיי אָנגעטון ווייסע, אָנגעקראָכמאַליעטע, אויסגעהאָפּטענע באַטיסטענע קליידלעך מיט פֿאַלדן. דידאָזיגע קליידלעך האָבן אויך געמוזט שטאַמען פֿון דער אַלטער היימאַט. זיי זענען געווען פֿון אַזאַ אומבאַ־פֿלעקטער חייסקייט, וואָס זי דערמאָנט זיך נישט, אַז זי האָט ווען עס איז נאָך אַזאַ בלענדנדע העלקייט געזען. און קיינער האָט די פֿרענז, די פֿאַלדן און די טראָלדן נישט געקאָנט מאַכן אַזוי דראָטן-שטייף, ווי די גוטע „אַנט מערי״ (מומע מערי), זייער שוואַרצע דינסט.

אַז מ׳האָט זיי אָנגעטון אין די אויסגעהאָפּטענע באַטיס־טענע קליידלעך, האָבן די קינדער געוואוסט, אַז ס׳איז יום-טוב, און זיי האָבן זיך טאַקע געפֿילט יום-טובדיג. מען איז געווען ווי איינגעמויערט אין אַ הייזל. ווילנדיג, נישט-ווילנדיג האָט מען געמוזט גיין מיט פּאַראַד, מיט שטייפֿע טריט, און עס האָט זיך געגלוסט צו האַלטן די הענטלעך אויסגעשטרעקט אין דער לופֿטן, כּדי נישט צו באַרירן די בלענדנדיגע ווייסקייט פֿונם קליידל.

איינמאָל — דערמאָנט זי זיך — איז אַ שרעקלעכע זאַך מיט איר געשען, ווען זי האָט געטראָגן איר יום-טוב-פּאַראַד ועמיליע, וועלכע האָט נאָך ביז היינט נישט פֿאַרלוירן די פּע־איגקייט זיך צו רויטלען, ווי אַ שול-מיידל, ווערט ביי דעם זכרון-געדאַנק איינגאַנצן אָפּגעגאָסן מיט שעמעוודיגקייט...). ס׳איז געווען פּסח-פּרימאָרגן, ווען מ׳האָט זיי אָנגעטון, מאַטילדען און איר, די באַטיסטענע קליידלעך. זי האָט געהאַט צוויי שוואַרצע

צעפּ, פאַרפלאָכטן מיט רויטע בענדער, און איר שוועסטער — מיט אַ הימל־בלויאישן באַנד, ווייל איר שוועסטער איז געווען אַביסל בלאָנדלעך, געהאַט בראָנז־געלע האָר, געראָטן אין פאָטער. זיי זענען ביידע אַרויסגעקומען אויף דער ווערענדע צו געבן די עלטערן זייער מאָרגן־קוש. זיי האָבן געמוזט אויסזען, ווי צוויי מלאכימלעך, ווארים דער טאַטע, וואָס האָט זייער מקפּיד־געווען אויף זיינע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן, וועלכע ער האָט אָנגעווענדעט ביי זייער דערציאונג, און איז קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן פון זיי, האָט דאָס מאָל געמאַכט אַן אויסנאַם. תמיד האָט ער זיך באַגנוגנט מיטן אויסשטרעקן די רעכטע באַבאַר־דעטע באַק צו מאַטילדען און די לינקע צו איר צום קוש (און דערביי אויס פאַרזיכטיגקייט צוגעהאַלטן מיט דער האַנט די גאָלדענע פּענסנע אויף זיין לאַנגער, בייניגער נאָז), און נישט אויפגעהערט צו לעזן אין דער גרויסער צייטונג. דאָס מאָל אָבער האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם. ער האָט אַריבער־געוואָרפן זיין בליק איבער די ברילן אויף די קינדער. ער האָט אָפּגערוקט די צייטונג פון די קני, אַפילו אַראָפּגענומען די ברילן פון דער נאָז. אָוועקגעלייגט זיי פאַרזיכטיג פאַר זיך אויפן רויטן טישל, גענומען מאַטילדען אויף איין קני און זי, עמי־ליע, אויף דער צווייטער, אַרויסגעשטרעקט זיין גאַנץ פּנים (נישט נאָר בלויז אַ באַק) צוערשט צו מאַטילדען און דערנאָך צו איר.

רעשטן פון אַ־דע־קאָלאָן, פון כריזאַנטעמען־פּאַרפום, וואָס דער פאָטער האָט באַנוצט, האָבן זיך געטראָגן פון טאַטנס שטעכעדיגער באָרד, אויסגעמישט מיט עפּעס בייסנדיגס פון ניקאָטין און שלעכט־פאַרדייעטן עסן. דעמדאָזיגן געשמאַק פילט זי נאָך ביזן היינטיגן טאָג. דאָס, וואָס דער פאָטער האָט גע־מאַכט דעם אויסנאַם צו נעמען אין מיטן טאָג זיינע קינדער אויף די קני, איז געווען אַזאַ געשעעניש, אַז די מאַמע איז איר גרויסער זיידענער הויב, וועלכע זי האָט געטראָגן אויס פאָרזיכטיגקייט אויף איר פרימאָרגנדיגער פריזור (אויף וועלכער „אַנט מערי" האָט אַנדערטהאַלבן שעה געפּטרט), האָט גרויס

אויפגעעפנט די אויגן פון אונטער אירע שוואַרצע ברעמען. כאָטש איר טונקלהויטיג פנים האָט אינגאַנצן אויפגעשיינט פאַר נחת, האָט זי אָבער דאָך נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן, נישט צו דערמאָנען דעם פאָטער אין איר דייטשער שפּראַך:

— אַדאָלף, דו מאַכסט צו שאַנד „אַנט מעריס" מיזאַמע אַרבייט.

„פאַ" האָט די קינדער פאַרזיכטיג אַראָפּגענומען פון זיינע קני, מיט אַ זשעסט זיך גלייך-געמאַכט דאָס קורץ-געשווירענע בערדל, וואָס איז נאָך דענסטמאָל גאַנץ שוואַרץ-געווען, זיך אויסגעהוסט, די פענסנע צוריק אַרויפגעזעצט אויף דער נאָז, זיך אויף קיינעם מער נישט אַרומגעקוקט, און זיך צוריק פאַרטיפט אין זיין צייטונג.

„מאַ" האָט זיך געוויגט אין איר גרויסן וויג-שטול און געזאָגט צו די קינדער, אויך אויף דייטש:

— גייט, קינדער, אויף די „וויזע". גיבט אַבער אַכט אויף „אַנט מעריס" אַרבייט.

ס'איז געווען אַ פריילעכער, יום-טובדיגער גוט-מאָרגן. זי געדענקט נאָך די זון, וואָס איז דענסטמאָל געשטאַנען ביי זיי אין גאָרטן, אַזוי ווי זי, די זון, וואָלט געווען אַ הויז-איינגייערין. זי האָט די גאַנצע ווערענדע באַגאָסן מיט פריילעכער וואָרימקייט. זי געדענקט נאָך, ווי די ווייס-בלוילעכע בליט-בלעטלעך פון דער ציגערריאַ, מיט וועלכער די גאַנצע ווערענדע איז געווען אָנגעשטעלט, האָבן זיך געשפּילט אין די שטראַלן. עפּל- און קאַרשן-בליטן אויף די ערשטע פרילינגס-צווייגן האָבן געטאַנצט אין יום-טובדיגער ליכטיגקייט. און ווען די קינדער זענען אַרויסגעקומען אין גאָרטן אַריין, האָט זיי לייכט געוואַרימט, קינדיש-שטיפעריש שפּילנדיג זיך מיט זייערע ווייסע קליידלעך און שוואַרצע האָר, יעדער שטראַל באַזונדער.

דער פאַרפומירטער ריח פון ערשט-אָפּגעשניטן היי, וואָס האָט זיך געפילט אין יענעם העכלעכן פרימאָרגן, קומט איצט צו איר צוריק מיט איר יוגנט-זכרון. פונדערווייטנס פלאַקערן די ערשטע געלע בלימעלעך אויף דער לאָנקע. פון

די נאָך נישט־באַאַרבעטע קלאָמבן. קוקן־אַרויס פון ווינטער־געמויזעכץ פאַרבן־רייכע דיוואַנען פון ערשט־וואָס אויפגעשטאַנענע בליטן. די האָרטענזיעס בלעטערן זיך, און דאָ־און־דאָרט וואַקלט זיך אין ווינט און זון נאָך אַ פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן שניי־כּוכהלע. אויך די ביימלעך בעז זענען שוין אינגאַנצן באַשאָטן מיט בלעטער. און דאָ־און־דאָרט שטייען אויסגעסטראָיעט, ווי חתונה־כּלות, מיט בליעכץ אויף זייערע נאַקעטע צווייגעלעך, עפּל־ביימער און קאַרשן־ביימער. איינגעמויערט אין זייערע שטייף־אָנגעקראָכמאַליעטע באַטיסטענע קליידלעך, באַוועגן זיך די קינדער ווי ליאַלקעלעך. איר שוועסטער און זי האַלטן צוויי באַלן, אָנגעהאָנגען ביי די טאַליעס פון זייערע קליידלעך דורך געשטריקטע זעקעלעך. שפּילן זיך מיט באַלן טאָרן זיי נישט, ווייל זיי קאָנען זיך נישט איינבויגן דעם באַל אויפצוכאַפּ. כּדי נישט צוצעברעכן די שטייפע ראַנדן פון זייערע קליידלעך. שפּרינגען איבער „שטריק־בויגנס״ גייט גיכער. אָבער באַלד פאַרגעסן זיי אין שטרענגן אָנזאָג וועגן זייערע קליידלעך. זיי קוקן אויך נישט אויף די ענגע, מיט פּישביין באַנייטע סטאַניקלעך. זיי נעמען־אַרויס די באַלן פון זייערע געשטריקטע זעקעלעך און הייבן־אָן וואַרפן איינע צו דער אַנדערער. די זון־שטראַלן שפּילן־מיט. זיי וואַרפן און כאַפּן דעם באַל. אַזוי ווי זיי, אַזוי טוט אויך דער ווינט, דער הימל, די ערד. עס דאַכט זיך איר, אַז עס זענען איר אונטער איר סטאַניקל אויסגעוואַקסן פליגעלעך קליינע. זי באַדאַרף זיי נאָר צעשפּרייטן, און זי קאָן פליען. אָט טוט זי אַ פלי־שפּרונג צו די קאַרשן־ביימלעך, וואוהין מאַטילדע האָט דעם באַל געוואָרפן. יאָ, זי קאָן אים דערגרייכן, זי קאָן אים אויפכאַפּן. אָט האָט זי שוין די הענטלעך אויסגעשפּרייט, — און היידאַ!

מיטאַמאָל דערפילט זי עפּעס שרעקלעכעס. וואָס איז געשען מיט איר? ניין, זי איז דאָך נישט געפאַלן. זי שטייט דאָך די גאַנצע צייט אויף אירע פיס, ווי אַזוי האָט זי זיך פאַרוואונדעט? זי וויל שרייען, רופן, וויינען. אָבער אין דעם אויגנבליק ווערט דער צוגעוואוינטער, קינדיש־נאַטירלעכער הילף־

רוף אונטערדריקט פון אַ ניי-געבוירן געפיל פון שעמעוודיג-קייט. זי דריקט-אונטער דעם האַלב-אַרויסגערופענעם קוויטש, אַפילו פאַר איר שוועסטער פארשוויגט זי עס (זי דערמאָנט זיך איצט גוט דעם געראַנגל פון קינד און פרוי, וואָס איז פאָרגע-קומען אין יענעם אויגנבליק אין איר). אָפּגעגאָסן אינגאַנצן אין שעמעוודיגער רויטלעכקייט, האָט זי דעם באַל געלאָזט פאַלן. אַן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, איז זי געגאַנגען אין שטוב אַריין אויפזוכן איר מוטער.

זי איז שוין געווען פאַרזיכטיג נישט צו באַגעגענען זיך מיטן טאַטן... זי איז אַרויף אין איר קינדער-צימער. ערשט ביי דער טיר פון איר קינדער-צימער האָט דאָס אונטערדריקטע קינדישע געוויין געקראָגן אַן אויסלייז.

„אַנט מערי" איז אַ דערשראָקענע, מיט אַן אויסגעבלייכט נעגער-פנים, געקומען צולויפן אויף די טרעפּ. זי האָט צום ערשטן מאָל „אַנט מערי" נישט צוגעלאָזט צו זיך:

— גיי, זוך די מאַמע, איך וויל די מאַמע, מאַמע, — האָט זי געיאָמערט פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר.

ווי פון אַ חלום-אַרויס, האָט זיך דאָס דרייצן-יאָריגע קינד דערמאָנט אין דער מוטערס צוגרייטונגס-וואָרנונג וועגן ווייבערשער באַשערטקייט, וואָס שטייט דעם קינד פאָר... זי האָט די מוטער נישט פאַרשטאַנען און נישט געלייגט קיין אַכט. זאָל עס דאָס זיין ז... אָבער ערשט איצט קומט די שרעק פון געשעענעם (אונטערדריקט ביז איצט פון דער שרעק פון שעמעוודיגקייט). מיט אַנגסט פאַרן אומבאַוואוסטן וואַרפט זיך דאָס קינד אויפן בעט און הוילט איר פּנים אין אירע הענטלעך אַריין.

נאָר פון קאָרידאָר הערן זיך שוין די מאַמעס אייִלנדיגע טריט.

— עמיליע, דאַרלינג, שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט.

נישט צו קוקן „מאַ" אין פּנים אַריין, גראָבט זי אַריין איר קעפּל אין דער מוטערס שויס, פילט די לייכטע, גלאַטע האַנט אויף איר קאָפּ.

— ס'איז נאַטירלעך, עמיליע. שרעק זיך נישט. איך האָב דאָך דיר געזאָגט. יעדע פרוי —

עמיליע בייסט די מאַמעס זיידענעם מאָרגן-ראָק און כליפּעט-אַרויס:

— איך וויל נישט זיין קיין פרוי! איך וויל נישט!

פון דענסטמאָל-אָן איז געקומען דער ווייבער-גורל, ווי אַ גזלן אין מיטן טאָג, איר געבונדן הענט-און-פיס, און אַרויפגעוואָרפן מיט געוואַלט אויף איר דעם יאָך פון איר ווייבערשן גורל...

## קאַפּיטל ב

## ווי אַזוי עמיליע האָט זיך באַקאַנט מיט איר מאַן

עמיליע האָט געקעמפט קעגן איר ווייבערשער באַשערטקייט, און ווי יעדע פרוי, נישט געקאָנט עס בייקומען.

אין יענע צייטן איז דער ספּאָרט באַשטאַנען אין טעניסשפּילן און אויף וועלאָסיפּעדן אַרומפאָרן איבער איסטערן פּאַרקוועי קיין קוני-איילאַנד. עמיליע האָט געטון ביידע מיט גרויס חשק. זי האָט ליב-געהאַט צו שווימען. אין פרילינג איז זי געווען פון די ערשטע פייגל, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער קוני-איילענדער פּלאַזשע אין אַ באָד-קאָסטיום, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, לויט דער דעמאָלסטיגער מאָדע, געווען ברייט און לאַנג, ווי אַ ווינטער-קלייד, פאַרקנעפּלט ביזן טיפן האַלז, און אין זאָקן, און שטענדיג אין קאָרסעט, סיי ביים טעניסשפּילן, סיי ביים באָדן זיך. ביים טעניס האָט איר לאַנג קלייד — וואָס איז דעמאָלסט, לויט דער מאָדע, געווען שמאָל ביי די טריט — געבונדן אירע פיס. דאָך האָט זי ליב-געהאַט דעם ספּאָרט, ווי דאָס לעבן. איר שוועסטער און איר שול-פריינדין סילוויע ליכטענהיים פלעגן זיך לערנען רייטן אין איינער פון די גרויסאַרטיגע, מיט דער גאַנצער דעמאָלסטיגער ברייטקייט איינגעאָרדנטע רייטער-שולן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם אַריסטאָקראַטישן איסטערן פּאַרקוועי. אָבער עמיליע האָט אויפ

פערד באַקומען קאָפּ-שווינדל. זי האָט זיך מיט האַרץ-ווייטאָג געמוזט אָפּזאָגן פון פערד-רייטן. אָבער שווימען, ראָד-פאָרן, טעניס — דאָס איז שוין איר חיות. נאָר יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך פאַרגעסן, אַז זי איז אַ מיידל, איז געקומען איר ווייבערשע באַשערטקייט און איר דערמאָנט אָן דעם.

מיט „האַי-סקול" (גימנאַזיע) האָט זיך איר בילדונג פאַרענדיגט. אירע חברטעס, ספּעציעל טילוויע ליכטענהיים, וואָס איז געווען זייער אַקטיוו, און אויך איינינגע פון די „איסט-סאַידער" מיידלעך, האָבן זיך געקליבן ווייטער צו שטודירן, צו גיין אין קאָלעדזש (אוניווער-סיטעט), וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינצוגיין צווישן מיידלעך אין דער מאָדע. אויך זי, עמיליע, מיט איר יינגערער שוועסטער מאַטיל-דע האָבן זיך געקליבן דאָס צו טון. מען האָט אַפילו אָפּגערעדט צו פאָרן אין אַן אַנדערע שטאָט. עס זענען געפאַלן ווערטער ווי: „האַרוואַרד", „יעיל", „דאָרמיטאָרי", „פראַטוירניטי" (נעמען פון אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן). אָבער מר. ברעסלויער, זייער פאָטער, האָט געמאַכט אַן ענד פון אַלע גערעדעכצן: „האַי-סקול" איז גענוג. מען האָט געמאַכט דעם גרויסן דעביוט-באַל ווינטער, זי און איר שוועסטער, אָנגעטון אין צוויי לאַנגע ווייסע אַטלעסענע קליידער מיט האַלבע שלעפּעס, זענען אַריינ-געפירט-געוואָרן אין לעבן, זיך פאַרבויגן פאַר דער געזעלשאַפט, און יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן צו פאַרקערן אין הויז.

דעמאָלסט האָט מען פיל גערעדט וועגן די „איסט-סאַידער באָיס". מען האָט גערעדט, אַז די קינדער פון די יידישע אי-מיגראַנטן, וואָס זענען געקומען, נאָך די פּאָגראָם-יאָרן אין רוס-לאַנד, קיין אַמעריקע, זענען אומגעווייגלעך פעאיג, מען זאָגט-די בעסטע שילער אין שול. טייל פון זיי צייכענען זיך אויס מיט אַ גרויסן רעדנער-טאַלאַנט. אין דעבאַטן זענען זיי תמיד, און מען זאָגט זיי פאַר גרויסע קאַריערעס אין דער צוקונפט.

עס זענען געווען די צייטן פון פּרעזידענט רוזוועלט. אין לאַנד האָט געהערשט אַן אויסערגעוויינלעכע ליבעראַלע שטימונג, און אַ טענדענץ אויסצוקאָכן די באַפעלקערונג פון אַמעריקע אין אַלגעמיינעם שמעלץ-טאָפּ, וואָס איז געוואָרן דעמאָלסט אַ

לאָזונג, נאָך זאַנגווילס באַרימטער דראַמע „די מעלטינגפּאָט".
דער פּרעזידענט איז עקסטרע אַראָפּגעקומען פון וואַשינגטאָן, כּדי צו
זיין דער גאַסט פון דער „איסט-סאַיד" ביי אַ באַנקעט אין רעסטאָראַן
„ליטל האָנגערי". „סעלף-מעיד-מען" (אָן אַרויפגעאַרבעטער) איז
געווען דער גרעסטער יחוס, דער סימבאָל פון דער אַמעריקאַנער
גלייכקייט. מען האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף געבן יעדן מאַן אַ
„שאַנס". איינער פון די „איסט-סאַידער באָיס" האָט געאַרבעט ביי
עמיליעס פאָטער אין אָפיס. וועגן דעמדאָזיגן יונגעןמאַן זענען
אַרומגעגאַנגען לעגענדעס. אַלס אַ שיק-יינגל ביי אַן אַדוואָקאַט,
האָט ער אין די נעכט געלערנט, פאַרענדיגט אַ שול. דערביי
האָט ער פאַרדינט זיין אייגן שטיקל ברויט דורך פאַרקויפן ציי-
טונגען, און ער האָט נאָך פון צייט-צו-צייט אַרויסגעהאָלפן די
עלטערן. מיט אייגענע מיטלען איז ער אָנגעקומען אין קאָלאָמ-
ביער אוניווערסיטעט, אָן פּראָטעקציע, אָן וועמענס הילף.

און איינמאָל האָט זי אים אַפילו אין די אויגן געזען.

פּאַפּאַ האָט געדאַרפט אַרבעטן אין דער היים איבער
וויכטיגע אַקטן, האָט ער אים מיטגעבראַכט מיט זיך, אַז ער
זאָל אים אַרויסהעלפן. כאָטש עס איז אַזוי זעלטן פאָרגעקומען,
אַז פּאַפּאַ זאָל אַ פרעמדן, אַ מענטש, וואָס באַלאַנגט צו אַן
אַנדערן קלאַס, ברענגען אין הויז צום עסן. נאָר דאָ איז פאָר-
געקומען אַ טעות. פּאַפּאַ האָט אָנגעקלונגען פון אָפיס, אַז ער
ברענגט מיט זיך מיט אַ העלפער, ווייל ער דאַרף באַלד נאָכן
עסן אַרבעטן, ווען דער יונגערמאַן — ווי ער האָט אים גע-
רופן דורכן טעלעפאָן — מיט זיי מיטעסן. נאָר קיין שהיות נישט
מאַכן, קיין שום פאָרמאַליטעטן, פאַרשטייט זיך. פּאַפּאַ האָט זיך
צום עסן אַפילו די אָוונט-מלבושים נישט אָנגעטון, וואָס דאָס
איז זעלטן פאָרגעקומען. נאָר דער „יונגערמאַן" איז יאָ געקומען
אין אַ סמאָקינג, אין אַ ניי, שטייף, גוט-אויסגעקראָכמאַליעט
העמד (אויף וועלכן מען האָט אָנגעזען שפּורן פון היימישער
אַרבעט). פּאַפּאַ האָט שפּעטער דערקלערט, אַז ער האָט אים
אויסדריקלעך אָנגעזאָגט נישט צו קומען אין די אָוונט-קליידער.
(עמיליע געדענקט די דעטאַלן פון דער ערשטער באַגעגעניש

מיט איר מאַן, ווייל דווקא די דעטאַלן האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיגע ראָלע אין איר באַציאונג צו מענטשן). פּאַפּאַ האָט געוואָרפן אַ וואָרט: „מר. בראַון". און געהייסן זיך זעצן צום טיש.

די מיידלעך, איר שוועסטער און זי, האָבן געקוקט אויפן לעגענדאַרישן יונגענמאַן, ווי אויף אַ זעלטענע חיה. גאָר עס איז גאָרנישט געווען קיין זעלטענעס אין אים. דאָס איינציגע וואָס איז יאָ געווען קאָמיש, איז דאָס, וואָס ער איינער איז געווען אָנגעטון אין אָוונט-קליידער.

פּאַפּאַ, וואָס איז געווען אַ גרויסער מקפּיד אין אַלץ, וואָס איז נוגע זיין פּריוואַט-לעבן, ספּעציעל אין זיין הויז, האָט פּאַראַ־בל-געהאַט, וואָס דער יונגערמאַן איז געקומען אָנגעטון אין אַ סמאָקינג, ווי אַ פּאָרמעלער גאַסט. און פּאַפּאַ, וועלכער האָט געקאָנט צוימען זיין טעמפּעראַמענט, איז געווען דעם אָוונט נערוועז ביים טיש, געבייזערט זיך בחינם אויפן דינער. דער יונגערמאַן האָט זיך אָבער דערפון גאָרנישט געמאַכט. ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי נאַטירלעך, זיך אויפגעפירט ביים טיש אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, מיט פּשוטער ווירדע, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער יונגערמאַן איז שוין געוואוינט צו זיצן ביי זייער טיש פון לאַנגע צייטן אָן. צום סוף האָט זיין פּשוט באַנעמען זיך אויך געווירקט באַרואיגנד אויפן פּאַפּאַ. דער אַלטער ברעסלויער האָט פאַרגעסן, וואָס זיין געהילף האָט אים אָפּגעטון.

און דווקא צוליב דעם, וואָס דער פאָטער האָט געוואָלט האַלטן דעם יונגענמאַן אויף אַ דיסטאַנץ, אונטערשטרייכן זיין סאָציאַלע נישט גלייכע שטעלונג מיט זיי, האָט דאָס נאַטירלעכע האַלטן זיך פון יונגענמאַן באַלד געוואונען עמיליען אויף זיין זייט. עס איז אַפילו צו קיין נאָענטערער באַקאַנטשאַפט נישט געקומען ביים טיש. מען האָט צוליב דעם פאָטערס שלעכטן אויפגעלייגט-זיין, ווייניג-וואָס גערעדט. „מאַ" האָט זיך נאָר אָנגערופן:

— איך האָב שוין אַזויפיל געהערט וועגן אייך, וועגן

אייער פּאַאינקייט, אַז איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט אַריינצוגיין אין אָפיס און אָנקוקן דעם „פענאָמען".

דאָס וואָרט „פענאָמען" האָט מאָדנע געקלונגען.

דער יונגערמאַן האָט זיך גערויטלט, און דער קראַק פון זיין דאַרן האַלז, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פונם איבערגעטריבע־נעם הויכן קאָלנער, איז דורכגעלאָפן, ווי אַ מייזל, דורכן האַלז. ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט. ער האָט געמאַכט אַן אומגעלומפּערטע באַוועגונג מיט זיינע קנאָכיגע, לאַנגע הענט, אָפּגעענטפערט מיט נישט קיין שיינעם שמייכל אויף זיינע קוים־אַרויסגעוואָקסענע שוואַרצע וואָנסעלעך: „אָט, דאָס בין איך". און דערפאַר, ווייל די מאַמעס באַמערקונג איז נישט געווען אויפן פּלאַץ, האָט דער פאָטער געענדערט זיין טאָן צום יונגענמאַן, אויפגע־געבן זיין ברוגז־שטימונג און אָנגעהויבן צו רעדן מיט אים גאַנץ פריינטלעך.

דאָס באַנעמען זיך ביים טיש איז געווען נערוועיש: מען איז געווען אָדער צופיל פריינטלעך, אָדער צופיל ברוגז. דער איינציגער, וועלכער האָט זיך געהאַלטן נאַטירלעך, אַרויסגעוויזן אַ פיינע באַנעמונג, איז דווקא געווען דער „איסט־סאַיידער", וועלכן אַלע האָבן געוואָלט דערנידעריגן.

אַ וואונדער! ער האָט געהאַט טיש־מאַניערן. מען האָט טאַקע נאָך אָנגעזען שפּורן פון זייער נייער דערוואָרבנקייט, דאָ־און־דאָרטן האָט ער זיי געמאַכט אומגעשיקט. אָבער דאָס האָט פּאַרדעקט זיין פריי, אומגעצוואונגען באַנעמען זיך, אַ געוויסע זיכערקייט און גלויבן אין זיך, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון זיין אָפּן פּנים און פון זיינע דירעקט־קוקנדיגע אויגן. די פריי־קייט און זיכערקייט, וואָס אַמעריקאַנער קינדער דערווערבן זיך אין דער שול, לאָזן־איבער אַ כאַראַקטער־שטריך פון אומבאַ־צוואונגענקייט אויף זייער גאַנץ לעבן און דאָס גיט זיי די נוי־טיגע האַלטונג אין יעדער סיטואַציע: זי קוועלט־אַרויס פון דעם געפיל פון גלייכבאַרעכטיגונג, וואָס זיי זאַפּן אין זיך אַריין פון זייער קינדהייט־אָן. קיין שפּור פון דערנידערונג, פון מינדער־ווערטיגקייט, פון אַריינבעטן זיך. פאַרקערט, דער יונגערמאַן

האָט מער ווי אַלע אָנגעהאַלטן זיין נאַטירלעכע באַנעמונג, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער גייער, נישט אויף זיין מאָס צוגע-שניטענער, סמאָקינג האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיינע ביי-נערדיגע, שאַרף-אַרויסגעשניטענע אַקסלען; וואָס זיין געקראָכמאַ-ליעט העמד, מאַנזשעטן און קאָלנער האָבן געטראָגן אויף זיך קענטיגע שפּורן פון היימישן, געל-בלווילעכן וואַשן; וואָס פון זיין קנאָכיגן, אויסגעמאָגערטן קערפּער האָט אַראָפּגעיאָגט דער פרעמדלענדישער הויך פון דער „איסט-סאַיד", אין וועלכן עס טראָגט זיך נאָך דער ריח פון די שלעכט-געלופטערטע „צווישן-דעקן", אין וועלכע מען איז נאָר-וואָס אַריבערגעשוואומען דעם ים, פון די לענדער פון פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען.

ער האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון אַנדערע אַמעריקאַנישע „באָיס", וועלכע שטאַמען פון „דייטשע" פאַמיליעס און פאַרקערן „לעגיטים" אין הויז. זיין לענגלעך-געשניטן פּנים, דער טונקעלער, סלאַווישער קאָליר פון זיין הויט, זיינע גלאַנ-ציגע אויגן, זיינע געקרייזלטע שוואַרצע האָר, האָבן אים נאָר צוגעגעבן אַ פרעמדלענדישן חן און אַ רייץ פון אומבאַקאַנטן. זיין שטאַרקן ווילן אויסדריקנדיגער בליק, זיין אַמעריקאַניש זעלבשטענדיגקייטס-געפיל, זיין אומבאַצוואונגען האַלטן זיך האָבן געמאַכט פאַרזיכטיגקייט און היטן-זיך פאַר אים...

באַלד נאָכן עסן האָט דער פאָטער זיך אַנטשולדיגט פאַר דער פאַמיליע און זיך צוריקגעצויגן אין זיין קאַבינעט, צוזאַ-מען מיט דעם יונגענמאַן, וועלכער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט פאַר זיי. זיי האָבן זיך דאָרטן געזאָמט עטלעכע שעה. מאַטילדע, ווי תמיד, האָט נאָכן עסן, ווען זיי זענען געבליבן מיט זייער האַנט-אַרבעט, געמאַכט אויפן חשבון פון יונגענמאַן חוזקדיגע באַמערקונגען, צו וועלכע עמיליע האָט דאָס מאָל נישט געקאָנט צושטימען.

איר נישט-פּאַסיגע באַמערקונג, וואָס זי האָט געמאַכט ביים טיש, האָט די מוטער געוואָלט שפּעטער, ביי דעם יונגענ-מאַנס אַוועקגיין, פאַרגיטיגן. זי האָט אים איינגעלאַדן שוין אָפיציעל צום „לאַנטש" אויף זונטאָג, ווען עס פלעגן, געווינ-

לעך, זיך געפינען ביים טיש איינציגע פאַסנדיגע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געשדכנט צו די מיידלעך. ס׳האָט געהייסן אָפיציעל — צום טעניס-שפּילן.

דער פאָטער, וואָס איז געווען נאָך דער אַרבעט אויסער-געוויינלעך באַלעבט, האָט געהאַלטן דעם יונגעמאַן אונטערן אָרים (וואָס דאָס האָט די מיידלעך פאַרוואונדערט) און האָט אויך צוגעשטימט פריינטלעך צו דער מוטערס איינלאַדונג.

ווען זיי זענען געבליבן אַליין, האָט דער אַלטער ברעס-לויער געלאָזט פאַלן אַ באַמערקונג:

— ווען ע ר זאָל נישט אַוועק אין פּאָליטיק, שטייט-פאַר דעם יונגעמאַן אַן אויסערגעוויינלעכע קאַריערע.

און די מוטער האָט שלעפעריג גענעצנדיג צוגעלייגט:

— און באַרעכן נאָר, אַז דאָס קומט פון זייער אָרימע עלטערן, פון רוסישע עמיגראַנטן!

דעם צווייטן זונטאָג איז ער שוין אויפגענומען-געוואָרן ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. ביים טיש האָבן זיך אויך געפונען אַנדערע יונגע מענטשן: מאַרווין ראָבינסאָן, פעליקס נייהיימער, סילוויע ליכטענהיים און אַנדערע. זונטאָג האָט געהערט צו דער יוגנט. די שטרענגע דיסציפּלין, וואָס האָט געהערשט אַ גאַנצע וואָך ביים עסן, האָט נאָכגעלאָזט. מ׳האָט הויך גערעדט, דיס-קוטירט וועגן טאָג-פּראָבלעמען, וועגן רעדער-געיעג אינם ניי-אויפגעשטעלטן „מעדיסאָן סקווער”. נאָכן עסן האָט די יוגנט אָנגעפילט דעם גראָז-פּלאַץ פאַר די פענסטער מיט געלעכטער און פרייד. מען האָט זיך געקליבן צום טעניס-שפּילן, געוואַרט אויף דער שעה, וואָס איז געוואָרן פאַר זיי רעזערווירט אויפן טעניס-פּלאַץ. ניין, טעניס שפּילט ער נישט, מר. בראַון — ענט-פערט ער אָפּ אויף עמיליעס פראַגע. אויף אַ וועלאָסיפּעד פאָרט ער יאָ. לעצטן זומער האָט ער זיך אויסגעלערנט. יאָ, זיי קאָנען אַמאָל מאַכן אַ וועלאָסיפּעד-לויף אין צווייען קיין קוני-איילאַנד. דערווייל וויל ער, דער מיסטער בראַון, וועלכער איז גענייגט צו פּאָליטיק, אַריינציען די יוגנט אין אַ דעבאַטע וועגן די טאָג-פראַגן, וועגן וועלכע מ׳האָט דעמאָלסט גערעדט: וועגן

פרויען־וואָל־רעכט, וועגן דער באַוועגונג, וואָס גייט־אָן איבער. צורייסן די האַנדלס־באַציאונגען מיט רוסלאַנד צוליב די יידן פאַרפאָלגונגען, און אויך וועגן סאָציאַליזם — טעמען, וואָס אינ־טערעסירן די „איסט־סאַיד". אָבער דער עולם איז נישט אויפ־געלייגט צו אַ דעבאַטע. מען קוקט אויף דעם פרעמדן אָביסל קרום. מען איגנאָרירט אים. אויך אויפן טעניס־פּלאַץ דרייט ער זיך אַרום ווי אַ געבעכדיגער צוקוקער. די אַנדערע, דאַגעגן, אימ־פּאָנירן מיט דעם שפּיל, וואָס איז דעמאָלסט געווען נאָך רעזער־ווירט נאָר פאַר אויסדערווײלטע.

אָבער ביי דער נאָענטסטער איינלאַדונג צום זונטאָגדיגן עסן, וואָס געשעט אין אַ פאַר וואָכן אַרום, קומט ער אויסגע־פוצט טיפּ־טאָפּ צום טעניס־שפּיל מיט ראַקעט און באַלן; און זע: אויפן טעניס־פּלאַץ האַלט ער אָן מיט די אַנדערע, אימ־פּאָנירט אַלעמען, העלפט עמיליען אַרויס אין איר פּאַרטיע. מען קאָן זיך נישט העלפן, מען מוז אים אַריינעמען, ווי אַ גלייכן צווישן גלייכע.

איינמאָל, בעת אַן אויספלוג קיין קוני־איילאַנד, בעת זיי זיצן אויפן זאַמד ביים ברעג פון ים, רופט ער זיך אָן פשוט, אָן איבעריגע צערעמאָניעס, אָן יעדער צוגרייטונג:

— עמיליע (זיי האָבן זיך שוין דעמאָלסט גערופן ביי די נעמען), מעג איך האָפן, אַז איר וועט אַמאָל איינגיין צו ווערן מיין פרוי?

דאָס איז געשען אַזוי פּלוצלינג, און מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז עס האָט זיך איר געגלוסט אים אין פּנים אַריינצו־שרייען: — וואָס דערלויבט איר זיך?

נאָר דערפאַר טאַקע, וואָס עס איז געזאָגט־געוואָרן אין אַ נאַאיוון זעלבסטגלויבן, האָט זי בשעת־מעשה געקראָגן רחמנות אויף אים. נישט געוואָלט פאַרוואונדן זיין שטאָלץ. זי האָט הויך אויפגעלאַכט און געענטפערט:

— איך בין נישט צוגעגרייט צו דערדאָזיגער פראַגע. קומט, מיר וועלן אַהיימפאָרן.

אָבער איידער ער האָט זיך נאָך געזעצט אויף זיין

וועלאָסיפּעד, האָט זי זיך געלאָזט מיט אימפּעט אין וועג-אַריין.
ער האָט זי אַ גאַנצן וועג נאָכגעיאָגט און זי נישט גע-קאָנט כאַפּן, כאָטש זי איז נאָר געווען מיט עטלעכע שריט דערווייטערט פון אים. אַז זיי זענען אָנגעקומען צום טויער פון פּאַרק,ביידע אָפּגעהעשעטע און רויטע, האָט ער איר צוגע-וואָרפן:
— און דאָך וועט איר זיין מיין ווייב.
— פון וואַנען אַזאַ זיכערקייט? — לאַכט זי צו אים מיט חוזק און בטול.
— דערפאַר, ווייל איך וויל עס.
— און דאָס איז גענוג?
— ביז איצט איז עס געווען גענוג צו דערגרייכן אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט.
זי האָט אים געלאָזן אָן אַן ענטפער און איז אַריין צו זיך אין שטוב.
אָבער עס זעט-אויס אַז דער יונגערמאַן האָט מיט אַן אמת פאַרמאָגט אַזאַ ווילנס-קראַפט, אַז ער האָט געקאָנט דער-גרייכן אַלץ, צו וואָס ער האָט געצילט, אַריבערטרעטנדיג אַלע שטערונגען, ביז צו באַקומען פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון זיין שעף.
ער האָט זיך אין הויז ביי די ברעסלויערס אָנגעהויב זוייניגער צו באַווייזן. דערפאַר האָט אָבער עמיליע נישט אויפ געהערט צו הערן וועגן אים, וועגן דער גרויסער קאַריערע, וואָס שטייט אים פאָר, און דאָס נישט פון קיין אַנדערן, ווי פון איר אייגענעם פאָטער אַליין, וועלכן זי האָט געהאַלטן פאַרן העכסטן אידעאַל פון קלוגשאַפט, פאַרנעמלעכקייט און פאַמיליע-שטאָלץ. דער יונגערמאַן האָט געוואוסט, ווי אַזוי אַריינצוגנבענען זיך אין האַרץ פון זיין שעף, אַז דער אַלטער ברעסלויער האָט אויף אים אָנגעוויזן ווי אויף אַ ביישפּיל פאַר זיינע באַקאַנטע יונגעלייט. און דאָס וואָס ער איז אַ "סעלף-מעיד-מען" און שטאַמט פון קליינע מענטשן, אַ קינד פון דער „איסט-סאַיד", האָט נישט פאַרקלענערט זיין ווערט אין די אויגן פון דעם ליבעראַל

ברעסלויער, וועלכער האָט נאָך געצויגן זיין יניקה פון דעם אַכט-און-פערציגער רעוואָלוציע-יאָר. פאַרקערט, ס'איז זיך צונויפ- געפאַלן מיט די טענדענצן פון דער דעמאָלסטיגער אַמעריקע, וועלכע האָט פעאיגקייטן און שטרעבן געשטעלט העכער איבער אַלץ. דער אַלטער ברעסלויער איז געווען שטאָלץ אויף זיין געהילף. און ווען ס'האָט אַמאָל ווער פון זיינע באַקאַנטע גע- וואָרפן אַ וואָרט פון בטול אויף מיסטער בראַונען, אַז ער שטאַמט פון „גרינהאָרנס", האָט דער אַלטער אָפּגעענטפערט:

— מיר אַלע הייבן דאָ אָן פון זיך אַליין. אין דעמ- דאָזיגן לאַנד זענען מיר אויף ס'ניי געבוירן-געוואָרן.

מיסטער בראַון האָט אַרויסגעוויזן אין זיין האַלטן זיך אַזאַ ווירדיגע באַנעמונג, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל אויפנעמען דאָס געוועט מיט די יונגעלייט, וואָס זענען געקומען פון גוטע הייזער, און מיט וועלכע ער האָט זיך איצט געטראָפן ביי די ברעסלויערס ביים טיש. אָפטמאָל האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז נישט ער האָט זיך מיט וואָס צו שעמען אָדער צו באַהאַלטן זיך פאַר זיי, נאָר גאָר פאַרקערט. זיין פעסטע זיכערקייט אין זיך, ווי עס פאַרמאָגן מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַליין אַלץ צו פאַרדאַנקען, האָט געווירקט ממש אַרויספאָדערנדיג. עס איז אים קיינמאָל גאָרנישט איינגעפאַלן צו באַהאַלטן אָדער צו פאַרשענערן די פאַרהעלטענישן און דעם יחוס, פון וועלכן ער שטאַמט. ער האָט זיך נישט געגרויסט מיט זיין פאָטער, דעם שניידער פון דער „איסט-סאַיד". ער האָט זיך אָבער אויך נישט געשעמט מיט אים. ביים טיש, אין דער געזעלשאַפט פון דער יוגנט, ווען עמעצער פון זיי האָט אים פראָוואָצירט, פלעגט ער דערציילן וועגן זיינע עלטערן מיט אַזאַ באַטירלעכקייט, ווי די אַנדערע פלעגן דערציילן וועגן זייערע עלטערן באַנקירן און געשעפטס-לייט. דערביי אָבער האָט ער געקאָנט זיין „נידעריגן" יחוס אַרומהילן מיט אַזאַ אומגעזעענער, נישט-אויספאַלנדיגער גלאָריע, אַז עס האָט די אַנדערע צוריקגעוואָרפן און איבערגע- לאָזט ווייט הינטער אים. זיין פאָטער איז טאַקע אַ פּראָסטער „איסט-סאַידער" שניידער. אָבער ער איז אַ געלערנטער, אַ

יידישער רב כמעט, וואָס וויל פון זיין געלערנטקייט נישט ציען
קיין מאַטעריעלע נוצן, אַזוי ווי עס פירט זיך ביי פרומע יידן.
ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן רב ביי זיינע לאַנדסלייט.
ער וויל זיך בעסער פאַרדינען זיין טרוקן שטיקל ברויט מיט
אַרבעט. אין די שבתים לערנט ער מיט זיינע לאַנדסלייט דאָרטן
ערגעץ אין דער פאַרוואָרפענער „איסט-סאַיד“, אויף אַ בוידעם
שטיבל, בחינם, אָן יעדן באַצאָלט, די ביבל און תלמוד. ער
שפּילט ביי זיינע לאַנדס-לייט די ראָלע פון אַ פּאַטריאַרך. אין
אָוונט, נאָך דער אַרבעט, קומען זיי צו אים, ווי צו אַ חכם,
אַ פירער, פרעגן עצות. אָ, ס'איז זיך בשעת זיינע שטודיום-
יאָרן נישט געווען וואו אַהינצוטון אין דער ענגער שטוב. אָפּט-
מאָל האָט ער געמוזט מאַכן זיינע אויפגאַבן ביים קאַרגן גאַז-
ליכט אין קאָרידאָר. זיי האָבן, מיט רעכט אָדער אומרעכט —
האָט ער צוגעלייגט — פאַרנומען דעם אַלגעמיינעם קאָרידאָר
פאַר זייער אייגענעם, פּערזענלעכן געברויך, קעגן דעם פּראָטעסט
פון די שכנים. זיין מוטער, — אָ, זיין מוטער, די אַלטע גוטע
נשמה! זייענדיג זייער פאַנאַטיש-פרום, וועט זי זיך נישט צורירן
אין שבת צו קיין ליכט. זי פלעגט אָוועקגעבן דעם לעצטן ביסן
חלה דעם רוסישן „שבת-גוי“, אַז ער זאָל איר די ליכט אויס-
לעשן. דער רוסישער פּאָגראָמשטשיק (דאָ איז געקומען אַ ראָ-
מאַנטישע געשיכטע) האָט אָבער אויסגענוצט די פרומקייט פון
זיין מוטער און האָט יעדן פרייטאָג אָוונט געשטרייקט, געהויבן
דעם פּרייז. ביז ער האָט זיך איינמאָל מישב-געווען, אַז ער
אַליין וועט אויספירן די פונקציעס פון רוסישן „שבת-גוי“. ער
וועט בעסער די ביסנס חלה אָפּשפּאָרן פאַר דער פאַמיליע, אויף
וואָס די מוטער איז איינגעגאַנגען ערשט נאָך אַ געשעענעם
פאַקט, און ערשט נאָכדעם ווי זי האָט זיך מיאש געווען צו
מאַכן פון איר זון אַ רב, ווי עס איז געווען איר הייסער
וואונטש. אָבער דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן צוצולייגן:

— ווען איך בין געגאַנגען אין קאָלעדזש, האָט די אַלטע
גוטע נשמה אַהיימגענומען, אָן אונזער וויסן, פרעמדע וועש
צו וואַשן, כדי פאַר מיר מעגלעך צו מאַכן דאָס שטודירן. כאָטש

זי האָט געוואוסט, אַז דאָרטן, אין דער אַמעריקאַנער שול, לערנט מען נישט צו ווערן אַ רב. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן איר דאָס תיכף פאַרבאָטן, און איך האָב מיר אויף מיין ערשטן יאָר קאָלעדזש אונטערפאַרדינט דורך צייטונגס-האַנדל. אָבער איצט, גאָט צו דאַנקען, נאָכדעם ווי איך בין געוואָרן נישט קיין רב פון דער אַלטער היימאַט, נאָר אַן אַמעריקאַנער יוריסט, קאָן מיין פאָטער, ווי אַן אַלטער פאַטריאַרך, זיצן גאַנצע טעג און אויסטיילן זיינע לאַנדסלייט עצות, און די מאַמע, די אַלטע גוטע נשמה, קאָן אַרומגיין צו די קראַנקע שכנות און זיי אַרויסהעלפן אין זייער נויט.

די מעשיות פון זיין נידעריגן אָפּשטאַם, ווי פרעמד און פריקרע זיי האָבן נישט געקלונגען ביי דעם רייכן טיש פון די ברעסלויערס, האָבן אָבער דאָך נישט פאַרפעלט איבערצולאָזן זייער געהעריגן איינדרוק. נאָך דערצו, אַז דער, וואָס האָט עס דערציילט וועגן זיך, און וואָס האָט עס אַלץ דורכגעלעבט אויף זיין אייגענער הויט, זיצט מיט זיי, ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. עס איז נישט געווען אָנצומערקן קיין שפור פון יענע טרויעריגע געשעענישן נישט אויף זיין פערזאָן, נישט אויף זיינע קליידער, נישט אין זיין באַנעמען זיך. ער פאַרנעמט זיין שטעלונג אין לעבן מיט ביידע אָרעמס, אַ סך שטאַרקער און זיכערער, ווי די פילע, וואָס זיצן דאָ און הערן אים אויס... מערקווירדיג, ווי ער האָט געמאַכט דעם שפרונג פון דער טונקעלער „איסט-סייד" צו דעם רייכן ברעסלויערס טיש, אָן זיך עפּעס צו שאָדן!

נאָר פאַר איין איינציגן מענטש אין דער געזעלשאַפט האָט ער געשפילט דעם נידעריגערן און געפאַלענעם: דאָס איז געווען פאַר עמיליען. ער האָט איר שוין לאַנג געגעבן צו וויסן דורך זשעסטן, באַנעמען זיך און אַמאָל אויך דורך האַלבע ווערטער, אַז ער באַדויערט זיין יינגעלשן אויסברוך, זיין דערקלערן זיך איר אויף אַזאַ חוצפּהדיגן אופן. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיין צעהיצטער פאַנטאַזיע און איינגערעדטער שטאָלצקייט, און ווייטער גאָרנישט. ער האָט זי געבעטן אים מוחל צו זיין און אים נישט צו דערווייטערן פון איר געזעלשאַפט. זי האָט

אים גאָרנישט געהאַט וואָס מוחל צו זיין. זי האָט וועגן דעם מער נישט געדענקט, און זי האָט אים ווייטער געדולדעט אַרום זיך, אַזוי ווי די אַנדערע יונגעלייט. אָבער ער איז געווען דאַנקבאַר פאַר יעדן געשענקטן שמייכל, געווען גליקלעך פון יעדן געשענקטן שפּאַציר-גאַנג.

פאַרשטייט זיך, אַז יענע טרויעריגע טעמע איז מער נישט באַרירט-געוואָרן.

אָבער דאָך האָט ער זיך נישט געבויגן צופיל פאַר איר. ער האָט ביי דער גאַנצער דאַנקבאַרקייט און גליקזעליגקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן פאַר געשענקטע חסדים, געקאָנט באַנעמען זיך מיט אַ רעזערווירטער, טאַקטישער צוריקגעהאַלטנ־קייט. דער געזונטער אינסטינקט פון זיין פּרימיטיוון, שטרעבנ־דיגן גייסט און דער אויסגעפורעמטער, ציל-באַוואוסטער וואונטש זיינער האָבן אים געלערנט, ווי צו מאַנעווורירן ביים אַרויסווייזן זיינע געפילן, און האָבן אים געגעבן דאָס נויטיגע גלייכגעוויכט.

אָבער מערקווירדיג! קיינער האָט נישט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט דעריבער, און דאָך איז עס געלעגן אין דער לופט. ווי אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, אַז עמיליע איז באַשטימט פאַר מיסטער בראַון.

נישט בלויז די עלטערן, וועלכע האָבן, ווי אַלע עלטערן, געהאַט דעם נויטיגן חוש פאַר אַזעלכע זאַכן, נאָר אַפילו די יוגנט, וועלכע האָט זיך געשדכנט צו עמיליען, האָט אַזוי ווי רעזיגנירט פאַרן שטאַרקערן פון זיי, און איבערגעלאָזן עמיליען פאַרן „איסט-סיידער באָי״ (ווי מען האָט גערופן מיסטער בראַון הינטער די אויגן).

די זאַך איז אָבער נישט אַקטועל-געוואָרן, אַזוי לאַנג ווי עס איז נישט געווען קיין פּאַסיגע און באַשטימטע אויסזיכט פאַר דער מיט איין יאָר יינגערער שוועסטער, פאַר מאַטילדען. מאַטילדע איז אין וואוקס געווען פיל שטאַרקער און מער אַנט־וויקלט פון עמיליען. מיט איר אַטלעטיש-קלאַסישער פיגור האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון עמיליען. דערפאַר אָבער, זינט דער יונגער

אירווינג גרין, פון דער פירמע „גרין, זילבער און קאָמפּאַניע", האָט זיך אָנגעהויבן שדכענען צו מאַטילדען, זענען די ברעסלויערס געוואָרן אומגעדולדיג אין באַצוג צו זייער עלטערער טאָכטער, צו עמיליען. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער אַלטער ברעסלויער האָט איינמאָל אין אָוונט, אין „אַלגעמיינעם צימער", בעת דער האַלבער שעה, וואָס ער ווידמעט זיין פאַמיליע נאָכן אָוונט-עסן, זיך אָנגערופן נישט דירעקט צו עמיליען, נאָר צו אַלעמען אין שטוב:

— דערפאַר, ווייל ער קומט פון נידעריגערן אָפּשטאַם, גיט דאָס נאָך נישט קיינעם דאָס רעכט אים אַרומצופירן ביי דער נאָז. פאַרקערט: יחוס לייגט אַרויף פליכטן. און דערפאַר, ווייל דער גורל איז צו מיינע טעכטער געווען בעסער, ווי צו אַנדערע מענטשנס קינדער, באַדאַרפן זיי זיך פילן דורך דעם נידעריגער, נישט העכער...

עמיליע האָט לכתחילה נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און צו וועמען דיזאָזיגע ווערטער זענען, אייגנטלעך, געווענדעט. דערנאָך, ווען זי האָט עס אַרויסגעפילט פון די בליקן, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן אויף איר, האָט זי זיך געפילט ווי אָפּגעבריט. זי האָט פאַרלאָזן דעם אַלגעמיינעם זאַל און איז מיט נאַסע אויגן אַוועק אין איר צימער.

איר שוועסטער איז זי שפּעטער געקומען טרייסטן. עמיליען האָט זיך געדאַכט, אַז זי שטייט אין אַ רייע ביי אַ באַן-קאַסע צו קויפן אַ בילעט אַוועקצופאָרן. הינטער איר שטייען אַנדערע און שטופּן זי, יאָגן זי אונטער. פאַר איר איז איבערגעבליבן איינס פון די ביידע: דעם בילעט צו קויפן, אָדער אַרויסצופאַלן פון דער רייע.

קיין סך צייט אויף איבערצוקלערן האָט מען איר נישט געגעבן. מאַטילדע מיט איר איבערגעוואָקסענעם קערפּער איז געווען אַ גרויסע לאַסט, וואָס האָט געדריקט.

זי האָט זיך באַשלאָסן צו קויפן דעם בילעט.

צוויי אורזאַכן האָבן דערביי מיטגעשפּילט. די הויפּט-אורזאַכע איז געווען „די אַנגסט אַרויסצופאַלן פון דער רייע.

ווער ווייסט, ווען זי וועט ווידער שטיין אין איר! די צווייטע איז געווען זיין רירנדע דאַנקבאַרקייט פאַר יעדן קליינעם חסד, וואָס זי באַווייזט אים.

אין אָוונט, נאָכן עסן, אין אַלגעמיינעם זאַל, בעת דער האַלבער שעה, וואָס מר. ברעסלויער האָט פאַר זיין מנוחה, האָט זיך מרס. ברעסלויער פאַרטראַכט. אירע טונקעלע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ־וואו אין דער ווייטקייט אַרויס. איר לאַנגע רהייניש נאָז איז געווען טרויעריג. זי האָט גערעדט ווי צו זיך, ווי שטענדיג, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַמיליע־זאַכן, אין איר דייטשן דיאַלעקט:

— אונד צו באַדענקען, דאָס דער מאַן קומט פון אַזאַ נידעריגן אָפּשטאַם.

— דאָס איז פאַר מיר נישט קיין חסרון, נאָר אַ מעלה. דאָס באַווייזט, אַז ער איז עפּעס ווערט, אויב ער האָט עס דערצו געבראַכט. — האָט אָפּגעענטפערט מר. ברעסלויער. ער האָט זיך געגעבן אַ צופּ ביים בערדל, וואָס האָט שוין אָנגע־הויבן דענסטמאָל זייער צו גרויען, און צוגעלייגט: — דערבאַר וועט ער עס וויסן, ווי אָפּצושאַצן.

## קאַפּיטל 3

# הייראַט-לעבן

עמיליע האָט יאָ געוואוסט און נישט געוואוסט, וואָס חתונה-האָבן מיינט. דאָך, אַז עס איז געקומען דערצו, מיט די אַלע אומבאַגרענעצטע רעזולטאַטן פון חתונה-געהאַט לעבן, איז זי געווען דערשראָקן און האָט זיך געווערט געגן דעם. זי האָט זיך געפילט, ווי זי וואָלט איבערגעענטפערט-געוואָרן מיט אַלע אירע סודות צו אַ פרעמדן מאַן. אירע עלטערן, אירע פריינט, אירע פאַרערער ווייסן דערפון און ווילן זי נישט ראַטעווען. איר מאַנס שטרעבערישער אינסטינקט האָט אויך דאָ אים דיקטירט דעם נויטיגן טאַקט און האַלטונג. קיין גרויסע ליידנשאַפט האָט אין אָנהייב נישט מיטגעשפּילט אין זיין שדכנען זיך צו עמיליען. ווען די ליידנשאַפט איז דערנאָך געוועקט-געוואָרן דורך אירע מיידלשע מניעות, האָט ער שוין אָבער געוואוסט, ווי זי צו באַהערשן און האַלטן אין צוים. ער האָט איר געגעבן די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט געדאַרפט, כדי זיך אַרויסצוּוויקלען פון אירע מיידל-שלייערן. ווען ער האָט זי ענדלעך מנצח-געווען, האָט ער שוין נישט געקאָנט קאָנטראָלירן, צוימען די ברוטאַליטעט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן ביי דעם אַקט, וואָס קאָן נאָר פאַרגליכן-ווערן מיטן טויט. עמיליע, וועלכע האָט זיך געפילט, ווי אַ גזלן וואָלט זי, אַן אומבאַשיצטע, באַפאַלן אינמיטן וואַלד, האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַרגעסן

צומאָרגנס דאָס נויטיגע און אים אויף תמיד פאַרלאָזן. דערדאָזיגער באַשלוס האָט אָבער נאָר געדויערט ביז אויף מאָרגן. אינדערפרי האָט זי זיך נישט באַוויזן צום פרישטיק. ער האָט געהאַט געגוג טאַקט איר נישט צו שטערן, און אויך נישט, ווי יעדעס מאָל, צו פאַרלאָזן דאָס הויז צו גיין אין אָפיס. ער האָט מיט הכנעהדיגער גליקזעליגקייט געוואַרט אויף איר הינטער דער טיר פון זייער שלאָפצימער. זי האָט געהערט (אָדער האָט דאָס די באַזיגטע מיידעלשקייט געשפּילט אין איר?) די דאַנקבאַרקייט פון זיין גליק אין די טריט, וואָס הערן זיך הינטער דער טיר. אַז זי איז ענדלעך אַרויסגעקומען פון איר שלאָפצימער, איז זי נישט געווען אָנגעטון אויף צו פאַרלאָזן דאָס הויז, נאָר אין איר זיידענעם אויסשטייער-מאָרגן-ראָק, די האָר צעלאָזט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט באַהאַלטן איר קליינעם אָוואַלן קאָפּ אויף זיין שטאַרקער ברוסט, און איז געשטאַנען אַזוי. אַז ער האָט ג׳וואָלט עפּעס זאָגן, האָט זי גענומען איר ווייכע, קליינע האַנט און זי אַרויפגעלייגט אויף זיין מ׳יל. ער האָט געהאַט גענוג טאַקט צו פאַרשווייגן, געבנדיג איר נאָר אַ קוש אין האַנט...

קיים אָבער האָט ער זי באַזיגט, איז זי געווען דערליידיגט פאַר אים. שטרעבערישע נאַטורן טיילן-איין זייער לעבן אין שטאַפּלען. וואָס איז זי געווען פאַר אים, אויב נישט נאָר אַ טרעפּ אויפן לייטער צו דער העכסטער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער שטעלונג, צו וועלכער עס האָבן אים געיאָגט זיינע אַמביציעס? ער איז אין דעם גאָרנישט שולדיג-געווען, און ער האָט נישט געפילט קיין שולד אין דעם אומגליקלעכן לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר דעם קרבן. אַן אומגעזעענע קראַפט האָט אים קאָנטראָלירט און דיקטירט אַלע זיינע מעשים. איבער דער קראַפט פון זיין שטרעבער-לוסט איז קיין האַר נישט געווען.

דער קאַמף איז בעווען אַ פאַרביטערטער. אויף שריט-און-טריט האָבן געלויערט שטרויכלונגען, וואָס פריינט און פיינט האָבן פאַרשפּרייט אויפן וועג פון זיין דערפאָלג, און ער האָט געמוזט די אַלע מכשולים ביינקומען. האָט ער געהאַט צייט זיך

ארומצוקוקן אויף עפעס, וואָס ער האָט בעלאָזט הינטער זיך פאַר די אויגן איז געשטאַנען אַ פּיל-ווייטערע און וויכטיגערע זאַך, וואָס ער האָט גענומען פאַר זיין ציל: נאָמינירט צו ווערן פון זיין פּאַרטיי אויפן אַמט פון אַ ריכטער.

זיין לעבן איז געווען אויסגעפילט פון שטרעבערישע צוועקן, ווי אַ געוועבט לייוונט פון אויגן-קניפּלעך. ער האָט נישט געהאַט קיין איין מינוט צייט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן זיך אַליין. ער האָט קיין איין טרונק נישט געטון פון זיין לעבנס-קוואַל מיט חשק, געטריבן פון דורשט, נאָר ווי אַ פאַר-יאָגטער שקלאַף, אונטערגעשמיסן פון זיינע אַמביציעס. ער איז געטריבן-געוואָרן פון אַן אומגעזעענער רוט צו די צילן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט צו דערגרייכן אין זיין לעבן. טעג זע-נען געפרעסן-געוואָרן צווישן זיין אָפיס-אַרבעט און דער פּאָלי-טישער טעטיגקייט אין זיין פּאַרטיי, צו האַלטן זיין פּערזאָן פאַר די אויגן פון דער עפנטלעכקייט. ער איז געווען טעטיג אין צענדליגער צדקה-געזעלשאַפטן. דאָ האָט ער געשטרעבט צו ווערן פּרעזעס פון אַ נייעם שפּיטאָל, דאָרטן האָט ער אַריינגע-מישט זיך אין אַן אָנגעלעגנהייט וועגן שאַפן אַ רעליגיעזע זונטאָג-שול פאַר אימיגראַנטישע קינדער. ער האָט אויפגענומען אַ געזעלשאַפטלעכע אַקציע געגן העכערן געוויסע פּרייזן און אָפּצאָלן, פון וועלכן ער האָט דערוואַרטעט צו קריגן אַ גרויסע פּאָפּולערקייט. ער האָט זיך געחנפעט צו די גרעסערע פון אים, געווען אונטערטעניג, ווי אַ לעמעלע, צו יעדן קלינגענדיגן נאָ-מען אין דער פינאַנץ אָדער פּאָליטיק. ער איז געווען אויף דער וואַך און גרייט אויסצופירן די וואונטשן פון די מעכטיגע. ער איז געווען שטענדיג באַזאָרגט וועגן די מיינונגען איבער אים פון די, דורך וועלכע מען קאָן קומען צו גדולה און אָנ-זען. ער האָט געוואוסט, ווי צו לעבן גוט מיט די „באָס", וואָס האָבן צו זאָגן אין דער פּאַרטיי, און דאָך זיך צו האַלטן אויף אַ דיסטאַנץ, נישט צופיל זיין מחותן מיט זיי, נאָר אויף צוויפיל, אויף וויפיל עס איז נויטיג, כדי אָנצוהאַלטן זיין רע-פּוטאַציע ביי די „באָס" פאַר אַ גוטן „קאָכלעפל", דערביי

אָבער זאָלן זיי זיך פילן געערט, וואָס ער חברט זיך מיט זיי, און דער עיקר האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט זיך אַליין, זיך צו איבן, אַרויפצוצווינגען דעם קאַלטן, גלייכגילטיגן שמייכל פון אַ „דזשענטלמאַן" אויף זיין פנים, צו האַלטן אין שפּאַן זיין סלאַווישן ענטוזיאַזם, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, נישט אַרויסצואווייזן קיין ליידנשאַפטן, צו וואָס זיין אינערלעכע נאַטור האָט אים געצויגן. אַפילו זיין אויסערלעכע קליידונג האָט אים געמאַכט פיל זאָרגן – איינצוצוימען זיין אומגעדולדיגן, אָריענטאַלישן קערפּער אין אַ דזשענטלמענישן שוואַרץ, צו זיין צוגעקנעפּלט ביז צום לעצטן קנעפּל אין די אומדערטרעגלעכסטע היצן, ווען עס איז אים אויסגעקימען צו זיין אויף אַ פאַרזאַמלונג מיט מענטשן „פאָרנעמע". כאָטש ביי זיך אין אָפיס, פאַרשלאָסענערהייט, האָט ער נאָר געקאָנט גוט אַרבעטן, ווען ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ראָק און פאַרשאַרצט די אַרבל.

ער האָט זיך דרעסירט, געלערנט און געאיבט. ווי אַ הונט, וואָס איז שפּעט אויפגענומען-געוואָרן אין אַ גוט הויז, אָדער ווי אַ גוט-פאַרנעמענדיגער הונט, וואָס מיט זיך צו גע- פעלן זיינע האַרן, האָט ער אויפגענומען די מאַניערן פון דער געזעלשאַפט. ער האָט אויפגעכאַפּט יעדן פיינעם ענגלישן אויס- דרוק, וואָס ער האָט געהערט באַנוצן אַ גרעסערן פון אים. ער האָט באַמערקט יעדע איידעלע באַוועגונג מיט דער האַנט, וואָס בעסערע פון אים האָבן באַנוצט, און מיט ראַפינירטער צו- געפּאַסטקייט האָט ער עס זיך איינגעשאַפּט און איבערגעקייט פאַרן אייגענעם געברויך, האָט עס צוגעפּאַסט צו זיין אייגענעם שניט, ביז עס איז אַרויסגעקומען אַן אָריגינעלע, פון אים אויס- געפונענע, מאַניער.

מען מוז צוגעבן, אַז דער מאַן, וואָס האָט פאַרבראַכט זיין קינדהייט, ווי אַ קליין חיהלע, אין נאָרעס און לעכער, פון אַכט יאָר אָן פון זיין לעבן פאַרדינט זיין אייגן ברויט, זיך אַרומגעביסן מיט חברים-חיהלעך אין געראַנגל, האָט עס אַזוי ווייט געבראַכט, אַז ער האָט שוין מיט זיינע קינדער-שטוב-

מאַניערן אימפּאָנירט. געמאַכט אַן איינדרוק אויף די, וואָס האָבן זיך דערצויגן אונטער דער אויפזיכט פון באָנעס און גואווער־נאַנטקעס. אַלע האָבן געמוזט צוגעבן, אַפילו זיינע פיינט, אַז וואָס מען זאָל נישט זאָגן אויף מר. בראַון, איז ער אָבער אַ פּערפעקטער „דזשענטלמען".

אַ שטרעבער איז ווי אַ שוישפּילער: אַ גאַנצן טאָג איז מר. בראַון אַרומגעגאַנגען אין אַ קאָרסעט. מיט הונדערטער שנורן איז ער געווען איינגעצויגן. טויזנטער אויגן האָט ער געהאַט זיך צו באַקוקן. ער האָט זיך אַלץ איינגעחזרט: „היט דיינע טריט".

אַ שוישפּילער, וואָס שפּילט אַ גאַנצן טאָג אַ פרעמדע ראָליע, האָט אַ באַדערפעניש אויסצושפּאַנען זיך, אויסצושרייען זיך, אויסצוטון זיך נאַקעט, אויפצוקנעפּלען אַלע קנעפּלעך, אויפצולאָזן אַלע שנורן.

דאָס פלעגט ער, פון צייט־צו־צייט, טון אינדערהיים. טאַקע נישט אָפט, אָבער עס פלעגט דאָך פאָרקומען.

אָנגעהויבן האָט עס זיך פון אַ קלייניגקייט: ביי זיין גאַנצער פאָרנעמלעכקייט און קלוגקייט, האָט ער זיך נישט גע־קאָנט איינגאַנצן גוט באַגיין מיט דער דינערשאַפט. עס איז מער געווען די שולד פון דער דינערשאַפט, איידער זיין אייגענע. עס איז געווען אַזוי ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשפּירט דעם גערוך פון זיין הויט. האָבן זיי נישט געהאַט קיין איבעריגן דרך־ארץ פאַרן האר פון שטוב. מערקווירדיג: וואָס מרס. בראַון האָט נישט באַפוילן, האָט מען אַלצדינג אויסגעפירט מיט אַ גרויסער הנאה. זי האָט געהאַט, קאָן מען זאָגן, אַ מאַגישע קראַפט, אַ כישוף־קראַפט איבער זיי. באַנוצט האָט זי איינפאַכע ווערטער. האָט זיך געהאַלטן שטענדיג אין אַ רואיגן, פאָרנעמען טאָן, ליבנסווירדיג, נאָר קאַלט. וויפיל מר. בראַון האָט נישט געפּרואווט זיך צוגעוואוינען צו דערדאָזיגער זעלבסטפאַרשטענדלעכער באַנעמונג צו דער דינערשאַפט, האָט ער דאָס נישט געקאָנט בייקומען. ער איז געווען צו זיי אָדער איבעריג־צוגעלאָזן, אָדער ער האָט געבלאָזן פון זיך, געשריגן

אויף זיי. וואָס ערגער ער פלעגט ווערן אין כעס, אַלץ מער פלעגט ער באַנוצן ווערטער, פאַר וועלכע מרס. בראַון האָט זיך געשראָקן און זיך געפילט באַליידיגט. וואָס אין איר געגנוואַרט ווערט אַזעלכעס געברויכט. פאַרשטייט זיך, אַז דער כעס זיינער, ווי אויך דאָס באַנוצן וואולגאַרע ווערטער, האָבן אים נאָר דערנידעריגט אין די אויגן פון דער דינערשאַפט, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי מרס. בראַון פאַ־דרוס און צער. זי פלעגט נאָך אַזאַ סצענע די דינערשאַפט אוועקשיקן. מר. בראַון פלעגט טאַקע באַלד חרטה האָבן פאַרן באַנוצן אַזעלכע ווערטער. ער פלעגט זיך איינשליסן אין זיין קאַבינעט, און פון דאָרטן האָט מען אים, ווי אַ פרייגעלאָזענעם שטורעם־ווינט, געהערט שפּאַגען איבער דער שטוב.

אַמאָל פלעגט ער אויך פרואוון לעשן זיין כעס מיט צעברעכן אומשולדיגע טעלער. און דערביי פלעגט ער באַנוצן ווערטער, אין אַ סלאַווישער שפּראַך, וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען.

נאָך אַזאַ שטורעם פלעגט ער זיך באַרואיגן. ער פלעגט קומען אויף מאָרגן צו פרישטיק מיט דער צוריקגעפונענער באַרנעמלעכקייט און האַלטונג, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

אַזוי פלעגט ווידער אָנהאַלטן אַ פּאָר חדשים, ביז צו דער נאָענטסטער אויסלאָדונג פון אָנגעקליבענער עלעקטריע.

דאָס איז געווען אַ קלייניגקייט. פיל ערגער איז, וואָס מר. בראַון האָט זיך געפילט אַזוי זיכער מיט זיין דערוואָרבענעם גוטס, מיט זיין אייגנטום (ווי ער באַטראַכט זיין ווייב), אַז ער האָט זיך נישט געשעמט, נישט זשענירט זיך אין איר געגנוואַרט אויפצושפּילן אַזעלכע סצענעס און אַזעלכע ווערטער צו באַנוצן. דאָס נישט־זשענירן זיך פאַר איר מיט זיינע שטורמישע אויפברויזן איז נאָר געווען אַ סימפּטאָם, אַ צייכן פון אַ פיל־וויכטיגערער און ערנסטערער קראַנקהייט אין דער באַציאונג, וואָס איז אַריינגעטראָטן צווישן מאַן און ווייב. מר. בראַון האָט שוין לאַנג פאַרלוירן יענעם דאַנקבאַרן שמייכל,

יענע הכנעהדיגע, באַגנעדיגטע לייטזעליגקייט, וואָס פלעגט שפּילן אויף זיין פּנים און אין זיין האַלטן זיך צו זיין ווייב פאַר דער חתונה. ער האָט אויפגעהערט מיט איר צו צערעמאָניען זיך אין זייער טאָג-טעגלעכען לעבן. ער פלעגט אַראָפּזאַרפן פון זיך דעם ראָק אין איר געגנוואַרט. ער פלעגט פאַרלירן יעדע מאַניער ביים עסן. ער פלעגט זיך לאָזן ברענגען פון דער „איסט-סאַיד" ספּעציעלע ביסנס, צו וועלכע ער איז געווען צוגעוואוינט פון זיין קינדהייט-אָן, און נאָך וועלכע ער האָט, ווייזט-אויס, געבענקט, ווי צום ביישפּיל: עקן פון יידיש ברויט, וואָס ער פלעגט זיך הייסן אויפוואַרימען אין פּעניצלעך, געזאַלצענע הערינג, לעבערלעך און פעטע גריווענעס, וועלכע ער פלעגט פאַרשלינגען מיט אַ מענטשנפרעסערישער ליידנשאַפט. ער האָט געקנאַקט מיט די ציין, געאַרבעט מיט דער נאָז, און די גאַנצע הנאה פלעגט אויסשפּילן אויף זיין פּנים. פאַרשטייט זיך, אז זי האָט אין אָנהייב דאָס גענומען הומאָריסטיש. ווען ער פלעגט זיך פאַרגעסן, האָט זי איס דערמאָנט:

— נישט אַזוי ליידנשאַפטלעך, אדאָלף!

אין אָנהייב האָט ער זיך טאַקע פאַרשעמט, געוואָרפן אַ וואָרט פון בעטן מחילה. אויף אַ פּאָר טעג האָט ער אַוועקגעלייגט זיין ליידנשאַפט צו די היימישע מאכלים, ביז זי איז צוריקגעקומען.

אויסגעשעפּט פון אַ גאַנצן טאָג האַלטן זיך אין די הענט און היטן זיך, פלעגט ער אין אָוונט קומען אהיים אַ מידער.

ער האָט געמוזט האָבן איין ווינקל אין דער וועלט, אין וועלכן ער זאָל זיך קאָנען אַרויסגעבן אַזוי ווי ער איז. דאָס-דאָזיגע ווינקל איז געווען זיין היים. אויך אין די אינטימערע באַציאונגען מיט זיין ווייב איז אַריינגעקומען אַן ענדערונג. עס האָט אויפגעהערט צו באַגלייטן זיין ליבע צו איר יענע צערטלעכע דאַנקבאַרקייט, צו וועלכער ער האָט זי געהאַט צוגעוואוינט אין די ערשטע צייטן פון זייער צוזאַמענלעבן, און דורך וועלכע ער האָט זי געוואונען. די ליבע איז געוואָרן מער אַ באַדערפעניש פון טאָג-טעגלעכן לעבן. ער האָט איר

צערטלעכקייט גענומען, ווי עפּעס, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענד-
לעך, וואָס קומט איס, און האָט מער אין דעם קיין יום-טובי-
דיגס נישט געפילט, ווי דאָס איז געווען אין אָנהייב.

פאַרשטייט זיך, אַז עמיליע האָט פריער דערפילט די
ענדערונג אין דער באַציאונג צו איר פון איר מאַן, איידער
ער אַליין האָט דאָס דערשפּירט.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי ברוגזט זיך. ער
האָט עס אָנגענומען פאַר אַ פּערזענלעכע באַליידיגונג. ער האָט
זיך געפילט העכסט גצטראָפן און האָט זי אויסגעמיטן.

געוויינלעך פלעגט דער ברוגז אָנהאַלטן אַווי לאַנג, ביז
ער האָט ווידער געפילט די באַדערפעניש זיך צו באַהעפטן מיט
איר. דאַן פלעגט ער ווידער אַרויסווייזן די כאַראַקטעריסטישע
דורשטיגע צוגעבונדנקייט. ס'פלעגט ווידער זיך באַווייזן דער
גליקזעליגער אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט אויף זיין מעגלעכן
פּנים. אין אַזעלכע טעג האָט עמיליע געפילט זיין קנאָביגן
קערפער צוציענד.

אין די אָוונטן, ווען זיי זענען ביידע געזעסן אין זייערע
צימערן, נאָכן עסן, האָט ער זיך פאַר איר פאַרענטפערט:

— דו ווילסט, איך זאָל שטענדיג שפּילן דעם געליבטן,
אָבער, קינד, ווער האָט צייט דערצו? און צי פילסטו דען
נישט, אַז חתונה געהאַט לעבן איז, מיט אַלע זיינע פריידן און
ליידן, פיל טיפער אין זיין אינהאַלט, איידער דאָס זיסטע
בעזאַנג פון פאַרליבטן נאַכטיגאַל? — האָט ער צוגעלייגט. און
ער האָט אפילו צוריקגעוואונען דעם חתן-בליק פון די צייטן,
ווען ער האָט זיך געשדכנט צו איר.

יאָ, זי האָט פאַרשטאַנען.

אָבער דאַן, איידער זי איז געגאַנגען צו זיך אין שלאָפ-
צימער, האָט זי פאַרזוכט פון זיין „וויסקי". נאָך עפּעס, זי האָט
זיך פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, וואָס איז גאָר געווען אַ נייעס
ביי איר אין דער לעצטער צייט.

די ליבע-„אינטערמעצעס" האָבן אָנגעהויבן פאַרצוקומען
אַלץ זעלטענער, מיט לענגערע הפסקות. ער האָט מער קיין

געדולד און קיין קאפ נישט געהאט צו זיי. ווען עס פלעגט קומען זיין צייט, האט ער גענומען דאס, וואס באלאנגט צו אים, אן יעדער צוגרייטונג, אן יעדער מיאונג, ווי א הונגעריגער, וואס קומט אין א רעסטאראן.

עמיליע האט זיך דערפילט, ווי אויף אייביג א פארקויפטע, וואס באלאנגט נישט מער צו זיך, ווי זי וואלט געווען פאר עפעס באשטימט און דערצו איבערגעגעבן־טפערט. זי האט זיך אנגעהויבן צו עקלן פון זיך אליין, נאך יעדער נאכט פון ליבע.

אט אזוי וועט עס שוין זיין, אט דאס חתונה־געהאטע לעבן.

זי האט זיך מיטאמאל דערפילט אפגענארט. דערפילט, אז אייגנטלעך, איז זי נישט געווען מער, ווי א טרעפ אויף דעם לייטער פון זיין שטייגן. ער האט חתונה־געהאט מיט מר. ברעסלויערס טאכטער, כדי די צייטונגען זאלן דערפון שרייבן.

איצט, אז ער האט זיין ציל דערגרייכט, וואס איז זי פאר אים? נאר עפעס צו זעטיגן זיין נאטירלעכן דראנג. זי האט זיך געעקלט פאר אים, פאר דער בארירונג מיט אים. זי האט אנגעהויבן צו טראכטן ערנסט, ווי אזוי ארויסצוקריגן זיך פון דער מיאוסער געפאנגענשאפט, אין וועלכער זי האט זיך אליין ארייגעבראכט. זי האט זיך אפגעזונדערט פון אים, זיך פארשלאסן אין איר צימער. און ווען ער האט געפרואווט ביינאכט אויפברעכן די טיר, האט זי אים אויף מארגנס פארלאזט, און איז אוועק צוריק צו אירע עלטערן.

מיט רויטע אויגן און פון וויינען פארקרימטע ליפן, איז זי געזעסן ביי איר פאטער אין קאבינעט, נישט אן אנקלאגערין, נאר אן אנגעקלאגטע, און דער אלטער ברעסלויער איז געזעסן אלס ריכטער ביים משפט. קיין איין מוסקל האט זיך נישט גערירט אין דעם קאלטן, קליינעם פנים פון איר פאטער. זיין ווייס באשנייט, רוהיג־געשארן בערדל איז ווי תמיד געווען זייער זארגפעלטיג אויסגעקעמט, אויסגעבארשט. זיין שטייפער פארלייגטער קאלנער מיטן ברייטן גלאנציגן קראוואט האבן ארויס־

געשיינט פון זיין זיידענער וועסט. די ווייסע פּוריטאַנער-נעלקע איז געווען אין לאַץ פון זיין ראָק. זיינע וואַסער-קאַלטע אויגן האָבן געקוקט פאַר זיך, אויסגעהיט זיך צו טרעפן מיט איר בליק. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן הינטער זיי. די מוטער, וואָס האָט געוואָלט זיין דערביי, האָט ער שטרענג צוריקגעשיקט. דאָס גאַנצע צימער איז פאַרשלונגען אין שאָטנס. די גרינע שיין פון לאָמפּ וואַרפט אַ פאַרמעט-ליכט איבערן מיט פּאַפּירן און ביכער פאַרלייגטן טיש. מיט דערדאָזיגער שיין זענען אויך באַגאָסן זיינע דאַרע, קליינע הענט. די פינגער האַלט ער צו-זאַמענגעלייגט אויף זיין ברוסט.

— דאָס באַנעמען זיך מיט דער דינערשאַפט, זיין הויך, ליידנשאַפטלעך עסן, זיינע אויסברוכן, — דאָס זענען אַלץ טרויע-ריגע דערשיינונגען, אַ רעזולטאַט פון זיין שלעכטער קינדער-שטוב. דאָס וועכטו באַדאַרפן קאָרעגירן, מיין טאָכטער. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך נישט קיין אורזאַך פאַר אַ גט!...

זי האָט עפּעס געשטאַמלט, איז רויט-געוואָרן, האָט אָפּגע-האַקט אינמיטן.

— וואָס האָסטו געזאָגט? זיין קאַלט באַנעמען-זיך, זיין צוגעוואוינטקייט — דאָס זענען טרויעריגע דערשיינונגען פון אונזער באַרוף, מיין טאָכטער!

קיין איין מוסקל אין זיין פּנים באַוועגט זיך נישט. ער העלפט איר אַפילו נישט מיט קיין שאָקל פון זיין אַקסל. די שטייפע, זאַרגפעלטיג-אויסגעקעמטע האָר פון דער באָרד באַוועגן זיך פּאַמעלעך מיטן אָטעם פון זיינע ליפּן.

דער פאָטער קוקט זי אָן פאַרוואונדערט איבער דער הפסקה, וואָס זי מאַכט, וואָס זי איז אַנטשוויגן-געוואָרן.

ניין, זי האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן. זי ווייסט נישט, ווי עס אָנצורופן.

פּלוצלינג גיט זי אַ צוק מיט איר גאַנצן קערפּער. אירע רויטע אויגן גיבן אַ פלאַם-אויף. איר פּנים ווערט באַלעבט. אירע ציין גיבן אַ קריץ:

— איך האָב אים פיינט, איך האָב אים פיינט מיט אַלע

חושים, און דאָס איז אַלץ! — און זי ווערט אַנטשוויגן.

דער אַלטער בּרעסלויער קוקט זי אָן מיט אַ דער־שטוינטן בּליק. ער שווייגט לאַנג, לאָזט־אַראָפּ זיין קאָפּ איבּער דער בּרוסט, קוקט אויף זיינע הענט. דאַן זאָגט ער לאַנגזאַם, נישט הויך, ווי אימער, ווען ער איז אויפגערעגט, נאָר טיף, ווי ער וואָלט געציילט יעדעס וואָרט, שניידנדיג מיט אַ שאַרפן דייטשן אַקצענט, ווי יעדעס מאָל, ווען ער איז בּייז:

— לויט די געזעצן פון דעם לאַנד קאָן אַ חתונה בּטל־ווערן, ווען איינער פון די צדדים בּאַגייט אַ פאַרבּרעכן געגן דער געזעלשאַפט, און מען כאַפּט אים בּיי דער האַנט, אָדער דאָס ווערט בּאַשטעטיגט דורך בּאַגלויבּטע עדות. פון דעם אַלעם, האָס דו דערציילסט מיר, זע איך נישט קיין אורזאַך פאַר אַ גט. איך גלויבּ אויך נישט, ווי ווייט איך קען אים, אַז ער וועט דיר פאַרשאַפן די מעגלעכקייט צו בּאַקומען אַ גט. אויבּ דו אָבּער קלייבּסט זיך צו טון עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אים בּארעכטיגן צו פאָדערן אַ גט, בּעט איך דיך צו זיין געדולדיג און וואַרטן בּיז אַ טאָג נאָך מיין טויט... און איצט קאָנסטו גיין.

ער ווייזט איר די טיר.

---

די מוטער איז נאָך מער פאַרצווייפלט, ווי דער פאָטער:

— גאָט! צו דענקען, אַז עפּעס אַזעלכעס זאָל אין מיין פאַמיליע פּאַסירן!

קיינמאָל האָט מען אין איר פאַמיליע נישט געהערט וועגן אַ גט, און איר טאָכטער זאָל זיין די ערשטע צו דער־שיינען אין די צייטונגען!

די מוטער, ווי שטאַרק עס איז איר נישט אָנגעגאַנגען דער גורל פון איר טאָכטער, האָט זיך געשטעלט אינגאַנצן אויף זיין זייט:

— ווען אַ מאַן איז שלעכט, איז עס די שולד פון דער פרוי. אַ מאַן מוז מען דערציען. איר גרויסמוטער פלעגט עס שטענדיג זאָגן.

עס איז נישט געווען אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן. און דער עיקר: דאָס, וואָס זי האָט געהאַט געגן אים, האָט מען נישט געקאָנט באַצייכענען מיט ווערטער. עס איז פאַר דעם קיין נאָמען נישט געווען.

א פּאָר וואָכן האָט געדויערט דער ברוגז. זי איז געווען אינדערהיים. ער, מר. בראַון, האָט זיך נישט געוויזן.

ער האָט געשפּילט דעם באַליידיגטן און פאַרשעמטן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר א קרבן, וואָס ווערט געפּייניגט אָן א פאַרוואָס, אָן א פאַרוועז, פון א קאַפּריזנער, יונגער פרוי. ער האָט אויף זיך רחמנות־געהאַט. פאַר דעם אייגענעם ווייב זאָל ער מוזן שפּילן קאָמעדיע?

— איך מוז דאָך האָבן א היים! איך מוז דאָך האָבן איין מענטש, פאַר וועלכן איך קאָן זיך ארויסגעבן אינגאַנצן, ווי איך בין.

וואָלט נישט געווען די אימה פאַר דער עפנטלעכער מיינונג (און דאָס קאָן אים שאַדן צו זיין אַזוי הערלעך־אָנגעהויבענער קאַריערע און שטערן צו דערגרייכן דעם ציל, וועלכן ער האָט זיך געשטעלט), וואָלט ער געדען געזוכט א גט. ער האָט אייגגעזען דעם פעלער, וואָס ער האָט געמאַכט, — צו נעמען זיך א פרוי, פאַר וועלכער ער וועט שטענדיג מוזן טראָגן א מאַסקע אויף זיין פּנים. פאַרפאַלן. די קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבן. ער איז ריכטער אין איינעם פון די פאָרנעמסטע ניו־יאָרקער דיסטריקטן, און ער האָט אן אויסזיכט צו ווערן נאָמינירט אויף א העכערן אמט. ניין, דער סקאַנדאַל מוז ווערן אונטערגעדריקט. ווי עס זאָל נישט זיין, ווען ער וועט ארויסקומען פאַר דער עפנטלעכקייט, וועט מען גערעכט־געבן איר, דעם ווייב. דאָס פּובליקום האָט שטענדיג א שוואַכקייט געהאַט צו געבן דער פרוי, האַלט זיך שטענדיג אויף איר זייט. ניין, דאָס וועט זיין דער ערגסטער שטיין אויף זיין וועג.

אויך פון דער אנדערער זייט [illegible] מען זיך געהיט פאַר

סקאַנדאַלן, וואָס קאָנען בלאַמירן די פאַמיליע. עס איז נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג, ווי זיך צוזאַמענצוגיין. נישט קאַפּיטולירן, נישט אונטערגעבן זיך איינער דעם אַנדערן, נאָר שליסן אַ וואַפנשטילשטאַנד...

ביים צוזאַמענקומען זיך איז געפאַלן אַ וואָרט וועגן „אַכטן איינער דעם צווייטנס פערזענלעכקייט", וואָס יעדער איינער האָט עס אויסגעטייטשט אויף זיין אייגענעם שטייגער. אָבער אין עטלעכע נעכט אַרום, ווען זי האָט זיך געפונען ביי זיך, האָט ער זיך ביינאַכט אַריינגעריסן אין איר שלאָפצימער און גענומען מיט כוח דאָס, וואָס איז אים געקומען געזעצלעך, אַלס איר מאַן.

זי האָט שוין געלאָזט קומען איבער זיך דאָס געשעענע, ווי אַ זאַך, וואָס איז איר באַשערט פון איר שלעכטן מזל, געגן וועלכן זי איז צו שוואַך צו קעמפן. זי האָט זיך באַטראַכט פאַר נישט בעסער פון יעדער אַנדערער פרוי, וואָס איז געצוואונגען אָוועקצוגעבן איר קערפּער פאַרן רעכט צו עגזיסטירן. איר נשמה האָט זי אָבער געהאַלטן פאַר נישט באַזיגט.

אָבער דווקא זיי, די געגנערישע צוזאַמענקונפטן, האָבן געבראַכט פרוכטן. זי איז טראָגעדיג געוואָרן. איר מאַן איז צו איר געוואָרן אויסערגעוויינלעך גוט און אויפמערקזאַם. איר משפחה, די מוטער און דער פאָטער, האָבן אָנגעהויבן זי אָפטער צו באַזוכן, וואָס איז ביז איצט געווען זייער זעלטן. די מוטער האָט איר אַריינגערוימט סודות אין אויער-אַריין, ווי אַזוי זיך אויפצופירן בשעת דער שוואַנגערשאַפט. זי האָט אָבער אין די צערטלעכקייטן פון אירע עלטערן איינגעזען, אַז דאָס וואָס איז געשען, איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פון אַן אויסברוך פון זיינעליידנשאַפטן (אויף וועלכע זי האָט זיך אומבאַוואוסט אינערלעך געפריידט), נאָר עס איז געשען, ווי יעדער שריט זיינער, איבערגערעכנט, און אפשר אויך (ניין, געוויס!) מיט דער צושטימונג פון אירע עלטערן, כדי צו ברעכן איר עקשנות, זי צו מאַכן אונטערטעניג דורך איר אייגענער פרוכט. זי האָט עס אַרויסגעלעזן פון איר מוטערס צופרידענעם, באַגליקטן בליק.

זי האָט עס אָנגעזען אין איר פאָטערס פּלייצעס. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס איז פון זיי אַ משא אַראָפּ-געבומען-געוואָרן, אַזוי פריי האָבן זיי זיך באַוועגט און גע-טאַנצט. דאָס האָט אַרויסגערופן אין איר אַ פאַרביטערטן פּראָ-טעסט, וועלכער האָט זיך אויפגעלייזט אין אומאויסגעלאָשענעם כּעס און פאַראַכטונג צום מאַן. זי האָט זיך געעקלט פאַר אים. געעקלט זיך פאַר זיך אַליין, וואָס זי איז פאַרוואַנדלט-געוואָרן אין אַ זאַך, וועלכע איז נאָר דאָ, כּדי צו דינען זיינע קליינ-לעכע אַמביציעס. דאָס וואָס זי טראָגט אין זיך און איז אַ טייל פון איר אינערלעכקייט, איז נאָר פאַר אים, גראָד ווי זי אַליין, אַ שטאַפּל, אַ טרעפּ צו זיינע שטרעבערישע צילן. וואָלט זי געווען אַ פּערזאָן מיט מער מוט און אַקטיווקייט, וואָלט זי געווים געבראַכט צום אויספיר דאָס, וועגן וואָס זי האָט איצט געקלערט טעג און נעכט. אַזוי אָבער האָט זי נאָר געקאָנט אויפלייזן איר כּעס אין אומטעכטיגער שנאה.

אין שנאה און דערנידערונג האָט זי געבראַכט אַ קינד אין לעבן-אַריין.

פאָטער און מוטער האָבן זיך באַרואיגט. אַ דערלייכטע-רונג האָט געשיינט פון זייערע פּנימער; פון זייערע פּלייצעס און אויגן איז אַראָפּגענומען-געוואָרן אַ זאָרג און אַ נויט.

זיין אינערלעכן טריאומף האָט זי געהערט אין דער שטיל-קייט פון זיינע טריט, ווען ער האָט זיך גענענטערט צו איר, אין דער הכנעהדיגער דאַנקבאַרקייט, וואָס האָט זיך באַנייט אין זיין בליק, אין דער צערטלעכקייט, וואָס האָט זיך געהערט אין זיין שטים, ווען ער האָט זי געפרעגט, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר-נישט געווען פאָרגעקומען צווישן זיי:

— עמיליע, ווי פילסטו זיך היינט?

זי האָט אָנגעהויבן צו האַסן דאָס, וואָס זי טראָגט אונ-טער איר האַרץ. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס איז געווען אַ פאַרשווערונג צווישן איר מאַן און אירע עלטערן, כּדי זי אונטערטעניג צו מאַכן, און דאָס וואָס זי טראָגט אין זיך, האָט אויך געוואוסט וועגן דעם...

## קאַפּיטל 4

# ד"ר בערמאַן

עמיליע איז אַריינגעגאַנגען אין זיך, ווי אַ טויב אין איר טויבנשלאַק.

צוליב דעם קינד האָט מען זיך אַרויסגעצויגן הינטער דער שטאָט, אין אַ ווילע אין וואַלד.

ס׳איז האַרבסט-צייט. אינדרויסן שטייען ביימער אין רויט, בורשטין, טאַבאַק, צימרענט און קופּער-קאָלירן. ווילדע גאָלדענע וויטן דערברענען אין די קורצע, געזונטע, מיט עפּל-ריח אויסגעפילטע האַרבסט-טעג. עס איז ווי אַ לאַנדשאַפט פון אַ געוויסן מאָלער. טייל מאָל כּישופט פון דער וויטן מיט אַן אומפאַרשטענדלעך-פלאַקערדיגן ליאַק-רויט, און עס דאַכט זיך, אַז רויך-וואָלקנס גייען-אויף פון מיט צימרענט באַשאָטענע פלאַכן, פאַרהוילן אין טויאיגע וואָלקנס. טאַנצן נישט דאָרט אינדיאַנער-מחנות אַרום פייער-רויך, אַזוי ווי אויף בלעק לאַקס בילדער פון דעם „אינדיאַנער-זומער" מיט אַלע זיינע פרעמדע, ווייטע כּישופן?

זי האָט ליב איר וואַלד-הויז, זי האָט עס אויסמעבלירט נאָך איר געשמאַק. זי איז אַרומגעלאָפן אין דער געגנט, איינגעשאַפט זיך אַלטע קאָלאָניאַל-מעבל, „קווין-אַנע"-שענקלעך. פון פאַרמערס האָט זי אָפּגעקויפט אַלטע פּוריטאַנישע שטולן. ס׳איז געווען די צייט, ווען אַמעריקע איז געגאַנגען זוכן איר

אייגענעם סטיל. פלאַקערדיגע רויטקייט און בורשטינענע, גאָל־דענע געלקייט פון הארבסט־בלעטער אין קופערנע טעפּ און מעשענע ראָנדלעס. מען האָט אויף אַלע טישן, שענק געשטעלט קופּער און מעש, וואָס „דילענסי סטריט" האָט צוגעשטעלט פון אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן. געגעסן האָט מען אויף דעם נאַקעטן טיש, באַדעקט נאָר מיט קליינע, קאָלירטע סערוועטלעך, פאַר יערן זיץ באַזונדער, און ביי ליכט, אָנגעצונדן אין אַלטע יידישע שבת־לייכטער.

זי האָט ליב־געהאַט איר היים. גאַנצע טעג איז זי אין וואַלד אַרומגעלאָפן אין אירע שטאַרקע ספּאָרט־שיך מיט די גידעריגע אָפּצאַסן און ענגלישע זאָקן. וואו א פאַרהוילן ווינקל, א באַהאַלטענער טייך אין וואַלד, האָט זי עס אויסגעפונען. זי האָט נאָכשפּיאָנירט דעם אינדיאַנער־וועג, אַוועקגעקראָכן אין אַנדערע שטעטלעך. ווי עס האָט זיך געלאָזט, האָט מען גע־געסן: סאַלאַט מיט טיי פאַרטרונקען. די טיי איז געווען שטאַרק אין דער מאָדע צוליב צוויי טעמים: צוליב רוסישן ראַדיקאַליזם און כינעזישער קונסט. מיטן אָוונט איז זי אַהיימגעקומען. זון־אונטערגאַנג הינטער איר. רויטע בלעטער, אויסטערלישע ווילדע אַסטרעס, אומבאַקאַנטע וואַלדיגע פלאַנצונגען, וואָס האָבן אויף זיך דעם מעך־פעלך פון חיצוניאָרקע־קאָליר האָט זי מיט־געבראַכט, אין די קופערנע טעפּ צעשטעלט. רויטע, אויסגע־ווינטיגטע באַקן, באַלעבטע אויגן און א לייכטן, אויסגעוויג־טיגטן קערפּער...

מער אויס פליכט־באַוואוסט, איידער פון אינערלעכער לוסט, גיט זי זיך אָפּ א ווייל מיט דער קליינער עליזאַבעט. זי פרעגט זי אויס וועגן דער שול, וואו זי גייט צוזאַמען מיט אַנדערע רייכע קינדער ביי א פּריוואַטער, מאָדערנער לערערין. די קליינע עליזאַבעט, אָדער ווי זי רופט זי „עליזאַבעט בראַון", איז איר פרעמד פון ערשטן טאָג אָן. דאָס קינד האָט דורך אינערלעכן אינסטינקט אָנגעהויבן ציען צום פאָטער. נאָכמער: דאָס קינד זעט אויך אויס אַזוי ווי מיסטער בראַון: דיזעלבע מענלעכע, אויסגעשליפענע, אַרויסשטאַרנדיגע גלידער־ביינער.

די אויסגעצויגענע נאָז מיט די צוויי מאָנגאָלישע קין-באַקן, וואָס שטאַרן-אַרויס פון איר הויט.

„עליזאַבעט בראַון" האָט גאָרנישט פון איר, — נישט דעם רונדיגן קנאָספן-אַרטיג אָפּגעשלאָסענעם קערפּער, נישט דעם איידעלן טוי-באַדעקטן מיידעלשן הויך אויף איר הויט. איבער-הויפּט איז עליזאַבעט בראַון מער ענלעך צו אַ ייִנגל, ווי צו אַ מיידל. קיינמאָל פּיעשטשעט זי זיך נישט. און זי ווייזט-אַרויס אַ זעלבשטענדיגקייט אין איר רעדן און טון, וואָס זאָגט עדות אויף אַ שטאַרק-אויסגעפורעמטן כאַראַקטער פון איר קינדהייט-אָן. אויך די שטים אירע האָט עפּעס רויעס, באַפעלנדיגעס, זיכערעס. אָ, „עליזאַבעט בראַון" איז דעם פאָ-טערס „בעיבי". זי ווייסט וואָס זי וויל.

„ער", דער מר. בראַון, טוט אויך אַלץ, כדי דאָס קינד אָפּצוגעוויינען פון דער מוטער און צוצוציען אויף זיין זייט (יעדנפאַלס, ווייזט זיך איר אַזוי אויס). מיטן האַלב-זיבענער צוג קומט ער אָן. זי הערט שוין זיינע שטאַרקע טריט, וואָס טרעטן טיף און קלאַפּן אויפן קניפ-דיוואַן אינעם שיינעם צימער. זי הערט די דערוואַקסענע שטים פון איר קינד. איצט זיצן זיי ביידע אינעם שיינעם צימער, הינטער איר טיר. דער פאָטער האַלט דאָס קינד אויף דער קני און לאָזט זיך פון איר דער-ציילן די געשעענישן פון אַ גאַנצן טאָג. גאָרנישט ווי אַ קינד מיט אַ פאָטער, נאָר ווי אַ דערוואַקסענער מיט אַ דער-וואַקסענעם, רעדט זי צו דער זאַך, דירעקט, און דאָס וואָס איז גוטיג. ער באַטראַכט זיך נישט בלויז פאַר איר טאַטע. אַזוי ווי דאָס קינד וואָלט אַ יתומה געווען, — פאַרטרעט ער ביי איר אי דעם פאָטער, אי די מוטער, אין אַלץ איז ער פאַראינטערעסירט.

שפּעטער, ביים טיש צום אָוונט-עסן, זיצן זיי ביידע, ווי צוויי פרעמדע. ער — מיט דער פּוריטאַנישער ווייסער גלעקע אין לאַץ. פאַר דער דינערשאַפט גיט ער איר אַ קוש, רעדט פריינטלעך צו די דינער אין אַ פאַרנעמען, באַפעלנדיגן טאָן (יאַ, ער האָט זיך שוין אויך אויסגעלערנט, ווי מיט זיי אומצו-

גיין). זיי האָבן שוין דעם נויטיגן רעספעקט פאַר אים. אַלץ קאָן ער, דער מר. בראַון. אפילו זיינע געליבטע געשמאַקע ביסנס, נאָך וועלכע ער פלעגט אַזוי גאָרן, ווי עקן פון ברויט, לעבערלעך און גריוונס, — דאָס האָט ער אויך שוין אויפגע־געבן, נישט געגעסן עפּעס אַנדערש, ווי דעם פאָרנעמען כּרוי־קענעם „ראָסטביף“ און סאַלאַט. וואונדערבאַר, ווי ער קאָן עסן מיט איין האַנט, ווי ער האַלט דעם גאָפּל, און ווי לאַנגזאַם, מיט וואָס פאַר אַ פאָרנעמלעכקייט ער קייט. דערביי קאָן ער אָנהאַלטן זיין געשפּרעך מיט די אַנדערע צוגלייך. אָ, אַלץ קאָן ער, דער מר. בראַון.

נאָכן עסן גייען זיי ביידע אין „שיינעם צימער“. זי פאַרשטעלט זיך הינטער דעם גרויסן פּאַרמעט־אַבאַזשור פון דעם לאָמפּ, וואָס שטייט אויף דער פּיאַנאָ, און פאַרטיפט זיך אין איר בוך. ער זיצט אַנגעטון אין סמאָקינג, אין לאַקירטע שטעק־שיך, לעזט אַ צייטונג, אָדער לייגט זיך קאָרטן. טיילמאָל פאַלט אַ פראַגע וועגן הויזלעכע זאַכן, וועגן געלט־ענינים, וועגן אַ פאַרשטייענדיגער געזעלשאַפטלעכער טעטיגקייט. עס קומט אַ לאַקאָנישער ענטפער.

אָפטמאָל איז זי די ערשטע, וואָס הייבט זיך אויף מיט אַ „גוטע־נאַכט“ און גייט־אָפּ אין איר צימער. אָבער טיילמאָל איז אויך ער דער ערשטער, וואָס שטייט־אויף און גייט אין זיין אַרבעטס־צימער.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז פאַרשטעלט און פאַר־שטעקט צווישן זיך. פאַר באַקאַנטע און פריינט הייסט עס: די בראַונס זענען דאָס גליקלעכסטע פּאָר. דעמדאָזיגן איינ־דרוק האָט ער, מר. בראַון, זיך געמיט אַרויסצורופן ביי אַלע זיינע פריינט. דאָס איז געווען אַזוי וויכטיג פאַר זיין קאַריע־רע, אַז ער האָט זיך געשטאַרקט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרשטעקן פאַר דער עפנטלעכקייט יעדע שפּאַרע, דורך וועלכער מען וואָלט געקאָנט אַריינקוקן אין דער הוילקייט פון זיין לעבן. צווישן מענטשן, ווען זיי האָבן געהאַט געסט ביים טיש, האָט מר. בראַון אַרויסגעוויזן פאַר זיין פרוי אַן איבערגעטריבענע

אויפמערקזאַמקייט און צערטלעכקייט, מיט זיינע ליבלעכע בליקן אויף איר, מיט זיינע באַוועגונגען, מיט זיינע אויסגעקליבענע ווערטער. נישט אַנדערש, נאָר „מיין זיסינקע" און „מיין ליבינקע", אַז מען האָט געמיינט, אַז עס הערשט צווישן דעמדאָזיגן פאַר-פאָלק דאָס העכסטע גליק. דעמדאָזיגן איינדרוק פון זייער גליקלעך לעבן האָט ער נאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם, וואָס ער פלעגט זיין פרוי רופן מיט דידאָזיגע נעמען נישט אין איר געגנוואַרט, נאָר דווקא הינטער אירע אויגן. ווען מ'האָט געפרואווט אין זיין אָפּיס אים פאַרהאַלטן לענגער, אויף אַ שפּעטערדיגן צוג, האָט עס געמעגט זיין דאָס וויכטיגסטע און נויטיגסטע געשעפט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט:

— איך קאָן נישט, מרס. בראַון, וואַרט אויף מיר איבּ-דערהיים אומגעדולדיג.

דאָך האָט דאָס אינטימע לעבן נישט אויפגעהערט צווישן זיי. מר. בראַון האָט געפאָדערט דאָס, וואָס קומט אים לויטן געזעץ, און אָפּטמאָל זיך דאָס גענומען מיט געוואַלט. זי האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט דערצו...

אין אָוונט, נאָכן לעזן, ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן מיטן טרוקענעם „גוטע-נאַכט" און געוואָלט אריין צו זיך אין איר שלאָפצימער, האָט ער זיך אויך אויפגעהויבן און איבּער-ראַשט זי אינמיטן גאַנג, אָדער ביי דער טיר, זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

— עמיליע, קאָן איך מיטקומען מיט דיר?

טיילמאָל פלעגט זי זיך אַרויסדרייען מיט אַ תּירוץ, רויט-ווערן, אויסמיידן זיין בליק און אָפּענטפערן:

— איך קאָן נישט, איך בין נישט הייַנט אימשטאַנד...—און פאַרשווינדן. אָן אַנדערש מאָל פלעגט זי פאַרשווייגן. אריין אין איר צימער, באַלד פינסטער-געמאַכט, און דאָרט, אין דער פינסטערקייט, געטון זיין רצון...

דאָסדאָזיגע טרויעריגע לעבן האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז זי האָט זיך באַקענט מיט דאָקטאָר בערמאַן, אָדער ווי זי האָט אים גערופן „דאָק".

דאָקטאָר בערמאַן איז געווען אַ רוסיש-יידישער ראַדיקאַל. די איז מיט אים געוואָרן באַקאַנט דורך איר פריינדין סילוויע, וואָס האָט שוין דעמאָלסט, אַ חתונה-געהאַטע, אָנגעהאַלטן באַציאונגען מיט די ראַדיקאַלע גרופּן, וועלכע האָבן פּאַרקערט אין „אינטעלעקטועלן-קלוב".

אין דעמדאָזיגן קלוב זענען געהאַלטן-געוואָרן לעקציעס פון באַרימטע ראַדיקאַלע רעדנער וועגן עוואָלוציע, וועגן פּאַציפיזם און אפילו אַמאָל וועגן „געבורטן-קאָנטראָל".

דער „אינטעלעקטועלער-קלוב" איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די רוסישע ראַדיקאַלע אימיגראַנטן, פון דער רוסישער רעוואָלוציע און דעם לעגענדאַרישן סיביר. רוסלאַנד איז דענסטמאָל געווען זייער אין דער מאָדע צווישן דער יונגער אַמעריקאַנער ראַדיקאַלער באַוועגונג. צוזאַמען מיט די רוסישע פרייהייטס-אידעאַלן, זענען צוגעקומען רוסישער באַלעט, טשעכאָוו, דאָסטאָיעווסקי, און די רוסישע סאַמאָוואַרן און מעשענע און קופּערנע ראָנדעלס, וואָס די „איסט-סאַיד" האָט צוגעשטעלט צו באַפּוצן די שטיבער.

דאָקטאָר בערמאַן איז געווען אַ קינד פון רוסיש-יידישע אימיגראַנטן. ער איז גענוג שפּעט געקומען קיין אַמעריקע, אַזוי אַז ער האָט נישט שוין געקאָנט אינגאַנצן ווערן אַריינגעשמאָלצן אין אַלגעמיינעם שמעלץ-טאָפּ. פון אים האָט נאָך אַראָפּגעבלאָזן יענע געהיימנישפולע אַטמאָספער, וואָס שמעקט מיט רוסישן ניהיליזם און מאַרטירערטום. אָבער ער איז געווען גענוג יונג, אַז ער זאָל אויסערלעך אָננעמען די אַמעריקאַנער קולטור. ער האָט זיך אַדורכגעביסן דורכן „קאָלעדזש" און איז אַן אויסגעצייכנטער פרויען-דאָקטאָר. ער פּטרט אָבער זיין וואונדערבאַר אָנגעהויבענע פּראַקטיק אין די אַמעריקאַנישע גוטע הייזער דורך זיין גרויסן מויל, דורך זיינע ראַדיקאַלע געדאַנקען. אָבער ער איז גענוג אומשולדיג און צוגעלאָזן, אַז מען זאָל אים דולדן, מערסטנס צווישן פרויען, מיט וועלכע ער ווייסט באַלד אינטים צו ווערן. ער געווינט זייער צוטרוי, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער אַליין באַציט זיך מיט גרינג-

שעצונג צו זיין פּראָפעסיע, לאַכט זי אויס און פאַרנאַכלעסיגט זי.

געהערט פון אים האָט עמיליע ווייניג פיל פון סילוויען, וועלכע האָט אין איר ענטוזיאַזם פאַר אַלץ, וואָס איז ראַדיקאַל, דערציילט וועגן אים, ווי וועגן אַ באַשעפעניש מיט זיבן וואונדער. אויף יעדער מיינונג, וואָס זי, סילוויע, האָט אַרויסגעבראַכט, האָט זי זיך פאַררופן אויף דעם אויטאָריטעט פון דר. בערמאַן. ניין, ער האָט נישט געהאַט קיין שוואַרצע געקרייזלטע האָר, נישט געטראָגן קיין ברילן און נישט געהאַט קיין לאַנגע שוואַרצע, קאָלטענעוואַטע באָרד, אויך נישט קיין דיקע, פליישיגע ליפּן און שרייענדיגע באַוועגונגען. ער איז גאָר געווען אַ בלאָנדער, מיט אַ גלאַט ליגנדיגן שאַרבן און במעט אַ קינדיש פּנים. אַזוי קליין איז עס געווען, מיט אַ גוטן, רעזיגנירטן שמייכל אויף די ליפּן. אַ שטילע, עלעגישע בענקשאַפט איז געלעגן אין זיינע פוילע באַוועגונגען. מ'האָט בעקאָנט מיט אים אַ גאַס אָפּגיין ביי דער זייט און נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. אָדער ער פלעגט זיצן שעהן-לאַנג, די הענט פאַרלייגט אויף די קני, און ערגעץ-וואו קוקן מיט זיינע וואַסערדיגע, בלויע אויגן אין חלל אַריין, אָפּענטפערן אויף אַ פראַגע מיט אַ שמייכל.

מ'האָט נישט געדאַרפט קיין ווערטער מיט אים זיך צו פאַרשטענדיגן. ער האָט אַלצדינג געזען, אַלצדינג געוואוסט, אַלצדינג פאַרשטאַנען.

עמיליע און דר. בערמאַן זענען באַלד גוטע פריינט געוואָרן. מ'האָט זיי שטענדיג געזען צוזאַמען. זיי האָבן באַזוכט מוזעאומס, לעקציעס. ער האָט איר רעקאָמענדירט ביכער. און דער עיקר — זיי האָבן זייער אָפט צוזאַמען קאָנצערטן געהערט, אין דער אָפּערע געזעסן אויפן פערטן שטאָק, ווי סטודענטן. זיי האָבן ביידע ליב-געהאַט מוזיק. וואַגנער איז געווען ביי זיי דער גאָט.

דר. בערמאַן האָט זי נאָר איינמאָל געזען צוזאַמען מיט איר מאַן, און ער האָט געוואוסט, וואָס עס גייט-פאָר צווישן

זיי. פאַר אים, דעם ערשטן, האָט זיך עמיליע פאַרטרויט.

ער איז אויך איר דאָקטאָר געוואָרן.

דענסטמאָל איז צווישן דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ עוואָלוציע געווען שטאַרק אין מאָדע. דאַרווין, העגעל האָבן אָנגעכאַפּט גאָט בײַ די פיס און אויפגעלייזט אַלע סודות פון לעבן. דאָס אָנצונעמען האָט אויך געהערט צום געבילדעטן טאָן. עס איז געווען דער רוקן-ביין פונם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, צו וועלכן אַלע ראַדיקאַלן-סאָציאַליסטן האָבן זיך בלינד איבערגעגעבן אין די הענט. דאָקטאָר בערמאַן איז אָבער געווען אַ „ווילדער". ער האָט מער געניגט צום מעטאַפיזישן. מ'האָט אים געדולדעט אין דעמדאָזיגן קרייז דערפאַר, ווייל מ'האָט אים נישט גענומען ערנסט. ער איז געווען אַן „עטישער אַנאַרכיסט", געניגט צום אידעאַליזם, וואָס איז געווען אין יענעם קרייז כמעט אַ זידל-וואָרט.

ער האָט אין דעם ביאָלאָגישן געבוי פון דער פרוי, וואָס איז אים פון זיין פראָפעסיע געווען אַזוי גוט באַקאַנט, געזען אַזעלכע מיסטישע, טיפע, געטלעכע סודות, אַז ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַז דאָס אַלץ איז נאָר ירושהדיגער אָפּקלייב און האָט גאָרנישט צו טון מיט יענעם זייטיגן „סוד".

דערדאָזיגער טיפּישער אפּיקורס, וואָס האָט פון זיין קינדהייט-אָן קיין גאָט נישט געהאַט, דערדאָזיגער פאַרוואָגלטער ציגיינער, וועלכער האָט קיינמאָל קיין היימאַט און קיין היים נישט געהאַט, איז געוואָרן דערציטערט פאַרן סוד פון דער געטלעכער יצירה, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין די ביאָלאָגישע דערשיינונגען פון דער פרוי, און דאָס האָט אים געמאַכט רעליגיעז געשטימט.

אויף עמיליען, וואָס איז געווען די איינציגע, מיט וועלכער ער פלעגט רעדן וועגן די זאַכן, האָט דאָקטאָר בערמאַן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מאָדנע נאַאיוון, רעליגיעז געשטימטן מענטש.

זיין רעליגיע איז געווען דער מענטש.

— דער מענטש איז פארבארגן, קאמפליצירט, באשאנקען מיט שעפערישן אנהייב. ער האט מער שכלדיגן ווילן, ווי יעדער אנדער באשאף.

ער פלעגט מיט איר אפט רעדן וועגן די וואונדער פון מענטשן-באשאף, וועגן די גלגולים פון עמבריאן אין דער מוטערס בויך.

מיר שטייען מאכטלאז, פארלוירענע קינדער, פארן געט-לעכן וואונדער, וואס אנטפלעקט זיך פאר אונז. דאס איינציגע, וואס מיר קאנען טון, איז בויגן דעם קאפ.

די פרוי — פלעגט ד"ר בערמאן מיט איר איינטענהן — איז נישט א פריי וועזן, פאר זיך אליין. זי איז פון דער יצירה געווארן באשטימט צו דער מיסיע פון האבן קינדער. איר גאנץ לעבן איז איינגעשטעלט-געווארן פאר אט דער מיס-יע. מיר קענען נישט אין דער ביאלאגיע קיין אנדערן ווייבערשן מין, וועלכער איז פון דער יצירה געהייליגט-געווארן פאר דעם צוועק, ווי דער מענטשלעכער מין. ביי יעדן אנדערן מין האט די „זי" קורצע פעריאדן פון פארן-זיך, טראגן אדער לייגן אייער. קוים איז זי פארטיג דערמיט, איז זי א באשע-פעניש פאר זיך אליין. נאר די מענטשן-פרוי איז איר גאנץ לעבן, פון איר יוגנט-אן ביז צו איר פארוועלקן, איינגעשטעלט-געווארן ווי א רעגלמעסיגער, גוטגייענדיגער זייגער צו דעם צוועק. פעריאדן זענען האנט-אויסשטרעקונגען פון דער יצירה, אויפצוכאפן דאס נייע מענטשלעכע באשעפעניש, וואס ווערט דערוואַרט פון איר. זיי זענען א מאנונג, א פארוואורף, פארוואס זי האט פארפעלט איר מיסיע. דאס וואס די עוואלוציאניסטן ווילן געפינען שפורן פון מענסטרואציע אויך ביי העכער אנט-וויקלטע זויג-חיות, איז נאך נישט פעסטגעשטעלט און שטיצט זיך אויף ספעקולאטיווע השערות. איבעריגנס, קאן מען מענסטרו-אציעס ארויסרופן מעכאניש. דאס אבער, וואס פאר קיין אנדערן מין איז נישט אוועקגעגעבן-געווארן די גאנצע „זי-מוטער" ווי פארן מענטש, דאס באווייזט די בכורה פון מענטש איבער דער חיה. די נאטור האט צו איר צוועק באשטימט די גאנצע

עקזיסטענץ פון אַ מין, נישט פעריאָדן, ווי בײַ חיות. די געשלעכטלעכע דריזן פון דער פרוי שיקן־אַרויס שטראַלונגען און באַהערשן איר גאַנצן קערפּער. דער בעקן, אין וועלכן ס'האַלט זיך אויף דער מענטשן־עמבריאָן, איז לויט דער פּראָפּאָרץ אָן אַן ערך גרעסער, ווי דער בעקן, וואָס איז באַשטימט פאַרן עמבריאָן פון דער גרעסטער חיה. דאָס לערנט אונז, אַז דער מענטשלעכער געשלעכטלעכער אַקט איז נישט, ווי עס איז אָנגענומען אין אונזער פרייער ליבע־וועלט, אַ צופעליג צונויפקומען פון צוויי עלעמענטן, וועלכע ווערן צוגעצויגן איינס צום אַנדערן דורך זייערע מאַגנעטישע אייגנשאַפטן, ווי עס קומט פאָר בײַ יעדן אַנדערן כעמישן פּראָצעס. יעדער מענטשלעכער געשלעכטלעכער אַקט ווערט געהייליגט דורך דעם געהיימניש פון דער ערשטער סיבה.

— מאַן און ווייב, — פלעגט ער איינטענהן מיט איר, — זענען נישט צוויי צופעליגע זאָאָלאָגישע דערשיינונגען, וואָס געהערן צו איין מין. מאַן און ווייב זענען פון דער יצירה געוואָרן באַשאַפן צו דעם הייליגן אַקט, און זענען פון דער נאַטור געוואָרן באַשאָנקען מיט דעם ספּעציפישן מאַגנעטיזם, וואָס עס פאַרמאָגט איינער פאַרן אַנדערן. יעדע אַנדערע געשלעכטלעכע באַהעפטונג, וואָס ווערט נישט געהייליגט דורך דער געטלעכקייט פון דער ערשטער סיבה, דאָס הייסט, די יצירה פון מענטשן, נאָר ווערט אַרויסגערופן אויס ריינעם פיזישן רייץ, איז אַ פאַרשוועכונג פון דער ווייבערשער מיסיע, איז פּראָסטיטוציע.

— איר האָט פאַרפעלט אייער באַרוף, דאָקטאָר, — פלעגט זי אים אָפּענטפערן אויף זיינע מאָראַלישע פּרעדיגונגען. — מיט אייער אָנשויאונג פּאַסט איר נישט פאַרן דאָקטאָר־קיטל, נאָר פאַרן גלחשן. איר שטייט אינגאַנצן אויפן שטאַנדפּונקט פון דער קירך: „דער אַקט מוז געהייליגט־ווערן". ווערט ער דען נישט געהייליגט דורך דעם ספּעציפישן מאַגנעטיזם, ווי איר רופט עס אָן, און וואָס איז נישט קיין אַנדערע זאַך, ווי ליבע?

— וואָס איז ליבע? האָט איר אייער מאַן ליב?

— ניין.

— און דאָך האָט איר מיט אים געהאַט אַ קינד. דאָס באַווייזט, אַז די ליבע איז דאָ אינגאַנצן אויסער דעם שפּיל. צום פּראָצעס פון קינדער־האָבן דאַרף מען גאָרנישט קיין ליבע. ער קאָן זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן דעם. יעדן אויגנבליק שפּילט ער זיך אָפּ מיליאָנען־פאַך אין אונזער לעבן. מיר זענען גאָר־נישט איבערצייגט, אַז די ליבע איז יעדעס מאָל די דאָמינירנ־דיגע קראַפט אין אים. פאַרקערט, מיר ווייסן פון די גוטע, אַלטע ראָמאַנטישע צייטן, אַז ליבע איז געווען אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. די אַלטע דייטשע ריטער האָבן, צוזאַמען מיט אַנדערער דינערשאַפט, געהאַלטן אין זייער הויף „ליבע־ספּעציאַליסטן", וואָס זייער עובדה איז באַשטאַנען אין צושטעלן פאַר זייערע פרויען די „געטלעכע ליבע", וואָס זיי האָבן צו דעם אַליין נישט געהאַט קיין צייט אָדער טאַלאַנט. ליבע מיט קינדער־האָבן האָט נישט צו טון.

— אַלזאָ, ראָמאַנטיקער פון קלאָרסטן וואַסער, — לאַכט זי.

— איר וועט מיך נישט אָפּשרעקן מיט דעמדאָזיגן וואָרט, פּונקט אַזוי ווי איר האָט מיך נישט אָפּגעשראָקן מיט דער קירך. איך גיי נאָך ווייטער, ווי די קירך: איך זאָג, אַז נישט נאָר בלויז מיט אַ פרעמדן מאַן, נאָר אַפילו מיטן אייגע־נעם איז יעדעס צוזאַמענקומען, וואָס ווערט נישט געהייליגט דורך דעם צוועק פון קינדער־האָבן, נאָר אַרויסגערופן פון אַ פיזישער באַדערפעניש, — אַ פאַרשוועכונג און פּראָסטיטוציע. איבעריגנס, דאָס וואָס איך זאָג, באַציט זיך נישט צום מאַן, נאָר צו דער פרוי. דער מין איז פון דער נאַטור גאַנץ אַנדערש איינגעשטעלט. די יצירה האָט אים אויסגעמיטן ביי דער מיסיע פון קינדער־האָבן. ער איז, ווי יעדע אַנדערע חיה, אַן אומ־אָפּהענגיג באַשעפעניש, פאַר זיך אַליין. דער מאַן איז איבער־הויפּט אַן איינזאַמע חיה. וואָס איך זאָג, באַציט זיך צום ווייב. ווייל די יצירה האָט זי אַזוי באַשאַפן, אַז איר גאַנצע עקזיס־טענץ איז אַוועקגעשאָנקען־געוואָרן פאַרן געשלעכטלעכן לעבן.

מוז זי עס פאַרוואַנדלען אין אַ מיסיע. זי איז אַ כּוהנטע, וואָס איז פון דער נאַטור געהייליגט-געוואָרן פאַר דעמדאָזיגן צוועק.

— אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר דער מיסיע, דאָקטאָר.

פונקט אַזוי ווי יעדעס פליגעלע, וואָס קומט אויף דער וועלט, נאָר כּדי אָפּצולייגן די אייערלעך. און אַדיע ! נישט וואָר ? יעדנפאַלס, האָט איר זיך דערועדט. מיר האָבן שוין לאַנג די־דאָזיגע מיסיע פון זיך אַראָפּגעוואָרפן. איר זענט געבליבן אַ שטיק הינטערוועלעכטס. איר וועט מיט אייערע אידייען, האָב איך מורא, נישט ווייט דערגיין.

בעווים האָט זי אים געהאַלטן פאַר אַביסל משוגע, ווי יעדער אַנדערער אין איר קרייז. דאָך האָט זי זיך צו אים גערן צוגעהערט. זי איז אַפילו געוואָרן אָנגעשטעקט מיט זיינע אידייען.

פאַרשטייט זיך, אַז אינעם קרייז האָט מען געהאַלטן, אַז די צוויי, דעם דאָקטאָר בערמאַן און עמיליען, פאַרקניפּן טיפע־רע, אינטימערע באַציאונגען, ווי די דיסקוסיעס וועגן עוואָלוציע און וואַגנערישער מוזיק, וואָס זיי בעגיסן צוזאַמען. ווי אַנדערש ? אויב נישט, וואָס האָבן זיי אַזויפיל צו רעדן צווישן זיך ? סילוויע, איר חברטע, האָט נישט איינמאָל געגעבן עס אָנצוהערן. זי, סילוויע, מיט איר אויסגעשניצטן קערפּער, מיט איר פויגל־קאָפּ, סילוויע, וועמענס בלוט איז ווי קוועקזילבער, וועלכע צוקט מיט איר נערוועזישן קערפּער, קנאָכיג-געשליפענע ביי־נער — זי באַשטייט אינגאַנצן פון נאַז. דער חוש-הריח איז דער שטאַרקסטער און אַנטוויקלטסטער ביי איר. עס דאַכט זיך, אַז זי פאַנגט-אויף באַוואוסטזיין נאָר דורך איין איינציגן כּוח, דורך דעם ריח.

זי האָט עמיליען איינמאָל געזאָגט :

— דאָס איז ריכטיג.

— וואָס ? — האָט זיך עמיליע פאַרוואונדערט.

סילוויע האָט זי אָנגעקוקט דערשטוינט.

— וואָס באַהאַלטסטו זיך פאַר מיר? קיינעם פון אונז בייט עס נישט בעסער. פאַרפאַלן. אונזערע מענער זענען פאַר־נומען מיט מאַכן געלט. מיר מוזן זוכן די ליבע ערגעץ אַנ־דערשוואו.

עמיליע האָט אויפגעלאַכט, געוואָרן רויט:

— צו אַן עברה מוז מען האָבן צחיי.

סילוויע האָט זי אָנגעקוקט:

— און איך האָב געמיינט, אַז צווישן דיר און דר. בערמאַן...

דר. בערמאַן! ניין. אויף אים אָזעלכעס אויסצוטראַכטן! וואָס אָנבאַלאַנגט מאָראַל, איז ער דאָס וואונדער פון אונזער צייט, אַ רעוועררענד! חעכסטנס קאָן ער געבן אַן אומשולדיגן גלעט איבער די האָר, און ווען ער ווערט גאָר צולאָזן, נעמט ער אָן איר האַנט, האַלט זי אַ ווייל אין זיינער און זאָגט דערביי אַ וויץ: „אָפגעהיט זאָל מען ווערן פאַר אַזאַ הענטל", און לייגט זי צוריק אין איר שויס אַריין. אָרימער דאָקטאָר בערמאַן! איז ער דען אַ מאַנספּאַרשוין? מיט זיין גאַנצער קלוגשאַפט, געפערלעכן אַנאַרכיזם און דינאַמיטישן רעוואָלו־ציאָנערן שטאָף, איז ער דאָך אַ קינד, וואָס מען קאָן האַלטן זיין קעפּעלע אויפן שויס, ער וועט דערביי איינשלאָפן.

נאָר דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, וואָס מר. בראַון מיינט אויך אַזוי.

זי האָט שוין דר. בערמאַנען צו זיי אַ פּאָר מאָל אַהיים־געבראַכט אין שטוב. מר. בראַון האָט אים אָנגעטראָפן זיצן מיט עמיליען אין שיינעם צימער, האַלב אין טונקל, און דיסקוטירן, ווען ער איז געקומען אהיים. ער האָט זיך מיט אים זייער קאָ־רעקט, זייער פאָרנעם באַגריסט. ער איז איבערגעבליבן אַ ווײַלע ביי זיי, זיך אַנטשולדיגט און אַוועק.

צווישן די ביידע איז געוואָרן פאַרקניפּט נישט נאָר אַ פריינטשאַפט, נאָר אַ טיף פאַרשטענדעניש. דאָקטאָר בערמאַן איז געווען דער איינציגער, פאַר וועלכן זי האָט זיך געקאָנט פאַרטרויען. פאַר אים האָט מען זיך געקאָנט מתוודה־זיין, ווי פאַר אַ גלח, גאָרנישט פאַרפעלן, גאָרנישט פאַרשוויגן.

דר. בערמאַן, דער אפיקורס, דער ציגיינער, איז געוואָרן איר גייסטיגער פירער, איר העלפער.

---

אין די לעצטע צייטן, זינט עס איז אויסגעבראָכן די וועלט-מלחמה, און גאַנץ אַמעריקע איז פאַרנומען מיט מאַכן געלט, האָט זיך מר. בראַון אָפּגעזאָגט פון זיין פּאָליטישער שטעלונג און זיך אויך געגומען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, צו באַזאָרגן זיין קינד מיט אַן איינקונפט. ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער צייט. ער איז אַוועק צוריק צו זיין פּראַקטיק.

פון דענסטמאָל-אָן האָט זיך מר. בראַונס ליידנשאַפט צו איר בערואיגט. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין צייט פאַר די זאַכן, ער איז געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, וואָס האָט אויפגעצערט אינגאַנצן זיין ענערגיע: ער איז געווען וויצע-פּרעזעס אין אַ באַנק, אויפזיכטס-ראַט-מיטגליד פון עטלעלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, און אַדוואָקאַט פון אַ גרויסער פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט. דערנאָך זענען נאָך צוגעקומען סאָציאַלע, וואוילטעטיגע אַרבעטן. ער פלעגט אויך שפּעט אַהיימקומען. אָפטמאָל האָט ער גאָר אין שטאָט איבערגענעכטיגט. ער איז אויפגעפרעסן-געוואָרן פון זיצונגען, פון פאַרזאַמלונגען.

דאָך איינמאָל, ווען ער איז געקומען אַהיים אויף אַ שבת און זונטאָג, האָט ער זי אין אָוונט ביים שלאָפן-גיין אַטאַקירט.

זי האָט זיך אַנטזעגנגעשטעלט, ווען ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט מיט זיין געווינלעכן שמייכל:

— קאָן איך אַריינגיין צו דיר?

זי האָט אים אָפּגעענטפערט, דירעקט קוקנדיג אין די אויגן:

— דו ווייסט, אַז איך האָב דיך נישט ליב. ווי אַזוי קאָנסטו דאָס פאַרלאַנגען פון מיר?

ער האָט פאַרקרימט זיינע ליפּן, איז געוואָרן ערנסט און געזאָגט מיט רחמנות אויף זיך:

— איך האָב נישט קיין אַנדער ווייב. וואָס האָב איך

אַזוינס געטין, וואָס זאָל דיך באַרעכטיגן זיך אַזוי צו באַנעמען צו מיר? איך בין דיין מאַן.

— איך קאָן מיר נישט העלפן, — האָט זי אים אָפּגע־ענטפערט. — אויב די אומשטענדן פאַרלאַנגען, צוליב סענטי־מענטאַלע אָדער אַנדערע אורזאַכן, צוליב עדיזאַבעט, אַז מיר זאָלן פאַרלויפיג וואוינען אונטער איין באַלקן, מוזן מיר עס ביידע דולדן. אָבער נויט מיך נישט צו דעם, וואָס איך האַס. דו מוזסט דאָך האָבן איינזען. פאַרוואַנדל מיך נישט אין אַ פּראָס־טיטוטקע, — האָט זי אים געוואָרפן אין פּנים אַריין און האָט פאַרהאַקט די טיר פאַר זיין נאָז.

דאָס איז נאָך פריער קיינמאָל נישט פאָרגעקומען.

## קאַפּיטל 8

# לעגיטימירטע זינד

מר. בראַון האָט מיט זיך געמאַכט אַ חשבון-הנפש. ער איז דורכגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן. ער האָט נישט געפונען אויף זיך קיין שולד, וואָס זאָל באַרעכטיגן זיין פרוי אַזוי צו האַנדלען געגן אים. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ קרבן פון אַ קאַפּריזנער, קאַליע-געוואָרענער פרוי, וואָס ווייסט נישט ווי אים אָפּצושאַצן. ער האָט זיך אַליין געפרעגט: — פאַרוואָס נישט אַן ענד-מאַכן?

עס איז אָבער אַרויפגעשוואומען די פראַגע, ווער עס זאָל אויף זיך נעמען די שולד?

ווי דזשענטלמעניש דאָס איז אים נישט פאָרגעקומען, האָט ער זיך אָבער נישט געקאָנט זען אין דער לאַגע צו נעמען אויף זיך אַ נישט-באַגאַנגענע זינד, און וואַרפן דורך דעם אַ פלעק אויף דער ליכטיגער פאַרגאַנגענהייט פון זיין קאַריערע און כאַראַקטער. ער האָט געוואוסט, אַז אַזעלכע זאַכן קומען-פאָר. עס ווערט אינסצענירט אַ פיקטיווער, אַ נישט-אמתער ברוך פון געטריישאַפט. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז עס איז נאָר אַ נאַבעלער זשעסט פון דער זייט פון מאַן. פאַרוואָס נישט אויך אין דעם פאַל דאָס אָנווענדן?

נאָכן איבערלייגן זיך, איז ער געקומען צום באַשלוס: ניין, ער איז נישט פעאיג דערויף. ער האָט אויך נישט געקאָנט איינזען, ווי אַזוי דאָס קאָן פאָרקומען, אַז זי, עמיליע, זאָל נעמען אויף זיך די שולד.

געוויס האָט ער געטראַכט, אַז אין דעם, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן זיי, האָט דער „איסט־סאַידער" ראַדיקאַל, דער דאָקטאָר בערמאַן, אַ האַנט. אפשר האָבן זיי עפעס צווישן זיך? אָבער ווי אַזוי זאָל ער זיי כאַפּן ביי דער האַנט? אַז מען וואָלט זיך געמיט, וואָלט מען געקאָנט צושטעלן באַווייזן. מען דאַרף נאָר אַ געווּיסן קנאַפּ אָנדריקן, און די באַווייזן וועלן זיך שוין געפינען. אָבער ער האָט זיך באַלד דערפון אָפּגעשאָקלט. קיינמאָל וועט ער זיך נישט באַנוצן מיט אַזעלכע מיטלען. שוין צוליב זיין טאָכטער, שוין צוליב דעם אַלטן ברעסלויער (צו וועלכן ער פילט אַ דאַנקבאַרקייט), און צוליב זיך אַליין. ניין, עמיליע מוז ווערן געשוינט. „נישט פאַר אירעטוועגן (זי האָט עס נישט פאַרדינט), נאָר פאַר אונז אַלע".

מערקווירדיג! ער האָט אין דערדאָזיגער גאַנצער טרויעריגער אָנגעלעגנהייט נישט געפונען קיין איין שפור פון פערזענלעכעס און אייגנס. פערזענלעך איז דאָ נאָר געווען זיין באַליידיגונג, זיין שטאָלץ איז פאַרוואונדעט־געוואָרן. ווי האָט עס אים נישט גצטון. ער האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס עס רעדט דאָ נישט מיט דער אייפערזוכט־אינסטינקט צו דאָקטאָר בערמאַן? אַז ער האָט עס אַנאַליזירט, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס אין דער טיפעניש פון זיין האַרצן גלויבט ער נישט, אַז עמיליע איז אים אומטריי־געוואָרן.

ער האָט קיין באַווייזן דערפאַר נישט געהאַט. פאַרקערט, עס האָט פון אויבן־אויף אויסגעוויזן, אַז אַלץ רעדט דערפאַר: זי איז דאָך שטענדיג צוזאַמען מיטן ראַדיקאַל, וואָס האָט קיין משפחה, קיין ערן־געפיל!

דאָך האָט אים זיין אינסטינקט געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר בערמאַן האָט דאָ גאָרנישט צו טון. דידאָזיגע איבערצייגונג

האָט גערוט בלױז אױף אַ גלױבן. און ער האָט צוליב דעם בײ זיך אָפּגעמאַכט:

— פּאַרפּאַלן! װי טרױעריג עס זאָל נישט זײַן, אונזער לעבן מוז װײַטער אַזױ אָנגײן, צוליב פּיל טעמים.

און דער ערשטער און װיכטיגסטער איז דערװײַל דאָס, װאָס עס איז נישטאָ קײן גרונט פאַר אַ גט.

אױף מאָרגן האָט ער נישט פאַרלאָזט זײַן הױז, נישט געפאָרן מיט דער האַלב-צענער באַן צו זײַן אָפּיס, װי ער פלעגט עס טון יעדן טאָג. ער איז געבליבן אינדערהײם און געװאַרט, ביז עמיליע איז אַרױסגעקומען פון איר שלאָפצימער:

— איך װיל רעדן מיט דיר, איך בעט דיך, װען דו װעסט זײַן פאַרטיג, — האָט ער געזאָגט, און געװאַרט אין אַלגעמײנעם זיץ-צימער אױף איר.

װען זי איז אַרײַנגעקומען אין איר פרימאָרגן-ראָק, מיט האַלב-צעלאָזטע האָר, האָט ער שױן געהאַט אינגאַנצן באַשלאָסן װאָס צו טון:

— דאָס לעבן צװישן אונז מוז גערעגלט-װערן. איך זע נישט אײן קײן מעגלעכקײט אױף אַ גט, — זאָגט ער.

— פאַרװאָס נישט? — פרעגט זי.

— כ׳װיל נישט נעמען אױף מיר קײן שולד, װײַל איך בין קײן שולד נישט באַגאַנגען. האָסטו אַ װיכטיגע אורזאַך פאַר אַ גט?

— איך יאָ! — ענטפערט עמיליע.

— און צי ביזטו גרײט זי צו באַשטעטיגן דורך באַ-װײַזן אין געריכט?

זי האָט זיך געכאַפּט, װאָס ער מײנט, און געזאָגט:

— איך קאָן עס נישט טון צוליב סענטימענטאַלע אור-זאַכן, צוליב דעם אײנזען פאַר מײַן משפּחה.

— דאָס איז אַן אױסרײד.

— כ׳בין גרײט צו יעדער צײַט צו באַשטעטיגן דורך עדות, װען מען װעט עס דורכאױס פאַרלאַנגען פון מיר, צו איך טראָג די שולד...

— איך גלויב דיר נישט.

— פארוואָס? — פרעגט עמיליע.

— ווייל דו זאָגסט ליגן. דו האָסט קיין מוט נישט, און דו זאָגסט עס נאָר, כדי מיך צו קרענקען.

זי איז בייז-רויט געוואָרן:

— און אַז איך וועל ברענגען באַווייזן?

— וועט עס זיין אַ גענוגנדיגע סיבה פאַר אַ גט, — ענטפערט ער איר.

— און ביז דאַן?

— מוזסטו דאָ בלייבן און טון מיין רצון! — האָט ער רואיג, אָן אויפרעגונג געזאָגט.

— אָבער דאָס קאָן דאָך נישט זיין! און עס וועט נישט זיין.

— דאַן מוזסטו ברענגען באַווייזן, וועלכע זאָלן זיין גענוג צו איבערצייגן דעם ריכטער אין אַ ברוך פון הייראַט, און דער פּראָצעס וועט זיך אָנהייבן.

— בעסטיע! אוממענטש! — האָט זי אויסגעשריגן און פאַרלאָזט דאָס צימער.

עס איז נאָך געשען נידעריגערס.

פאַר מורא, אַז ער זאָל זיך ביינאַכט נישט אַריינרייסן צו איר, האָט זיך עמיליע געלאָזט מאַכן אַ ספּעציעלן שלאָס צו איר טיר. עס איז אָבער געווען איבעריג.

עס זענען דורך וואָכן און חדשים, און ער האָט נישט געמאַכט דעם מינדסטן פאַרזוך זיך צו איר צו דערנענטערן. זי האָט זיך שוין מער נישט באַנוצט מיטן ספּעציעלן שלאָס, ער האָט אָבער דערפון נישט געמאַכט קיין געברויך.

מערקווירדיג! אַנשטאָט צו זיין צופרידן דערפון, האָט עמיליע גאָר געהאַט פאַרדרוס. זי האָט זיך געפילט דורך דעם דערנידעריגט. נאָך ערגער: אַרויסגעלאָזט פון חשבון.

זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין פאַר דעמדאָזיגן געפיל, געקעמפט געגן דעם, געפרואווט עס פאַרלייקענען, אָבער נישט געקאָנט.

שפּעטער האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז געקומען אויף די שפּורן פון זיין צוריקגעהאַלטנקייט. עס האָט זיך איר אויסגעװיזן, אַז ער האָט „פאַרכאַפּט די פיש פאַר דער נעץ". זי האָט געהאַט גענוג אורזאַכן אים חושד צו זיין, אַז איצט קאָן ער צושטעלן די נויטיגע באַוויזן, וואָס מען דאַרף האָבן פאַר א גט: עס איז געווען אַן אַנדערע פערזאָן, וואָס האָט מר. בראַונען בעסער פאַרשטאַנען, איידער עמיליע. א פרוי, וואָס קומט מיט אים פון דערזעלבער „איסט-סאַיד", פון זיין שטאַם, הייסט עס, און ער האָט איר אָפּגעשטאַט רעגלמעסיג באַזוכן, אין די אָוונטן, וואָס ער האָט געזאָלט זיין פאַרנומען אויף זי־צונגען. און אפשר האָט ער דאָרט ביי איר אויסגעלאָדן זיין ברויזנדיגן טעמפּעראַמענט, וואָס ער האָט געדאַרפט אויסלאָדן פון צייט-צו-צייט? דאָרט, ביי איר, האָט ער געקאָנט זיין אינ־גאַנצן אַזוי ווי ער איז. ער האָט זיך מיט גאָרנישט געדאַרפט זשענירן. אפשר האָט זי אים אויך צוגעשטעלט זיינע לעקער־ביסנס, נאָך וועלכע ער האָט געבענקט? וואָרים אינדערהיים איז ער איצט געווען די „פאָרנעמלעכקייט" אַליין. עס האָט קיינמאָל מער נישט געטראָפן, אַז ער זאָל אינדערהיים אַרויס־גיין פון זיין „פאָרם", פון וועלכער ער פלעגט דאָך (טאַקע זעלטן, אָבער דאָך) צייטנווייז אַרויסגיין, איידער עס איז געקו־מען די פאַרהעלטעניש צו יענער פרוי. ער האָט אויך קיינמאָל מער נישט געמאַכט קיין פרואוו צו דערנעענטערן זיך צו עמיל־יען. ער איז געווען שטענדיג קאָרעקט, אָבער קאַלט, ווען זיי זענען געווען אַליין. איבערגעטריבן אויפמערקזאַם צו מענטשן, שטענדיג ליבנסווירדיג, מיט זיין ברייטן, קאַלטן שמייכל אויף די ליפּן. ער האָט נאָר גערעדט מיט איר וועגן הויזלעכע זאַכן, וועגן קינד, וואָס איז איצט אונטערגעוואַקסן, וועגן פאַר־שידענע געזעלשאַפטלעכע פליכטן, אָבער קיינמאָל מער נישט וועגן אינטימעס.

מערקווירדיג! אין עמיליען האָט זיך דערוועקט א געפיל פון אייפערזוכט צו יענער פרוי. איר שטאָלץ, איר דערציאונג און איר אייגנליבע האָבן געפרואוווט עס פאַרשטיקן און פאַר־

שטעקן מיט אַלע כּוחות. זי האָט נישט געענדערט אויף קיין איין שריט איר ביז איצטיגע באַציאונג צו אים. זי האָט מיט קיין איין וואונק נישט קאָמפּליצירט, נישט אונטערגעגעבן זיך צו אים, און ער האָט דאָס גוט באַמערקט. זי האָט זיך געהיט נישט צו פאַרראַטן, אַז זי ווייסט עפּעס. זי האָט געשפּילט די קאָמעדיע פון גלייכגילטיגקייט אויפן בעסטן אופן, ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט. אָבער אין איר האָט געוויטאָגט אַן אוממעכטיגער כּעס איבער דעם, וואָס אַלץ, אַלץ קומט אים. אַלץ קאָן ער און איז אין יעדן פּרט פריער פון איר ביים ציל.

— וואו זענען זיינע גרענעצן? — האָט זי זיך געפרעגט.

פאַר דר. בערמאַנען האָט זי זיך פאַרטרויט. אָרימער, אַלטער בערמאַן! אים האָט מען זיך אין אַלץ געקאָנט פאַרטרויען. וועגן אַלץ האָט מען געקאָנט רעדן מיט אים. זי האָט אַפילו נישט פאַרהוילן פון אים אירע אייפערזוכט-געפילן.

פאַרשטייט זיך, אַז דר. בערמאַן האָט אויסגעפונען — וואָס האָט זיך אַזוי לייכט געלאָזט אַרויסדרינגען, — אַז זי איז פאַרליבט אין איר מאַן, און אַז עס איז אַ פּשוט אייפערזוכט-געפיל פון אַ פאַרליבטער פרוי צו איר אומגעטרייען מאַן.

— איר זענט משוגע! — האָט זי געזאָגט צום דר. בערמאַן. — כ'האָב פיינט דעמדאָזיגן מענטש, ווי אַ שפּין.

— דאָס האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן. אייער ליבע צו אים דריקט זיך אויס אין פיינטשאַפט. אַזעלכע פאַלן זענען נישט זעלטן. עס איז אַ פאַקט: אין יעדער ליבע איז דאָ אַ געוויסע מאָס פיינטשאַפט, ווי אין יעדער שנאה איז פאַראַן אַ געוויסע מאָס פון ליבע. איבעריגנס, ווער קאָן ציילן די פאָרמען, אין וועלכע ליבע דריקט זיך אויס? יעדער אינדיווידואום ברענגט-אַריין אין לעבן זיין אייגענע פאָרם פון ליבע. ביי אייך, למשל, דריקט זי זיך אויס אין פיינטשאַפט.

— אויב אַזוי, — פרעגט עמיליע, — פאַרוואָס האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט זיין ביי אים מיט מיין אייגענעם ווילן? ער האָט געדאַרפט שטענדיג באַנוצן געוואַלט.

— דאָס איז טאַקע דער ריכטיגער באַווייז צו דעם, וואָס איך זאָג. דאָס איז די סעקסועלע פאָרם, אין וועלכער איר גיט גט זיך. איבערהויפּט האָט יעדע פרוי ליב אַביסל „גע-

רויבט" צו ווערן. דאָס זענען שפּורן פון אַלטע חתונה פאַרמען, צו ווערן געשלעפּט אויפן צורויבערס פערד צום חתונה-בעט ביי אייך, זעט אויס, איז די שבור נאָך היפּש געבליבן.

— קרענקלעכע גייוגנגען! — לאַכט זי.

— אַזאַ וואָרט עקזיסטירט נישט. יעדע פאָרם פון ליבע, ווען זי איז עכט, איז געזונט און ריין.

— איר זענט גוט משוגע, דאָקטאָר, מיר איינצורעדן אַזאַ קרענק, — לאַכט זי.

— און איך האָב עס שוין פון לאַנג געוואוסט. עס איז איך נישט קיין וואונדער. צוערשט האָט איר זיך געוועהרט געגן דעמדאָזיגן געפיל, צום סוף האָט ער אייך גובר-געווען. איבעריגנס, זענט איר שוין אַ טייל פון אים. מיר האָבן אַלע אורזאַכן צו גלויבן, אַז ווען אַ פרוי האָט אַ קינד פון אַ מאַן, ירשנט זי אין איר קערפּער דורך דער באַפרוכפּערונג דעם מאַנס בלוט. די מענלעכע כראָמאָזאָמען טיילן זיך אויס נישט נאָר צו שאַפן די פרוכט, דאָס קינד. נאָר זיי האָבן אויך אַ געוויסן איינפלוס אויפן גאַנצן איבעריגן ווייבערשן קערפּער-בוי. עס איז פעסטגעשטעלט-געוואָרן, אַז פרויען פון איין האַרעם ווערן ענלעך איינע צו די אַנדערע. אויך אין אַנדערע פאַלן האָט מען באַמערקט אַן ענלעכקייט צווישן צווי פרויען, וואָס לעבן מיט איין מאַן. דאָס באַווייזט אונז, אַז דער מאַן האָט נישט נאָר בלויז אַן איינפלוס אויף באַשאַפן די פרוכט, און דערמיט איז זיין ראָלע געענדיגט, נאָר אַז ער באַזיגט דורך זיין בלוט די פרוי און מאַכט זי אויף אַלע אייביגקייטן צו זיך אונטערטעניג. די פרוי איז די מוטער פון מאַן, דער מאַן אָבער איז אויך די מוטער פון דער פרוי. דערפאַר איז ביי מיר אַ חתונה-געהאַט לעבן נישט קיין צופעליגע באַגעגעניש פון צווי כוחות, נאָר אַ מיסטישע באַשטימטקייט, אַ טיפער סוד פון דער יצירה. צוליב דעם טאַקע האָב איך מיר נישט דער-לויבט קיינמאָל חתונה צו האָבן.

— וואָס פאַר אַ שרעקלעכע זאַכן איר דערציילט מיר דאָ, איר מיאוסער מענטש, כדי מיך אָפּצושרעקן!

— ניין, עס איז א הייליגער ערנסט ביי מיר, — פארזיכערט זי דאקטאר בערמאן.

פארשטייט זיך, אז מען נעמט דאקטאר בערמאנען נישט ערנסט ביי די געשפרעכן. דאס וואס ער זאגט, האלט מען פאר א גייסטרייכן פאראדאקס. דער דאקטאר שפרודלט מיט אזעלכע פאראדאקסן, ווען ער איז אין גוטן הומאר. וואס א מענטש וויל עס! איר גאר איינרעדן, אז זי איז פארשקלאפט צו א מאן, וועלכן זי האסט אז זי ווערט דאמינירט נישט בלויז דורך זיין שטרעבערישן כאראקטער, נאר טיפער. און ער האט א שייכות מיט איר בלוט! אז זי איז נישט מער זי אליין, נאר פארבונדן, אפהענגיג פון א פרעמדן אינדיווידואום! רעדן שיין קאן ער, דער דאקטאר בערמאן. א, ווען זי וואלט נאר געקאנט ווארפן זיך אויף יעדן ביליגן פארגעניגן ווי עס טוט איר ברײנדין, וואלט זי אים באוויזן, דעם דאקטאר, ווי זי ווערט „דאמינירט פון מר. בראון". אבער, ליידער, קאן זי דאס נישט. כדי צו באגיין א טאט, דארף זי א גרויסע אויפטרייסלונג. וואלט איר נאר דער צופאל אונטערגעשארט יענע גרויסע, אמתע, ערלעכע ליידנשאפט, וואס זי האט קיינמאל נישט געהאט דאס גליק צו פילן, וואלט זי נאר געוועזן געפונען וועמען ליב צו האבן, וואלט זי באוויזן, ווי זי איז אונטערטעניג צו א פרעמדן קערפער, וואס זי האסט און פאראכט..

אבער עס איז נישט געבליבן קיין אנדערע עצה, ווי צו ווארטן אויף יענעם גליקלעכן טרעף, וואס זי האט געגלויבט, אז דער גורל האלט אין שויס פון דער צוקונפט אנגעגרייט פאר איר. עס קאן דאך נישט זיין, אז איר לעבן איז אפגעפטרט מיט איר ארימער, ניכטערער, טאג-טעגלעכער לאנגוויליגקייט. ניין, עס איז דא און עס ווארט עפעס אויף איר, און זי איז נאך יונג גענוג צו דערווארטן זיך אויף דעם.

פארלויפיג איז מער גארניש! איבערגעבליבן, ווי צוצוגרייטן זיך צו יענעם קינפטיגן לעבן — נישט אלט-ווערן, נישט פארטריקנט, פארוויאנעט-ווערן. און אזוי ווי א בלאט, וואס נייגט זיך אין די לעצטע טעג פון הארבסט צו די קאלטע

זון־שטראַלן, אַזוי האָט זי זיך געהאַלטן אין איין האַלטן צו דער זון, צו קאָנסערווירן זיך פאַר יענעם לעבן.

זי האָט זיך פיל פאַרנומען מיט ספּאָרט, געווינטיגט זיך אין אַלע וועטערן. איצט איז צוגעקומען דאָס שווימען אין ים. עמיליע האָט איבערן זומער אַריינגעזאַפּט אין איר קערפּער זון־שטראַלן, וועלכע האָבן איבערגעצויגן איר לייב אויף אַ גאַנץ יאָר מיט אַ טונקעלן קאָליר. אַלע האָבן זיך פאַרוואונדערט אין קאָנצערט־זאַל, אָדער אין טעאַטער: פונוואַנען האָט דידאָזיגע פרוי גענומען די זון־שטראַלן אין ווינטער אָפּצובערענען איר רוקן און ברוסט, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פונם אויסגעשני־טענעם קלייד? די מאָדע איז איר אויך געקומען צו הילף, צו סטימולירן, איינצוהאַלטן ווי דורך אַ כּישוף די טעג און די יאָרן פון איר הויל לעבן. דאָס שווימען אין די באַסיינען אין די ווינטער־טעג האָט איינגעהאַלטן דעם מיידלישן, פרישן פלוימענדיגן טוי אויף איר לייב. פון טאַנצן, וואָס זי האָט, אגב, ליידנשאַפטלעך ליב־געהאַט, איז איר קערפּער געוואָרן מוסקולער, בויגעוודיג און קערנדיג. נישט איינמאָל האָט עמיליע, ווען זי איז געבליבן מיט זיך אַליין אין איר שלאָפצימער, אָדער אין באָדצימער, געכאַפּט בגנבה אַ בליק אויף זיך אין אַנט־געגנאיבערדיגן שפּיגל. זי האָט נישט געקאָנט צוריקהאַלטן איר האַנט — מיט הנאה צו גלעטן איר קאַלט־קנאָספּנדיגע הויט. נישט צו זעטיגן איר בליק מיטן מיידלישן פלוימען־טוי, וואָס רוט אויף איר לייב, ווי אויף אַ בילד פון דעם פראַנצויזישן מייסטער רענואַר.

און דאָך...

אין אַ געוויכער צייט אַרום, ווען מאַן און ווייב זענען געזעסן אין שיינעם צימער פאַרן שלאָפן־גיין, ווי צוויי פרעמ־דע, האָט עמיליע ווידער געפילט זיינע באַגערנדיגע בליקן, וואָס פאַלן אויף איר. זי איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אויסער זיך פאַר כּעס, וואָס ער וואַגט זי נאָך צו באַטראַכטן פאַר זיין פרוי. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן אַרויסצוגיין, האָט זיך באַ־גייט די שוין זייער לאַנג נישט־פאַרגעקומענע סצענע צווישן

זיי. זי איז, זעלבסטשטענדלעך, געוואָרן אויפגעבראַכט. אָבער מערקווירדיג: זי האָט מיט קיין איין וואָרט, אפילו מיט קיין איין זשעסט זיך נישט געווערט געגן אים (אין זיך האָט זי זיך פאַרענטפערט אַז זי וויל נישט מאַכן קיין סצענע, אויפוועקן די דינערשאַפט, ווייל ער איז געווען אַזוי אויסער־געוויינלעך אַנטשלאָסן).

דאָרטן אינעווייניג, אין דער פינסטער, האָט זי צוערשט געגן איר ווילן, דערנאָך מיט איר ווילן, געטון זיין רצון...

זי האָט זיך עס אויף מאָרגן נישט געקאָנט מוחל־זיין. זאָל עס זיין אמת, דאָס וואָס דאָקטאָר בערמאַן זאָגט, אַז איר ווייבערשער באַרוף מאַכט זי, געגן איר ווילן, אונטערטעניג צו אים? אָבער זי האָסט אים דאָך!

דאָס אינטימע לעבן האָט ווייטער אָנגעהאַלטן צווישן זיי — אמת, מיט לאַנגע הפסקות. אָבער זי איז יעדעסמאָל געווען אונטערטעניג צו זיין ווילן אין דער טונקעלער פאַרבאָרגנקייט, ווי מען באַגייט אַ געהיימע זינד. און ווי אַ פאַרבאָרגענע זינד, האָט זי עס נישט נאָר באַהאַלטן פאַר פרעמדע, נאָר אויך פאַרלייקנט פאַר זיך אַליין, זי האָט אַלץ געטון, כדי צו באַהאַלטן, פאַרשטעקן דעמדאָזיגן פאַקט פאַר אירע באַקאַנטע. זי וואָלט זיך, דאַכט זיך, געווען אַ מעשה געטון, ווען מען וואָלט זיך וועגן דעם דערוואוסט. עס איז געווען איר טיפער, פאַרזענלעכער סוד, און עס האָט דורך דעם אויך באַקומען אַ רייץ. ווי יעדע פאַרבאָרגענע, פאַרווערטע פרוכט, איז זי געווען זיס...

דערווייל האָט זיך די מלחמה אָנגערוקט.

אין גייסטיגן לעבן אין אַמעריקע איז די פרוי שטענדיג געשטאַנען העכער פון מאַן. אין יענע צייטן פון מלחמה־„פראָספּעריטי" זענען די פרויען געווען די איינציגע, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דער בלוטיגער געשעעניש, וואָס קומט־פאָר אויף דער וועלט. די מענער זענען געווען צופיל באַשעפטיגט מיט ציען פון די בלוטיגע געשעע־

גישן נוצן. עמיליע איז דורך דעם פאַרקער מיט דאָקטאָר בערמאַן אָנגעשטעקט-געוואָרן מיט ראַדיקאַלע אידייען. זי האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פאַציפיסטישער באַוועגונג און האָט פראָפּאַגאַנדירט געגן מלחמה. צוליב דעם איז זי געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט די געזעצן פון לאַנד. איר נאָמען איז צום פאַרדרוס פון אירע עלטערן און מאַן, אַפילו עטלעכע מאָל אַריינגעפאַלן אין די צייטונגען. זי האָט זיך צוליב דער פאַציפיסטישער אַגיטאַציע פאַרנומען מיט פּאָליטיק. ווי אַלע ראַדיקאַלן דענסטמאָל, האָט זי אויך געגלויבט, אַז ווילסאָן וועט אויכהיטן דאָס לאַנד פון קריג, זי האָט אַגיטירט פאַר זיין צווייטער וואַל. עס איז געווען פיל צו טון. דאַן איז אויך דר. בערמאַן געווען אַ גוטער „ערזאַץ”, יעדנפאַלס פאַר איר ווייבלעכן אינטערעס און מוטערלעכע געפילן, אָן וועלכע אַ פרוי קאָן גיכער נישט אויסקומען, ווי אָן שטילן אירע סעקסועלע באַדערפענישן...

די טאָכטער איז שוין אונטערגעוואָקסן. זי איז געווען אויסערגעווײנלעך פעאיג, ווי דער פאָטער. אין דער באַציאונג פון עמיליען צו איר טאָכטער איז נישט פאָרגעקומען קיין ענדערונג. פאַרקערט. אויב עמיליע האָט נאָך פאַרמאָגט פאַר איר טאָכטער, בשעת זי איז געווען אַ קינד, אַ געוויסע אומבאַהאָלפענע, נאַטירלעכע צוגעבונדנקייט, אַ געפיל פון אייפערזוכט אויפן פאָטער, וואָס ער נעמט ביי איר צו דאָס קינד, איז עס איצט, ביי עליזאַבעטס אויפוואַקסן, אויסגעלאָשן-געוואָרן. די טאָכטער איז איר נישט אָנגעגאַנגען. עליזאַבעט האָט איצט געטראָגן אָפן דעם טאַטנס פנים און האָט געהאַט דעם טאַטנס כאַראַקטער. זי האָט אַרויסגעוויזן אומפאַרשטעלט איר קאַלטקייט און אַפילו איר שנאה צו דער מוטער.

עליזאַבעט איז פון איר קינדהייט-אָן געווען אומאָפּהענגיג. די דאָזיגע אומאָפּהענגיגקייט האָט זיך ביי איר נאָך מער אַנטוויקלט מיט איר אויסוואַקסן. קיין זאַך קילט אַזוי נישט אָפּ אַ מוטערס געפילן צו אַ קינד, ווי דעם קינדס נישט-נויטיגן זיך אין איר. עליזאַבעט האָט אַליין געזאָרגט וועגן זיך. זי־

האָט געהאַט אַן אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער ביז צו אַ רציחה·
שער קאַלטקייט. האָט זי זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ,
איז עס נישט געווען אַרויסצושלאָגן. זי האָט דאָס איריגע
אויסגעפירט. און נישט אויסגעפירט, ווי אַנדערע קינדער, דורך
געוויין, פּראָטעסט, בעטן זיך, לאַשטשען זיך — זי איז צו·
שטאָלץ געווען פאַר דעם — נאָר דורך דער קלאָרקייט פון
איר ציל. און דורך דירעקטן צילעווען זיך צו אים. זי האָט
געהאַט איר אייגענעם געשמאַק אין קליידונג. זי האָט געוואָלט
אויסזען, ווי אַ דערוואַקסענע, און געווען געניגט צו ערנסטע,
טונקעלע קאָלירן. זי האָט דער מוטער נישט פאַרגינען זיך
צו שפּילן מיט איר, צו מאַכן פון זיך אַ ליאַלקע. זענען שוין
די קאָלירטע, קינדישע קליידלעך, וואָס עמיליע האָט איר גע·
מאַכט, געווען פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, און זי האָט פון ער·
געץ·וואו אַרויסגעקראָגן דאָס העסלעכסטע, אָפּגעלאָזענע קליידל,
וואָס עמיליע האָט געהאַסט.

דאָס קינד האָט געהאַט איר אייגענעם געשמאַק אין עסן
זי האָט געוואוסט און גערעדט, ווי אַ גרויסע, וועגן דעם, וואָס
עס איז פאַר איר גוט און געזונט. זי האָט אַפילו געהאַט איר
אייגענעם וועג אין לערנען זיך, אין לייענען ביכער. נאָך מער
אָבער איז זי אַזוי געווען אין ספּאָרט. זי האָט דווקא ליב·גע·
האַט זיך צו שפּילן מיט יינגלעך, אין שפּילן, וואָס פּאַסן נישט
פאַר אַ מיידל: ווי „פוטבאָל". און דערביי פלעגט זי קיינמאָל
נישט אַראָפּנעמען אירע יינגלשע שיך און די גראָבע ענגלישע
זאָקן. אָדער זי פלעגט גאָר פון יונגערהייט·אָן פאַרפאַלן·ווערן
מיט יונגע סקויטן, צו וועלכע זי האָט זיך אָנגעשלאָסן, אויף
דער ענד פון דער וואָך אין אַ וואַלד, נעכטיגן אין אַ געצעלט,
עסן טרוקנס.

עמיליע האָט זיך געוואָלט שפּילן מיט איר, מאַכן פון
איר דאָס צירלעך מאַנירלעכע קינד, ווי זי האָט זיך אַליין גע·
זען אין איר קינדהייט. זי האָט געוואָלט אַריבערטראָגן אויף
איר אירע אייגענע אויסגעהאַפּטענע זיידן·באַטיסטענע קליידלעך,
וואָס זי האָט אָפּגעהיט פאַר איר.

אָבער מיט עליזאַבעט איז גאָרנישט געווען וואָס צו מאַכן. זי האָט געהאַט איר אייגענעם ווילן. און דאָס האָט ארויסגעריסן יעדעס מוטערלעך געפיל פון עמיליעס האַרץ ארויס.

עס איז, אייגנטלעך, שוין באַזייטיגט-געוואָרן די אור-זאַך, וואָס האָט זי געהאַלטן צוגעבונדן צו איר מאַן אונטער איין באַלקן: דער אַלטער מר. ברעסלויער איז געשטאָרבן (זינט דענסטמאָליגן געשפרעך מיטן פאָטער, האָט זי געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט — גאָרנישט אונטערצונעמען אין זיין לעבנס-צייט). עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די „אַלטע, גוטע נשמה", איר פאָטער, האָט געזאָרגט וועגן איר אויף זיין טויטן-בעט.

קודם-כל האָט ער אַזוי געהאַט אַראַנזשירט זיין צוואה, אַז ער האָט דעם טייל, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף עמיליען, נישט אָפּגעשריבן, ווי ביי דער אַנדערער טאָכטער, פאַר עליזאַבעטן. ער האָט פאַרשריבן, אמת, דעם טייל אויפן נאָמען פון איר קינד, אָבער דאָס קינד קריגט דעם קאַפּיטאַל מיט די פּראָצענטער ערשט נאָך דער מוטערס טויט. אַזוי לאַנג ווי די מוטער לעבט, קאָן זי נישט אָנרירן דעם קאַפּיטאַל, זי איז אָבער אינגאַנצן באַרעכטיגט צו די פּראָצענטער.

דער אַלטער איז געווען אומרואיג וועגן איר. אויף יעדן פאַל האָט ער געוואָלט זי מאַכן אומאָפּהענגיג, זי באַזאָרגן מיט חיונה. מיטן געלט, וואָס זי האָט געהאַט פון איר נדן, האָט זי געקאָנט נישט רייך, אָבער באַקוועם לעבן.

אייגנטלעך, האָט עמיליען מער גאָרנישט צוריקגעהאַלטן אויסצופירן איר פאַרלאַנג זיך צו שיידן, וואָס זי האָט אַזוי הייס געווינטשט, אָדער, יעדנפאַלס, צו לעבן באַזונדער פון איר מאַן. דאָך האָט זי עס נישט געטון. צי האָט זי געוואַרט אויף אַ גאַזיגע געלעגנהייט, אָדער צי איז עס געווען צוליב אַן אַנדערן ט-פערן און פאַרשטעלטן מאָטיוו; יעדנפאַלס, האָט נישט זי געגעבן די אורזאַך דערצו, נאָר דווקא ער.

אמעריקע איז אריין אין קריג. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואולקאַן פון פאַנאַטישן פּאַטריאָטיזם און רעאַקציע, וואָס האָט פאַרפינסטערט דאָס גאַנצע לאַנד. מען האָט געדאַרפט מיט געוואַלט שאַפן אַן אַטמאָספערע פון האַס און שנאה, כּדי צו באַרעכטיגן דעמדאָזיגן אַקט, צו שיקן אומוויסנדיגע, אומשולדיגע מענטשן צום שעכטהויז, צוליב אַ מחלוקת, וואָס איז זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען, און וואָס זיי האָבן נישט געהאַט די קלענסטע ידיעה וועגן איר. אַלץ איז געווען באַשעפטיגט מיט פאַבריצירן דעם נויטיגן שנאה-שטאָף, דעם האַס צום „שונא". די קינעמאַטאָגראַפן האָבן פּראָדוצירט ספּעציעלע בילדער. די צייטונגען האָבן אויסגעטראַכט נישט-געשטויגענע און נישט-געפלויגענע בלבולים. מען האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך, אַבי צו פּראָדוצירן דעם נויטיגן שטאָף פון האַס, וואָס איז געווען אַזוי נויטיג פאַר דער מלחמה. מען איז דערגאַנגען אַזש ביז מיטלאַלטערלעכע בלבולים, וואָס מען האָט ביז איצט נאָר אָנגעווענדט געגן יידן: ווי די באַשולדיגונג, אַז מען פאַרסמט ברונימער, אָדער בלוט-בלבולים.

פאַרשטייט זיך, אַז מר. בראַון איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיטן לייב-און-לעבן אין אַגיטירן און מאַכן פּאָפּולער די מלחמה. ער האָט אויף דעם אַוועקגעגעבן זיין גאַנצע לעבנס-קראַפט, זיין ענערגיע, זיין רעדנער-קונסט, אין דער גוטער האָפענונג זיך דורך דעם אַרויפצואַרבעטן צו אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג, וואָס וועט אים קומען צונוץ אויף זיין גאַנץ לעבן לאַנג.

עמיליע ווידער איז דורך איר „ראַדיקאַלן-קלוב" געווען טעטיג אין פּאַציפיסטישער אַגיטאַציע. פּאָליציי איז שוין עטלעכע מאָל באַפאַלן דעם קלוב. פּאַטריאָטישע מאַטראָזן האָבן זיך אַהין אַריינגעריסן און געמאַכט אַ ריכטיגן פּאָגראָם. עמיליעס נאָמען איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין די צייטונגען, אין שכנות מיט ד"ר בערמאַן און פון אַנדערע ראַדיקאַלן. מר. בראַון האָט געפונען פאַר נויטיג עמיליען איצטער אָנצוגרייפן. זיין רעפּוטאַציע איז געשטאַנען אין קאָן. און איבער זיין קאַר-

יערע האָט מר. בראַון מער געוואָכט, ווי איבער זיין גליק און לעבן.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט איבעררייסן דיינע באַציאונגען מיט די ראַדיקאַלן. זאָלסט אויפהערן אַרויפצוקומען אין קלוב, וועלכן מיר וועלן פאַרשליסן און זיינע מיטגלידער פאַרשיקן אין תפיסה. דו זאָלסט זיך מער נישט ווייזן אין דער געזעלשאַפט פון דעם אויסוואורף, דר. בערמאַן, וועלכן מיר וועלן אַרויסשיקן פון לאַנד. וואָס עס זאָל נישט זיין צווישן אונז, טראָגסטו אָבער מיין נאָמען, און דו שאַדסט דורך דעם מיין רעפּוטאַציע.

— איך האָב פיינט דעם טאָן, איך נעם נישט אָן קיין באַפעלן! — האָט אים געענטפערט עמיליע.

— עמיליע, איך וויל, אַז דו זאָלסט עס טון, דו מוזסט עס טון, אויב צווישן אונז זאָל זיין מעגלעך אַ וועלכעס עס איז לעבן.

— איך בין גאָרנישט פאַראינטערעסירט, אַז צווישן אונז זאָל איבערהויבט זיין אַ וואָסער עס איז לעבן.

— האָסטו געקלערט וועגן עליזאַבעט?

— וועגן עליזאַבעט! אָ, ווי מיד און קראַנק איך בין שוין דערפון. דאָ וועגן פאָטער, דאָ וועגן עליזאַבעט. שטענדיג צו קלערן וועגן עמיצן אַנדערש, וועגן עפעס אַנדערש, נאָר נישט וועגן זיך אַליין.

ער האָט געמאַכט אַ ווייטאָגדיגע גרימאַסע, אָבער באַלד האָט ער זיך קאָנצענטרירט און געזאָגט:

— ווען דיר איז באמת אַזוי ענג מיט מיר, אפשר וואָלט געווען אַ יושר דאָס אומזין צו פאַרענדיגן?

זי האָט געשוויגן.

זיי זענען איצט ביידע געווען פאַרטיג און רייף דערצו. זי האָט אים נאָך מער פיינט-געקראָגן. זי וואָלט, דאַכט זיך, אַ האַלב לעבן אַוועקגעגעבן איצט באַפרייט צו ווערן פון אים. אים איז אויך געוואָרן ענג. זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע אויסגעמיטן, נאָר קיינער האָט נישט אַריינגעכון די האַנט אין

קאַלטן וואַסער, צו פאַרענדיגן דאָס לעבן, וואָס איז פאַר זיי פאַרוואַנדלט-געוואָרן אין אַ תּפיסה. זיי האָבן זיך ביידע דער-שראָקן פאַרן סקאַנדאַל. איינער האָט ביים אַנדערן נישט גע-מאָנט, כאָטש זי האָט געוואַרט אויף אַ נס, אַז עס זאָל עפּעס געשען.

די באַציאונגען מיטן „ראַדיקאַלן-קלוב" האָט זי אויפגע-געבן, זי האָט אויך אָפּגעשטעלט די פּאַציפיסטישע אַגיטאַציע, כאָטש מיט דר. בערמאַן האָט זי זיך ווייטער געטראָפן — איצט טאַקע זעלטענער, אין געהיים מער, אָבער דאָך זיך געטראָפן.

דאָס אינטימע לעבן מיט איר מאַן האָט זי אָבער איצט אויך ענדגילטיג אָפּגעשטעלט.

די מלחמה האָט זיך פאַרענדיגט, די וועלט איז געוואָרן צוריק אָפן. זי האָט געקלערט איצט צו מאַכן דעם סוף. אָבער עליזאַבעט איז שוין דענסטמאָל געהאַט אונטערגעוואַקסן. עמיליע האָט ביי זיך אַנטדעקט אַ ניי פאַראַנטוואָרטלעכקייטס-געפיל. איצט, ווען איר טאָכטער איז אונטערגעוואַקסן, האָט זי נישט קיין רעכט צו זיין אַזוי עגאָאיסטיש, צו טון עפּעס אַזעלכעס, וואָס קאָן שאַטן דער צוקונפט פון איר טאָכטער.

זי האָט געפונען אַ תּירוץ פאַר בלייבן אין זיך ווייטער קאָכן אין דעם זאַפט פון דעם אומדערטרעגלעכן לעבן און בענקען נאָך פרייהייט. און זי האָט אַזוי געטון.

אָבער עליזאַבעט האָט איר באַלד, דערמאָנט אין איר אומאָפּהענגיקייט, וואָס האָט מוטער און טאָכטער אַזוי פרי פאַרצווייט:

אין צווייטן יאָר „קאָלעדזש" האָט עליזאַבעט זיך פאַר-קנסט צו אַ יונגנמאַן. זי האָט אירע עלטערן צוגעשיקט אַ ביליעט, דערפון מיט אַ לאַקאָנישער מעלדונג. זי האָט אויך געלאָזט וויסן, אַז זיי דאַרפן נישט דערוואַרטן איינגעלאַדן צו ווערן אויף דער חתונה.

עליזאַבעט האָט פון קליינערהייט-אָן שטענדיג געהאַט איר

וועג צו טון זאַכן. זי האָט קלאָר געגעבן צו וויסן, אַז קיין סענטימענטן שפּילן נישט מיט אין איר לעבן. און די מוטער האָט זיך, ווי תּמיד, געפילט פון עליזאַבעט אַרויסגעשטופּט פון שטוב און אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס.

איצט איז דאָס לעבן מיט אים אַליין, אָן דעם תּירוץ, וואָס האָט עס געהאַט באַרעכטיגט, געוואָרן נישט נאָר אומדערטרעגלעך, נאָר אויך אָן אַ טעם און אָן אַ זין. זי האָט זיך געפילט, ווי אַ שטיק לעבעדיג פלייש, וואָס איז פאַרשקלאַפט צו אַן אַנדערן ווילן, אָן אַ מוז און אָן אַ נויט. זי האָט געפילט, אַז עס איז די לעצטע מעגלעכקייט, וואָס איז איר איבערגעבליבן זיך פון אים צו באַפרייען. איצט אָדער קיינמאָל נישט.

זי האָט צוזאַמענגענומען אירע כּוחות און איר ווילן. און ווען איר פריינדין סילוויע האָט איר געמאַכט דעם פאָרשלאָג מיט איר צו פאָרן צוזאַמען קיין אייראָפּע, האָט זי זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט. עס איז איר געווען אַ וואונדער, וואָס זי האָט עס אַזוי לאַנג אָפּגעשלעפּט.

— אַצינד, ווען עליזאַבעט נויטיגט זיך שוין נישט אין מיר, זע איך נישט איין, פאַרוואָס מיר זאָלן ווייטער ציען דעם אומזין? — האָט זי געזאָגט צום מר. בראַון" — דיר איז אויך נישט גוט מיט מיר. איך האָב באַשלאָסן אָפּצופאָרן קיין אייראָפּע צוזאַמען מיט סילוויען.

זי האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך אַנטקעגנשטעלן. ער איז אָבער, צו איר פאַרוואונדערונג, געבליבן גאַנץ גלייכגילטיג און נאָר געפרעגט:

— אויף לאַנג?

— איך מיין אַזוי, — האָט זי געענטפערט.

— ווי אַזוי זאָל איך עס פאַרשטיין? לעבן באַזונדער? — האָט ער געזאָגט מיט אַ ליבנסווירדיגן שמייכל.

אין עמיליעס אויגן איז אויפגעגאַנגען אַ ליכט. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם שטריק, וואָס מען האָט איר דערלאַנגט

— יאָ, — האָט זי געזאָגט אַ בלייכע, אָבער מיט אַ זיכע־רע שטימע.

ווי עס איז געווען זיין געוואוינהייט, האָט ער געמאַכט אַ הפסקה, דערנאָך געזאָגט מיט דעם טאָן פון אַ מענטש, וואָס אים קאָן גאָרנישט געשען:

— אפשר האָסטו רעכט, אַלץ איבעריגס וועט זיך דערנאָך אַליין אויפקלערן.

ער האָט זי אַראָפּגעבראַכט צו דער שיף אין זיין אויטאָמאָ־ביל, באַנומען זיך, ווי געוויינלעך, דזשענטלמעניש, געזאָ־גט וועגן איר באַקוועמלעכקייט. אַזוי אַז מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען די גליקלעכסטע פּאָר.

ער האָט אַפילו געשמייכלט פריינטלעך צו דר. בערמאַנען, וועלכער איז אַראָפּגעקומען צו דער שיף מיט אַ פּאָר ווייסע רויזן אין האַנט. ער האָט אָבער אין זיין צעמישטקייט (אפשר פון אינערלעכער באַשיידנקייט) פאַרגעסן זיי עמיליען איבערצוגעבן. עמיליע איז אויך געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט זיי ביי אים פון האַנט נישט אַרויסגענומען.

דער איינציגער, וועלכער האָט זיך נישט פאַרלוירן, איז געווען מר. בראַון. ער האָט אַפילו, טאַקע מיט אַן איינגעהאַל־טענעם שמייכל, געגעבן דר. בערמאַנען די האַנט. קוים אָבער איז די שיף אָפּגעגאַנגען, האָט אים מר. בראַון מער נישט דער־קענט, זיך דערוויטערט פון אים אָן אַ פאַרנייג.

דר. בערמאַן איז מיט די בלומען, וואָס האָבן פאַרפעלט זייער מיסיע, אַ פאַרטראַכטער געגאַנגען צוריק איבער די ניו־יאָרקער גאַסן.

## קאַפּיטל 6

# אַ באַגעגעניש

די מאַגנאָליע האָט זיך צעבליט, אַזוי אויך אײניקע קאַרשן-בײמער. װי אָנגעצונדענע ליכט אין צװײַגן-לײַכטער, שטײען זײ הערלעכע אין העלער פֿרישן מאָרגן. דאָס גרינס פֿון די „אימער-גרינע" איז נאָך מער גרין געװאָרן. רויטע, בלויע, װײַסע ציניעריעס, אָפּגעצוימט מיט פּענסיס-ברידערלעך און רויטע ליאַק-בלימלעך, מיט װעלכע די פּריש-באַאַרבעטע, רויט-ערדיקע פֿעלדער זענען צװישן די פֿעלזן-שטײנער געװען אויסגעזעצט, האָבן אינעם קרעפֿטיקן מאָרגן-ליכט אַזוי אויסגענומען מיט זײערע קאָלירן, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז די װעלט האָט זיך אויף אַ גרויסן יום-טובֿ אויסגעצירט. אין דרויסן איז באמת יום-טובֿ געװען, דער יום-טובֿ פֿון פֿרילינגס-זון און אײביקער פֿרײד. די װעלט האַלט-אײַן איר אָטעם, זי האָט אויפֿגעהערט איר אײביק שװעבן, אין װעלכן איר באַװעגלעכער טעמפּעראַמענט יאָגט זי. זי איז צוגעקומען צו שלימות. נאָך אַזוי פֿיל צײַט פֿון אײביקן יאָגן, און איצט בלײַבט זי שוין אַזוי שטײן, אײַנגעגליװערט װי אַן אײַז-פֿעלד, אינעם זוניקן מאָרגן. צוזאַמען מיט דער ערד זענען געקומען אַלע באַשעפֿענישן אויף איר אין דעם צושטאַנד פֿון רואיקײט. די װערים און אינזעקטן, װאָס האָבן זיך געפֿונען אויף די פּלאַנצן,

זענען פויל·געווען צו באוועגן זיך. צוגעצויגן צו זייערע ערטער מאַגנעטיש דורך די האָניג·שפּייזן, האָבן זיי זיך מיט זייערע קעפּלעך און האָריגע לייבער איינגענורעט אין די בלומען·קעלכן און זענען שוין דאָרט געבליבן קלעבן.

ווען עמיליע איז פרימאָרגנס אַראָפּגעקומען פון איר צימער, האָט זי געהאַט דאָס געפיל, אַז זי האָט זיך אויפגעלייזט פון איר אָפּגעשלאָסענער פאָרם און איז געוואָרן אַ טייל פון אַלעם, וואָס רינגלט זי אַרום.

עס זענען דאָ מאָמענטן, ווען מיר טוען זיך אויס אינגאַנצן פון אונזער יש און ווערן אויפגעלייזט אין דעם אַרום. דאָס איז דער צושטאַנד פון לעבעדיגן טויט.

זי איז געווען אינגאַנצן באַפרייט פון איר יחידות. זי האָט זיך געפילט מיטלעבנדיג מיט יעדן שפּראָץ, בלאַט, אינזעקט. דאָס גרויסע לעבן פון שלימותדיגער מנוחה.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ געפלאָכטענעם גאָרטן·שטול און איז געזעסן אַ מינוט צען. דורך דער צייט איז זי געשטאָרבן און ניי·געבוירן געוואָרן. זי איז אָפּגעשטאָרבן פון דעם ביז·איצטיגן לעבן. אַלע חרמות זענען אויפגעלייזט·געוואָרן. זי איז געווען אַרויסגעשיילט פון אַלע אָנגעוואָקסענע שאָלעכצער, אויסגעטון פון אַלע אָנגעוואָרפענע קליידער, און זי שטייט אַ נאַקעטע, אַ ניי·געבוירענע. קיין איין נעכטן איז נישט געווען, וואָס זאָל באַשווערן מיט זיין געוויכט דעם ניי·געבוירענעם היינט איצט. זי איז געוואָרן צוריק אָנגעלענט צו די וועלט·ברוסטן און איז געוואויר·געוואָרן, אַז אויך פאַר איר איז פאַראַן שפּייז. זי איז געשטאַנען אין אַ וועלט, וואָס האָט אינגאַנצן באַלאַנגט צו איר, און דאָס האָט זי אַפילו נישט געוואונדערט.

אַז זי איז אָנגעקומען צום ים, האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס וואָס זי זעט און פילט, קומט·פאָר נישט אין דער ווירקלעכקייט, נאָר איז אַן אילוזיע. אַ שיינע פאַנטאַזיע. דער ים איז געווען געפאַנגען, ווי אַן אויג אין אויגן·אויסשניט. ער איז געווען אַרייגעפאַסט אין אַ ריין·באַגרינעצער, מיט רויטע

דעכער באַשפּריצטער בוכטע. דער ים איז געשלאָפן, ווי אַ קליין קינד פון אַ ריזן־מוטער, איינגעוויגט אין דער טויבאַהויכטער זוניגער בוכטע־וויג, ער האָט רואיג געדרימלט. ער האָט נאָר פון צייט־צו־צייט צו וויסן געגעבן וועגן זיך דורך זיין געזונטן, רעגלמעסיגן אָטעמען, וואָס די כוואַליעס האָבן אַזוי אָנגעשלאָגן אויפן שטיינערנעם ווענ. זיין גלאַנציגע, שופּיגע הויט האָט זיך אין ליכטיגער הערלעכקייט אָפּגעשפּיגלט אין דער ברייטער זון און פאַרוואַנדלט דאָס גיגאַנטישע ים־קינד אין אַ ריזן־פיש, אויף וועמנס גלאַנציגע שופּן עס וואַנדלען־אַרום אומצייליגע שיפן און שיפלעך. און מערקווירדיג! דאָס קריכן פון די רויכערדיגע דאַמפּערס און זעגל־שיפן וועקט דאָס ים־קינד נישט אויף פון זיין שלאָף, שטערט נישט זיין רעגלמעסיגן, געזונטן אָטעמען.

עמיליע האָט זיך אַנטציקט מיט דעמדאָזיגן אָנבליק. און דאָ האָט זי דערהערט אונטער אירע פיס אַ פּליעשטשען אין וואַסער. עס האָט עמעצער געגעבן דעם ים אַ גרויסן פּאַטש, אַ שפּריץ האָט זיך אויפגעהויבן. זי האָט פון אַן אָפּגעצוימטן פעלזן־רינג אַראָפּגעקוקט אין דער נידער, צום ים, ווי אַ מענטשלעכער קערפּער האָט זיך פון שפּרינג־ברעט אַ וואָרףגעטון און צעשניטן מיט זיין געזונטן קערפּער דעם רואיגן ים־שפּיגל. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּוואַרטן, ביז דער מענטש וועט ווידער אַרויפּטויכן פון וואַסער־צודעק. באַלד האָט זי דערזען, ווי זיין הויט־קאָליר לייכט זיך אַדורך דורך די געשליפענע, גרינע, צעריסענע כוואַליעס. אַ נאַסער, גלאַנציגער מענטשן־קאָפּ רייסט זיך אַרויס פון די כוואַליעס, לייכט־אויף, און אַ פּאָר שטאַרקע, מוסקולערע מענטשלעכע אָרעמס שלאָגן מעכטיג אַרום זיך. אַ מענטשן־קערפּער שניידט שאַרף און ציל־באַוואוסט די געשליפענע גרין־בלוילעכע וואַסער־ווענט. באַלד טויכט ער אינגאַנצן אויף. אַ גלאַנציגע, בראָנזענע פיגור גרייפּטאָן מיט שטאַרקע מוסקולערע הענט דעם שפּיץ פון אַ פעלזן־שטיין, וואָס שטאַרצט־אַרויס פון וואַסער.

עס האָט זי אָנגעהויבן צו צוקן. דער פיש אין איר

האָט אָנגעהויבן צו מאָנען געשווינד דאָס לייב אונטער די וואַסער-כוואַליעס אונטערצוטונקען.

געשטופּט פון וואַסער-חשק, געמאָנט דורך קנאה און נייגעריגקייט, איז זי פלינק אַרונטער די טרעפּלעך, וואָס פירן צום ים-ברעג, געוואויר צו ווערן, ווער עס באָדט זיך אַזוי פּריצייטיג אין ים.

פון איר האָטעל האָט עס קיינער נישט געקאָנט זיין. דאָרטן זענען בלויז אַלטע לייט. אפשר ווער פון דער דינער-שאַפט? אַ צוגעפאָרענער?

כאַראַקטעריסטיש פאַר איר אַמעריקאַנישער דערציאונג, וואָס ראָט-אויס אין מיידל-קינד יעדן שאָטן פון שוואַכקייט און מינדערווערטיגקייט: זי האָט געוואַגט אַראָפּצוגיין, געוואויר צו ווערן ביי אַ פרעמדן נאַקעטן מענטש וועגן ים-באָדן.

---

אויף אַ פעלזן-שטיין, אַ טריט צען פון איר אינמיטן ים, איז געשטאַנען אַ מאַן, פון קאָפּ ביז די פיס גלאַנצנדיג אין וואַסער-פייכטקייט, ווי אין אַ פאַנצער באַקליידט, און געשפּיגלט אין דער זון זיין שטאַרקן, מוסקולערן, אַטלעטיש-אַנטוויקלטן קערפּער. די ברוסטן-ביינער פאָרויסגעשיקט, דעם בויך-זאַק איינגעצויגן, שטייט ער מיט אַ לאַכנדיג פנים, מיט וואַסער-רינענדיגע האָר, אַביסל זשענירט פאַר עמיליען פאַר זיין גע-זונטער נאַקעטקייט. — זשענירט נישט דערפאַר, ווייל זי געהערט צו אַן אַנדער געשלעכט, נאָר ווייל זי געהערט צו אַן אַנדער עלטער, פאַר וועלכן מען דאַרף האָבן רעספּעקט. איבעריגנס, האָט ער אויסגעקוקט, ווי נאַטירלעכקייט אַליין, ווען ער האָט איר אָפּגעענטפערט מיט איינגעוואָרצלטער באַ-שיידנקייט.

— נו, קאַלט איז עס נישט, מאַדאַם, אוודאי זעכצן גראַד ס'איז אָבער געפערלעך זיך דאָ צו באָדן. דער ים איז זייער טיף, פול מיט פעלזן. באָדן קאָן מען זיך אין כפעצ-גלן

וואסער-באַסיין, וואָס איז רעזערווירט פאַר די געסט, און וואָס איז איינגעמויערט אין די פעלזן.

זי האָט אים געדאַנקט, אָפּגעווענדט זיך, און איז ווייטער אַרומגעקראָכן פאַר זיך צווישן די אויסגעלייגטע, באַפלאַנצטע שטעגלעך איבער דעם ים-ברעג. זי איז אָנגעקומען צום גרויסן שווים-באַסיין. שוין פון דערווייטנס האָט ער ווי אַ לעבעדיגער קערפּער אַרויסגעשיינט, איינלאַדנדיג מיט זיינע באַקוועמע, מיט מאָזאיק אויסגעזעצטע טרעפּלעך, וואָס זענען קונציג געווען אַריינגעצוימט אין גרינעם גראָז און בלומען.

דאָס וואסער אין באַסיין האָט שימערירט מיט זיין פרישער גרינקייט. מ'האָט דורך אים, ווי דורך אַ ליכטיגן אַדורכזיכטיגן קערפּער, געקאָנט זען די גרינע קאַכליעס, וואָס זענען אויסגעלייגט אויף זיין גרונט. דאָס פרישע, קוואַלנדיגע וואַסער האָט געפּישופּט.

וויפל עס האָט זי נישט געררייצט דאָס וואסער, איז איר אָבער גיצווען באַנג אַליין זיך צו באָדן. זי האָט איינגעהאַלטן דעם יצר-הרע, וואָס האָט איר דערקוטשעט. זי האָט זיך דערהייטערט און איז באַלד פאַרפאַלן-געוואָרן אין גרינעם, טרוקענעם טענען-וועלדל, וואָס האָט, אָנגעגליט אין דער שטאַרקער זון, געשמעקט מיט אָטעם-פאַרכאַפּנדן פעטן פעך-גערוך.

---

ביים מיטאָג-עסן, אין דער האלע, וואָס איז געווען געבויט ווי אַ שיף איבערן ים אַרויס, האָט זי באַמערקט דעם יונגנמאַן. מען האָט אים געמוזט באַמערקן. ער איז געזעסן ביי אַ געדעקטן טיש, נישט ווייט פונם אַריינגאַנג, אַריינגעצוימט אין העלן ספּאָרט-אַנצוג, און האָט מיט זיין שפּראָצנדיגער געזונטקייט און יוגנטלעכער פרישקייט צוגעצויגן, ווי אַ מאַגנעט. דער ים איז נאָך אַ פרישער, אַ צאַפּלדיגער געלעגן אויף זיין פּנים. דער גאַנצער ים, איינגעצוימט אין אַ העלן ספּאָרט-אַנצוג. ער האָט אויפגעהערט צו עסן, ווען עס האָט אויף איין אויגנבליק געווט איר בליק אויף אים מיט באַוואונדערונג.

ער האָט זי דערקענט און נישט געהאַגט צו גריסן. זי האָט נישט געקאָנט אונטערדריקן דעם פריינטלעכן שמייכל, וואָס האָט געשפּילט אויף איר פּנים ביי זיין אָנבליק, און וואָס זיין ים־פרישקייט האָט אַרויסגערופן ביי איר. זי האָט געגעבן צו אים אַ פלינקן נייג מיטן קאָפּ און אַ קניקנדיגן שמייכל, און איז אַוועק אויף איר אָרט.

נאָכן עסן, ווען זי איז געווען אויבן ביי זיך אין צימער, האָט זי זיך צום שפּאַציר מער געשפּיגלט, ווי אַן אַנדערשמאָל. זי האָט באַטראַכט איר פּנים און געוואונדערט זיך דעריבער. מענטשן קענען זייערע אייגענע פּנימער נישט. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט גאָרנישט קיין פּנים פון אַ פרוי.

זי האָט געהערט פאַרן האָטעל אונטער איר פענסטער אַ גערודער פון אַן אויטאָמאָביל. זי האָט זיך אַרויסגעבויגן דורך דער פענסטער־ראַם און געזען, ווי דער יונגערמאַן פאַר־לאָזט אין זיין ספּאָרט־אויטאָמאָביל דעם האָטעל.

אַ גאַנצן טאָג איז זי געזעסן מיט זיך אַליין. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן קיין מאָנטע־קאַרלאָ אויפזוכן איר פריינדין סילוויע, מיט וועלכער זי האָט אָפּגערעדט טיי צו טרינקען. זי איז פויל אַרומגעגאַנגען אין וועלדל שפּאַצירן. שפּעטער האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק ביים ים און אויפגענומען אויף איר פּנים און לייב די וואַרימע נאָכמי־טאָג־זון.

---

טיי האָט זי דערנאָכאַנד געטרונקען אַליין. זי האָט דעם נאָכמיטאָג זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. זי איז געווען צעטומלט פון איר וואַכקייט, אין וועלכער זי האָט זיך די לעצטע פאָר טעג שוין געהאַט טיף אַריינגעוועבט. זי האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן די אורזאַך, און אויך נישט געוואָלט נאָכגריבלען. לעזן האָט זי נישט געקאָנט. איר האָט זיך מיטאַמאָל פאַרגלוסט צו שרייבן אַ לאַנגן בריוו צו ד״ר

בערמאַן, וואָס זי האָט פריער געהאַט אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן אַנדערן, צוליב פוילקייט.

אין בריוו איז זי געווען אויסערגעוויינלעך הארציג צום דאָקטאָר. זי האָט אפילו געשריבן, אַז זי פילט, אַז ער פעלט איר. זי האָט אַזוי פיל מיט אים צו רעדן. וועגן וואָס, האָט זי זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון.

זי האָט זיך אויך דאָסמאָל צום אָוונט-עסן לענגער פאַרהאַלטן ביים טואַלעט, און עס האָט גענומען אַ לאַנגע ווייל, ביז זי האָט זיך אַנטשלאָסן אָנצוטון דאָס ווייסע אַטלעס-קלייד, וואָס ברענגט-אַרויס בעסער, ווי דאָס ערנסטע שוואַרצע, די פרישע מיידלטויקייט, וואָס זי האָט נאָך איינגעהאַלטן אויף איר פּנים. איר שמאָל-רונדיקער קערנדיגער קערפּער קוקט-אויס אין דאָזיגן קלייד מער געפאָרמט, מער איינגעגאָסן. זי האָט גענומען דעם ווייסשוואַרץ אויסגעהאָפטענעם שפּאַנישן שאַל איבער אירע נאַקעטע פלייצעס און הענט און איז אַראָפּגעגאַנגען צום עסן. עס איז שוין געווען צייט. זי האָט זיך דאָסמאָל פאַרשפּעטיגט מיט אַ גאַנצער האַלבער שעה.

---

דאָס אָוונט-עסן איז געווען סערווירט אינם גרויסן, ליכטיגן צימער פון דער האָטעל-געביידע. זי האָט דורך דעם נישט געקאָנט אַזוי גיך באַמערקן, צי דער יונגערמאַן געפינט זיך צווישן די טעלערס, אין סמאָקינגס געקליידעטע געסט. נאָך אַ גוטער ווײַלע פון דיסקרעטן אַרומקוקן, איז זי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער איז נישטאָ. זי האָט געטראַכט: ס'איז אַוודאי געווען אַ דורכגייענדער גאַסט, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן נאָר איבער נאַכט אין האָטעל, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז דער האָטעל נעמט נישט אויף אַזעלכע געסט. אָדער אפשר האָט ער געמאַכט אַ קורצן וויזיט ביי אייגענע? יעדנפאַלס איז זי געווען זיכער, אַז זי וועט דעמדאָזיגן יונגנמאַן מער קיינמאָל נישט זען. אָבער אינערלעך אין איר האָט

אַ נישט-אויסגעלאָשענע האָפענונג געלעבט, אַז ער וועט זיך יאָ באַווייזן. ס'איז איר געווען אַזוי אַלץ-איינס, אַז זי האָט זיך אַפילו נישט געוואונדערט איבער דעם אינטערעס, מיט וועלכן עס באַשעפטיגן זיך אירע געדאַנקען. דאָס נעמט זיך דערפון — האָט זי זיך געטראַכט — וואָס זי האָט נישט עפּעס בעסערס צו טון.

ביים ענד פון עסן האָט זי באַמערקט, אַז דער יונגערמאַן געפינט זיך יאָ אין זאַל, אָנגעטון אין ספּאָרט-אַנצוג. ווייזט-אויס, נישט געהאַט קיין צייט זיך איבערצוטון צום אָוונט-עסן. אַזוי ווי ער וואָלט ערשט פון וועג אַהיימגעקומען. צוליב דעם איז ער געזעסן אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל, כּדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן.

ווען עמיליע איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער זיך זייער זשענירט, פאַרשעמט, ווידער אויפגעהערט צו עסן און זיך גע-פונען אומבאַקוועם, נישט געוואוסט, צי יאָ גריסן אָדער נישט. ער האָט אָפּגעוואָרט איר פאַרלעגענע מינע. עמיליע ווידער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן נישט אָרויסצוברענגען ביים בייגייסן אים אַ פריינטלעכן שמייכל אויף אירע ליפּן, וואָס זיין נאַאיווע פאַרווירונג האָט ביי איר אַרויסגערופן. ער האָט דעם שמייכלדיגן גרוס אויפגעכאַפּט מיט אַ דאַנקבאַרן און רעספּעקטפולן פאַרנייג.

אין אָוונט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ווי תמיד, אויף איר אָרט אינעם גרויסן ליכטיגן זאַל, מיט אַ בוך אין האַנט. זי האָט נישט געלעזן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט די גאַנצע צייט, וואָס זי געפינט זיך דאָ אויף דעם אָרט, געחלומט. זי איז זיך פאָרגעקומען, ווי אַ מיידל, וואָס הייבט ערשט אָן אויפצוביי. וואָס זי הייבט-אָן, האָט זי נישט געוואוסט, און עס איז איר אויך געווען אַלץ-איינס.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרימע. דער זאַל און די געסט זענען געווען לאַנגווייליג. זי האָט מער נישט געהאַט די איבערלעבונג. עפּעס האָט איר געפעלט, עפּעס האָט זי געמאַכט אומרואיג. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, אַרומגעהילט

זיך טיפער אין איר שפּאַנישן שאַל און איז אַרויס אויף דער ברייטער, אָפענער טעראַסע, וואָס איז געשטאַנען אינדרויסן, אַ טויער אין דער נאַכט אַריין.

זי האָט דערהערט פייפן אַ באַקאַנטן אַמעריקאַנישן „כאָקסטראָט". ביי איר אַרויסקומען האָט דאָס פייפן אויפגעהערט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. צוערשט האָט זי געזען אַ גליענדיגן סיגאַרעט אין דער פינסטערניש. דערנאָך, אַז זי האָט זיך צוגעוואוינט צו דער טונקלקייט, האָט זי געזען דעם יונגנמאַן אין פערלדיגן שטערן-ליכט, מיט וועלכן עס איז געווען באַגאָסן די טעראַסע.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, אַזוי ווי ער וואָלט איר געוועז אָנגעבאָטן זיין זיץ, כאָטש עס זענען געווען גענוג שטולן אויף דער טעראַסע. אַחוץ זייביידע, איז קיינער נישט געווען.

— אַ הערלעכע נאַכט, נישט וואָר? — האָט זי געזאָגט אין ענגליש.

— יאָ, מאַדאַם, — האָט ער אָפּגעענטפערט פּאַרווירט. — אַ הערלעכע נאַכט, — האָט ער איבערגעחזרט אירע ווערטער.

אין אַ ווײלע אַרום האָט ער צוגעגעבן מיט פרייד: — איר זענט אַן אַמעריקאַנערין? (אינדערפרי האָט זי צו אים גערעדט פראַנצויזיש, נאָר מיט אַ שטאַרקן אַמעריקאַנישן אַקצענט).

— יאָ, איך בין אַן אַמעריקאַנערין, ניו-יאָרק איז מיין היים, — האָט זי אָפּגעענטפערט.

— דאָס בין איך אויך, — האָט ער איר געענטפערט.

— צום ערשטן מאָל אין אייראָפּע?

— יאָ, מיין ערשטע אייראָפּעישע רייזע, מאַדאַם. אויב מען זאָל נישט רעכענען די רייזע, וואָס כ'האָב געמאַכט אַלס קינד מיט מיינע עלטערן, איז דאָס מיין ערשטע אייראָפּעישע רייזע. כ'געדענק גאָרנישט. כ'בין געווען צו-קליין. יערנפאַלס דאָ, אויף דער ריוויערע, בין איך צום ערשטן מאָל.

— נו, ווי געפעלט עס אייך?

— שטאַרק, מאַדאַם. מען זאָגט, אַז צו אונזער פלאָרידע

קומט עס נישט. עס קאָן זיין, כ׳בין קיינמאָל דאָרטן נישט געווען.

---

איידער זי איז געגאַנגען די נאַכט שלאָפן, האָט זי געוואוסט, אַז ער הייסט פרענק מעלבאָרן, אַז ער קומט פון פענסילוואַניע. ערשט פאַראַיאָרן האָט ער פאַרענדיגט קאָלעדזש. ער ווייסט נישט, צו וואָס זיך צו נעמען. ער האָט קינסטלערישע אַמביציעס. זיין פאָטער, דער פראָפעסאָר, וויל, אַז ער זאָל מאַכן אַ וויסנשאַפטלעכע קאַריערע. קיין אייראָפּע איז ער געקומען דאָ צו פאַרבלייבן אַ געוויסע צייט. פאַריז, ווין. איבער דער ריוויערע מאַכט ער אַן אויטאָמאָביל-טור.

## קאַפּיטל 7

# דער טאַנץ

צומאָרגנס האָט זי אויפגעוועקט פון איר שלאָף די הייזע־ריגע באַס־שטימע פון אַן איטאַליענער, באַגלייט מיט אַ פידל און האַרפע, ווי יעדן טאָג, מיט דעם ליד „אָ מאַרי". די זון האָט זיך דורך די פריי־געוואָרענע פענסטער אַריינגעריסן אין איר שלאָפצימער מיט אַ געזונטער מונטערקייט און אויפגעפּאָדערט צו מעשים. זי האָט ענערגיש אָנגעקלונגען נאָך איר טיי.

אַז זי איז אַראָפּגעקומען צום ים, האָט זי נישט געפונען פרענקן זיך באָדן, ווי נעכטן, ביים שפּרינג־ברעט. ער האָט זיך געבאָדן אין שווים־באַסיין, און דאָס אין אַ פולן באָד־קאָסטיום.

— ווי איז דאָס וואַסער הייַנט? — האָט זי אים געפרעגט.

– גרויסאַרטיג, מאַדאַם, און אויך נישט קאַלט.

זי איז געשטאַנען פאַרקוקט אויפן שטאַרקן מענטש, וואָס האָט מיט זיינע מוסקולערע אברים (וועלכע האָבן געגלאַנצט אין אָפּשיין פון וואַסער, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעהאַמערט פון געשליפענעם שטאָל) געשניטן, ווי מיט אַ מעסער, דאָס פלייש פון וואַסער. זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן נישט צו געניסן מיט אַלע חושים די הנאה פון דעמדאָזיגן אָנבליק. צוליב אַ באַהאַלטענעם טעם האָט זי זיך דאָס נישט פאַרגונען.

דער אָנבליק האָט אַרויסגערופן אַ פריידיגן שמייכל אויף איר פּריש-אויסגעשלאָפענעם פּנים.

— ווילט איר נישט פּרוּוון כאַפּן אַ שווים? דאָס וואַסער איז היינט פּרעכטיג, ווי די זון.

— יאָ, דאָס איז אַן אידייע. וועט איר וואַרטן, ביז איך וועל זיין פאַרטיג?

— געוויס, מאַדאַם.

— עס וועט אָבער אַביסל געדויערן, — האָט זי געזאָגט נישט אָן אַ קאָקעטישן שמייכעלע.

— אייביגקייטן! — האָט ער מיט פרייד געגעבן אַ שריי־אַרויס פון וואַסער, פון וואָס ביידע האָבן זיך דערשראָקן.

זי איז מיט איילנדיגע טריט אַוועק צוריק אין איר האָטעל און האָט געבראַכט אירע באַד־זאַכן. די באַד־פרוי האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ ביידל. דאָס אַלץ האָט געדויערט אַ מינוט צען (פּאַר פרענקן זענען דאָס געווען שעהן און טעג), ביז זי האָט זיך באַוויזן אין דיסקרעטן בלוי. זי האָט זיך מיט מיידל־שער שעמעוודיגקייט פלינק געאיילט צום באַסיין, און באַלד זענען שוין געשוואומען צוזאַמען צוויי מענטשלעכע קערפּערס, ווי צוויי גרויסע גן־עדן־פיש.

דורך דעם אָפּשיין פון די גרינע קאַכליעס זעט מען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אינם גרויסן באַסיין, ווי אין אַ שפּיגל. די צוויי מענטשן־קערפּערס גליטשן זיך פאַרביי איינער נעבן אַנדערן ווי צוויי פיש. דער מענערישער קערפּער פירט־אויס אַקראָבאַ־טישע באַוועגונגען, נורעט זיך, טונקט זיך אונטער, און שווימט־אַרויף. דער ווייבערשער קערפּער, צירלעך־מאַנירלעך, שניידט־דורך מיט ריטמישע באַוועגונגען דורך דעם וואַסער־פלייש זיין וועג. אָפּטמאָל באַרירן זיך די קערפּערס צופעליג. אַ גלאַטיג־קאַלטער פיש־ציטערדיגער באַריר. עס פילט זיך דורך דעם וואַסער־גלעט די מילדע וואַרימקייט פון מענטשן־לייב. אומבאַ־וואוסט ווערן די קערפּערס, ווי זיי וואָלטן פאַרמאָגט מאַגנעטי־שע קראַפט, צוגעצויגן איינס צום אַנדערן. זיי באַרירן זיך און שלאָגן זיך אָפּ — דער מענערשער איז פרעכער, אַנגרייפנדיגער.

דער ווייבערשער — באַשיידענער, אַפּוערנדיג. אַזוי צעשווימען זיי זיך ביידע אינם גרינלעכן קלאָרן וואַסער־אָפּשיין, ביז זי דערגרייכט פּלוצים די באַסיין־טרעפּלעך. מיט אַ גלאַנציגער פייכט־קייט באַגאָסן, ווי אין אַ שילד פאַרקליידט, זאָגט זי, שווער־באַפּנדיג דעם אָטעם:

— אַ דאַנק אייך!

און פאַרשווינדט מיט מיידל־שפּרונג אין איר פרויען־אָפּטייל.

— אָ, נאָך אַ ווײלע, ביטע! — רופט ער איר נאָך.

— וועט זיין גענוג פאַרן ערשטן מאָל, — הערט זיך שוין איר ציטערנדיגע געבאָדענע שטים פון היגטערן שלאָס אָפּער.

פרילינג־צייט, ווען דאָס וואַסער איז נאָך קיל און מען פאַנגט ערשט אָן צו באָדן זיך, איז דאָס פאַרגעניגן נישט נאָר אַ פיזישעס, נאָר פיל מער אַ גייסטיגעס. מען פילט זיך דורך דער פרישקייט פון וואַסער אינערלעך גערייניגט. ווי טובל־גע־ווען זיך פון אַלע זינד. עמיליען האָט זיך אויסגעדאַכט, נאָכן באָדן זיך, אַזוי ווי זי וואָלט געהאַט אויף איר לייב דעם גאַנצן מיטל־לענדישן ים, און זי טראָגט אים מיט זיך אונטער אירע קליידער. זי האָט ליב־געהאַט צו באַרירן מיט אירע ליפּן דעם געזאַל־צענעם אָפּזאַץ, וואָס דער ים האָט איבערגעלאָזט אויף אירע הענט. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס זי איז אַזוי לייכט איינגעגאַנגען אויף דער איינלאַדונג פון דעם פרעמדן יונגנמאַן, וואָס ער האָט איר געמאַכט נאָכן לאָנטש, אַז זי זאָל מיטפאָרן מיט אים שפּאַצירן אין זיין אויטאָמאָביל. זי האָט דעם טאָג קיינעם נישט געקאָנט אָפּזאָגן. עס איז אַזוי געווען: נאָכן לאָנטש האָט זי זיך מיט אים געטראָפן אויף דער גרויסער וועראַנדע ביי דער שוואַרצער קאַווע און ס׳גאַרעטל. דער יונגערמאַן האָט איר מאָדנע געקוקט אין די אויגן אַריין, מיט אַזאַ קינדערשער פאַרוואונדערטקייט און מיט אַזוי פיל פרייד, אַז עס איז זיך נישט געווען אויף וואָס צו בייזערן. גיכער האָט מען געמוזט שמייכלען איבער דער פאַרלוירנקייט פון באַ־גייסטערונג, וואָס האָט געשפּילט אויף זיין פּנים. און דאָס האָט זי געטון. דער יונגערמאַן האָט אויך געשמייכלט.

קיין זאַך פאַרייניגט נישט אַזוי צווי מענטשן, ווי אַ בשותּפותדיגער שמייכל. עס איז זיי פאָרגעקומען דורך דעם פּלוצימדיגן שמייכל, ווי זיי וואָלטן זיך שוין לאַנג געקענט. יעדנפאַלס האָט זיך אים, פרענקן, אויסגעדאַכט, אַז ער קען שוין דידאָזיגע פּרוי זינט זיין קינדהייט, אַז זי איז זיינע אַ קרובה. אַרויסגערופן דעמדאָזיגן איינדרוק ביי אים האָבן עמיליעס אויגן. אַזעלכע אויגן האָט נאָר אַ נאָענטער מענטש. דאָס זענען געווען מוטער-אויגן פון בורשטין-קאָליר, גרויס, פריי און דירעקט. דידאָזיגע אויגן וועקן נישט און פאָדערן נישט. זיי ווילן גאָרנישט. נאָר זיי ברענגען דיך אַריין אין אַ מנוחהדיגן צושטאַנד.

מען קאָן זאָגן, אַז ער האָט זיך דורך די אויגן געפילט צוגעצויגן צו איר מיט יענער נאַטירלעכקייט, זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וואָס מען פילט צו משפּחדיג בלוט. ער האָט אויך נישט געקאָנט באַהאַלטן, קאָנטראָלירן זיין בייגונג, אָדער זיך זשעניִרן מיט איר. זיין געפיל האָט געמוזט ווירקן אָנשטעקיג אויף איר. וואָרים זי האָט זיך אין אָנהייב גאָרנישט געוואונדערט איבער דעם. וואָס דער יונגערמאַן האָט זי אַזוי איינגעאַך, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך געווענדעט צו איר, אויב זי וויל נישט מיטפאָרן מיט אים אין זיין אויטאָמאָביל.

— וואוהין? — האָט זי געפרעגט איינפאַך.

— וואו איר ווילט.

ערשט איצט האָט זי זיך פאַרוואונדערט איבער זיין דרייסטקייט. עס איז אָבער נישט געווען אויף וואָס זיך צו בייזערן. זיין פּנים, זיינע אויגן, זיין מויל, זענען געווען — פול מיט איין אייגציגער, אַנגסטיגער בקשה.

— גוט, — האָט זי געזאָגט. — ווען איר קאָנט מיך אַראָפּלאָזן אין מאָנטע-קאַרלאָ. כ'האָב צוגעזאָגט אַ חברטע צו קומען צו טיי. ווען איר וועט האָבן געדולד צו וואַרטן, ביז איך וועל מיין הוט אָנטון.

זי איז פאַרשוואונדן. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי אַראָפּגע-קומען נישט אין אַ היינט-מאָדישן פרענטש-אַנצוג, נאָר אין אַלט-

ווייסן פריצישן שטויב-מאַנטל איבער איר קאָסטיום פון בלוי-לעכן קאָליר, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט די ווייסע קאַמיליען-בלום אויף איר ברוסט. זי האָט געהאַט אַ פריצישן גאַנג, לייכט און לאַנגזאַם. זי האָט אין ווייסן פריצישן שטויב-מאַנטל גע-ווירקט נאָך מער דאַמען-אַרטיג און צוריקהאַלטנדיג, אַזוי אַז פרענק האָט מיטאַמאָל דערפילט די דיסטאַנץ צווישן זיי. עס האָט זיך דערשראָקן ביים אָנבליק פון דער צירלעך-מאַנירלעכער, קאָרעקטער דאַמענהאַפטיגקייט, וואָס איר פיגור האָט געשייניטן פון דערוויטנס, ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער דרייסטקייט, וואָס ער האָט געהאַט זי איינצולאַדן אין זיין אויטאָמאָביל. אָבער דאָס חנעווידיגע באַרעט-היטעלע אויף איר שוואַרצן פאַר-פלאָכטענעם אָוואַל-לענגלעכן קאָפּ האָט אים געמאַכט היימיש צו איר. און אירע גרויסע בורשטין-אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אויף אים אַזוי פריי, האָבן אין אים דערוועקט דאָס משפחה-געפיל צו איר. ער האָט נישט געקאָנט קאָנטראָלירן די יינגלישע פרייד איבער דעם, וואָס זי פאָרט מיט אים, און ער האָט מיט איבערגעטריבענער ענערגיע, מיט פולער קראַפט געלאָזט דעם אויטאָמאָביל אין גאַנג, אַזוי אַז ער האָט אָנגעמאַכט גרויס רעש, און ביים קערעווען האָט ער געגעבן אַזאַ קער, אַז ער איז שיער נישט אַרויף אויף אַ בוים.

— נישט אַזוי ענערגיש! — האָט זי געשמייכלט צו אים.

— אַנטשולדיגט, מאַדאַם, — האָט זיך פרענק פאַרשעמט.

די לאַנדשאַפט האָט זיך געבאָדן אין גרינס און אין זון. טעראַסעס מיט ווייסע נעגעלעך, טעראַסעס מיט רויזן, טעראַסעס מיט געלע און ווייסע אויג-בלימעלעך, בלויע נאַרציזן, ווייסע ליליעס זענען געקראָכן איבער די רוקנס פון די בערג און דערגאַנגען ביז צו זייערע שפּיצן. דאָס וואָס די פלאַנצן זענען געווען דיסציפּלין-אַרטיג, רעגלמעסיג אויסגעזעצט אין די פעלזן-פעלדער, האָט אַרויסגערופן דעם איינדרוק, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען נישט-נאַטירלעכע, נאָר פּאַפּירענע, אַריינגעשטעלט פון קינדער אַלס קינדער-שפּילעכלעך. זיי האָבן פאַרלוירן די חשיבות פון בלומען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שמעקן נישט מער,

און האָבן מיט זייער אייגנאַרטיקייט לאַנגווייליג געשטאָכן דאָס אויג. אַ פריש איבערגיסן זיך פון וואַסער אין די איבערפולטע רעזערוואואַרן האָט געקלונגען אָנגענעם אין אויער. די גאַנצע לאַנדשאַפט איז, איבעריגנס, געווען פאַרהוילן אין איין אויפפרעסנדיגן שטויב-וואָלקן. דאָס איינציג-רירנדיגע אין דער לאַנגווייליגער לאַנדשאַפט פון פעלזן און בלומען זענען געווען די אין וועג שטיין-געבליבענע, פון אַלטקייט און שטויב גרויגעוואָרענע איילבירטן-ביימער, וואָס האָבן, פונקט ווי זייערע קלענערע ברידער, די וויינשטאָקן, אויסגעצויגן זייערע קנאָכיג-צוזאַמענגעפלאָכטענע צווייגן-פינגער, ווי אַלטע לייט, מיט פון קעלט און אַרבעט פאַרשטאַרטע, אויסגעבויגענע הענט צום געבעט.

זיי זענען אָנגעקומען אין די בערג. די קולטיווירטע געוויקסן זענען געוואָרן אָרימער און שיטערער, די נעגעלעך-פעלדער — אָרימער און אויסגעשלאָגענע פון ווינט. די מענטשן-הייזער זענען געווען צעריסענע, צוזאַמענגעקלעפטע דורך פלאַכטעס און ראָגאָזשעס. פעלזן-ווענט האָבן זיך אויפגעהויבן אין פאַנטאַסטיש אויסגעהאַמערטע פיגורן פון בריאים און חיות. דאָ-און-דאָרט האָט פון מיטן אַ שטיין אַרויסגעשאָסן אַ שטאַם פון אַ קאַקטוס-פלאַנץ, אָדער דאָ-און-דאָרט נאָך אַ פאַרבלאָנדזשעטער איילבירט-בוים, וואָס האָט מיט די לעצטע כּוחות אָנגעצויגן אַזוי הויך, און דער ווינט האָט זיינע צווייגן אַזוי צעטרייסלט, אַז זיי זענען געוואָרן איין קנויפּ פון וואָרצלען. אַלע זאָרגן פון דער גאַנצער וועלט טראָגט אַזאַ איינזאַם פאַרטראָגענער איילבירט-בוים אויף זיין קאַרק...

עמיליע און פרענק זענען אַרומגערינגלט-געוואָרן פון אַזאַ שטילקייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס ווערט דערטרונקען אין דער הערנדיגער שטילקייט דאָס געריש פון זייער אייגענער מאַשין. דער וועג האָט זיך געדרייט זיג-זאַגיש, און יעדעסמאָל האָט זיך אויפגעעפנט פאַר זייערע אויגן אַ פּאַנאָראַמע פון אַ נייער וועלט פון בערג, וואָס זענען איבערגעבליבן פון נאָך אַ מבול. און אונטן, טיף אונטער די בערג, האָט זיך די גאַנצע וועלט צוזאַמענגעגאָסן אין קינדערשפּיל-פאָרמאַט פון אַ פאַר-

פלאַנצטן גאָרטן, וואָס באַזוימט מיט קוים-אָנגעזעענע געלע זאַמד-וואַנסעס דאָס גרויסע אָפענע מויל, אין וועלכן דער שט־אַלנדי-גער ים-לייב האָט זיך פאַרוואַנדלט.

אַרום זיי איז וואָס אַמאָל געוואָרן שטילער און איינזאַמער. פרענק האָט פאַרקלענערט דאָס טעמפּאָ פון אויטאָמאָביל. ער איז איצט געגאַנגען לאַנגזאַמער. טיילמאָל האָט זיי אַריבערגע-יאָגט אַ רעשדיגער, אומגעדולדיגער, אָנגעלאָפענער וואָגן. פרענק האָט אים געגעבן דעם וועג. ער האָט געוואָלט וואָס לענגער איינהאַלטן די שטילקייט און די איינזאַמקייט. און ווען עס איז גישט אַדורכגעפאָרן קיין אויטאָמאָביל, האָט זיך זיי טאַקע אויס-געוויזן, אַז זיי געפינען זיך גאַנץ אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. אַרום זיי איז גאָרנישט געווען צו זען, נאָר פאַנטאַסטישע פעלזן, אונטערן גרונט פון וועלכע עס האָט זיך געהערט דער בייז-אָנזאָגנדיגער געוויש פון אומבאַקאַנטע, שלעכטע כוחות...

זיי האָבן געשוויגן אין דער שטילקייט, ווי זיי וואָלטן ביידע געהאַט מורא צו רעדן. זייער אויטאָמאָביל איז געקראָכן לאַנגזאַם, אָטעמענדיג שווער, ביז זיי האָבן ענדלעך דערגרייכט דעם באַרג-שפּיץ, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען רעשטן חורבות, אפשר פון דעם טעמפּל פון דער געטין אַשתרות, וואָס די פלישתים האָבן דאָ אַמאָליגע צייטן אויפגעשטעלט.

פרענק האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל, און זיי האָבן זיך גענומען קריכן אויפן באַרג צום טעמפּל.

אַז זיי זענען אַרויפגעקומען אויבן, האָט זיך עמיליע פאַר מידקייט אַוועקגעזעצט אָפּרוען אויפן ערשטן בעסטן שטיין. פרענק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אירע פיס. און זיי האָבן אַראָפּגע-קוקט ביידע אין דער נידער.

פון דער טיפער ווייטקייט האָט דער ים, ווי אַן אויג, אַרויסגעשיינט, פאַרהילט אין אַ שימערירנדיגן טוי-נעפּל. מען האָט אים אָבער געזען אַזוי קלאָר און נאָענט, אַז עס האָט זיך בעדאַכט, אַז מען קאָן אים דערגרייכן מיט דער האַנט. דער ים, און די וועלט אַרום אים, האָבן פון דעם באַרג-אַראָפּ, אין דעם זון-שימער, פאַרלוירן זייער רעאַלע ממשותדיגקייט, און זענען

פאַרוואַנדלט-געוואָרן אין עפּעס פאַנטאַסטישעס. און אַזוי אויך עמיליע. איר באַוואוסטזיין איז איינגעשלעפערט-געוואָרן.

— אַ הערלעכער אויסבליק פון דאַנען, נישט אמת? — האָט ער געזאָגט, כדי עפּעס צו זאָגן.

— יאָ, יאָ, — האָט זי אים אָפּגעענטפערט.

— און איך דאַנק אייך, — האָט ער איר געזאָגט.

— פאַרוואָס? — האָט זי אים געפרעגט.

— דערפאַר, וואָס איר זענט אַרויפגעקומען אַהער מיט מיר דאָס צו זען.

— דאָס איז נישט פיל, — שמייכלט זי.

— פאַר מיר איז עס אַ סך.

— פאַרוואָס?

— איך האָב עס אייך געוואָלט ווייזן. ווייניק מענטשן קענען דאָס אָרט דאָ.

— אָ, איך דאַנק אייך אויך, — ענטפערט זי אים אָפּ מיט אַ שמייכל.

— ווי לאַנג דענקט איר דאָ צו פאַרבלייבן? — פרעגט ער זי.

— וואו?

— אויף דער ריוויערע?

— דאָס ווענדט זיך אָן פאַרשידענע זאַכן. איך וואָלט געוואָלט דאָס גאַנצע לעבן דאָ פאַרבלייבן. איר האָט עס גערן?

— גערן?! איך בין באַגייסטערט, און זייט נעכטן איז עס אַלץ מיינס.

זי האָט מער נישט געוואָלט פרעגן.

— קומט, לאָמיר גיין, — ווענדט זי זיך צו אים.

— וואוהין?

— איך דענק, אַהיים. עס איז צייט צו טרינקען טיי.

— צו וואָס? — מיר קענען טרינקען טיי אונטערוועגס.

וואו? — פרעגט זי.

— איך ווייס אַ וואונדערבאַרן פּלאַץ, אין די „רויבער

היילן. עס ליגט גראָד אונטן אונטערן באַרג, ביי דער איטאַליע-נישער גרענעץ.

— נישט היינט, אפשר אַן אַנדערש מאָל. איך וואָלט בעסער אַהיימגעפאָרן, — ענטפערט זי.

— טוט מיר די געפעליגקייט. קומט מיט מיר טרינקען טיי צוזאַמען.

— איז דאָס געווען אין אייער פּלאַן?

— יאָ, — ענטפערט ער איר.

— אויב אַזוי, וויל איך אים נישט שטערן.

— איך דאַנק אייך.

אין אויטאָמאָביל, אויפן וועג צום טיי-הויז, פרעגט זי אים:

— פונוואַנען קענט איר אַזוי גוט די ריוויערע? איר זענט דאָך ערשט נעכטן אָנגעקומען?

— ניין, כ'בין שוין דאָ פיר וואָכן.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זענט ערשט אָנגע-קומען. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איר האָט מיר אַזוי געזאָגט, ווייל איך האָב אייך אין „קאַפּ-האָטעל" צום ערשטן מאָל געזען.

— ניין, אין „קאַפּ-האָטעל" האָב איך נאָר צופעליג פאַר-בלאָנדזשעט. בין שפּעט ביינאַכט אָנגעקומען, און גערעכנט צו-מאָרגנס ווייטער פאָרן. איך בין שוין אָבער דאָרט געבליבן.

זי האָט אים ווייטער נישט געפרעגט.

טיף אין די פעלזן, וועלכע גייען-אַרויס אין ים-אַריין, האָבן אַמאָל ים-רויבער, וואָס זענען באַפאַלן די זעגל-שיפן אויפן מיטללענדישן ים, געהאַט זייערע באַהאַלטענע היילן. היינט האָט מען אויסגעהאַקט דידאָזיגע היילן ברייטער, ווייטער און ליכטיגער. מען האָט אין זיי איינגעאָרדנט די מאָדערנסטע באַקוועמלעכקייטן, אויסמעבלירט מיט די טייערסטע אַלטע מעבל און פאַרוואַנדלט אין אַן ערשטקלאַסיג, מאָדערן טיי-הויז.

א „דזשעז בענד" שטייט אויף א פעלזן-שטיין, אויף וועלכן עס האט זיך אמאל געזעצט דער עלטסטער רויבער צום משפט, און שפילט-אויס די מאדערנסטע, ערשט נאר-וואס פון אמעריקאנער וואדעוויל-הייזער אריבערגעבראכטע שלאגערס. אין די פון שאטן פארטונקלטע הייזן-ווינקעלעך, אויסגעהאנגען מיט דיוואנען, אויף באקוועמע, געפלאכטענע שטולן, זיצן עלעגאנטע פארלעך און פליסטערן זייער ליבע ביי טיי. אין הויף ארויס, צום אפענעם ים, אויסגעפלאסטערט מיט גליטשיגן אספאלט, באזוימט מיט פלאנצונגען און בלומען-טעפ, טאנצט מען אויף א פלאץ, אויף וועלכן עס האבן אמאל ים-רויבער זיך געטיילט מיט אנגערויבעטע גוטס.

צום נעכסטן „באסטאן" האט ער זי איינגעלאדן. פרענק האלט איר טאליע מיט א יראת-הכבוד, וואס נאר די יוגנט איז אין איר באגייסטערונג אימשטאנד ארויסצוברענגען פון זיך. ביז איצט האט, אייגנטלעך, דער אכטאונצוואנציג-יאריגער שטארקער יונגערמאן נאך נישט געהאלטן א רייכן פרויען-קערפער אין זיינע ארעמס. ער איז פון זיין קינדהייט-אן ארומגעגאנגען מיטן שיינעם געשלעכט, ווי מיט זיין אייגענעם — אין א חברשאפטלעכן אומגאנג. ער האט געשפילט מיט זיי די פלערליי יוגנטלעכע ספארט-שפילן. און עס איז קיינמאל ביי די שפילן גאר נישט אויפגעפאלן. ער האט געטאנצט, געשלאגן זיך, גע-שטיפט, געשפילט זיך מיט מיידלעך, ווי מיט יונגע חברים. צום ערשטן מאל פילט ער אין זיינע ארימס א פרוי, א „ליידי". און דאך איז זי אזוי יונג. איר קערנדיגער, געשלאסענער קערפער איז אזוי לייכט באוועגלעך אין זיינע ארעמס. כון איר טראגט זיך צוזאמען מיטן אנגעווארימטן פארנעמען און דיסקרעטן שיפער-פארפום, דער הויך פון איר מויל, וואס בישופט אים.

ער טרינקט מיט א דורשטיגן אטעם דעם הויך, וואס טראגט זיך פון איר. ער האט מורא צו קומען צו נאענט צו איר. און מיט זארגפעלטיגער באשיידנקייט האלט ער זי אין זיינע ארעמס, אזוי ווי מ׳האלט עפעס הייליגס, אומבארירלעכס.

עס זענען פאַראַן קערפּערס, וואָס דערוועקן איינציטיגע תאווהדיגע געדאַנקען, אויסגעמישט מיט פרומע געפילן. דער יונגער, שטאַרקער, צניעהדיגער בחור פילט זיך דורך דער באַרירונג מיט דעם ווייבערשן קערפּער געאיידלט. אַן אינערלעכע ריינקייט קומט איבער אים, דעמפּט און פאַרטרייבט אַלץ אומריינע, דערביי אָבער שטייגערן ביז צו ווייטן זיינע געפילן. אויך זי באַוועגט זיך, ווי אין אַ שיכרות. צום ערשטן מאָל איז ביי איר אַ טאַנץ עפּעס אַנדערש, ווי אַ געוויינלעכער טאַנץ. זי האָט זיך נאָך קיינמאָל, קיינמאָל נישט געפילט אַזוי זיכער אין יוגנטלעכע מענערישע אָרעמס. נאָך קיינמאָל האָט זי זיך נישט געפילט אַזוי באַשיצט. עס דאַכט זיך איר, אַז זי וועט זיך שוין קיינמאָל נישט קאָנען אַרויסבאַקומען פון די אָרעמס, וועלכע נעמען זי אַרום, און זי וויל עס אויך נישט. אַמבעסטן וואָלט די אַזוי געוואָלט שלאָפן, שלאָפן — ביז צום לעצטן טאָג.

זי פאַרמאַכט די אויגן אין טאַנץ. זי וויל אַוועקגיין פון רעאַלן לעבן. און מיט פאַרמאַכטע אויגן לענט זי זיך וואָס אַמאָל אַלץ זיכערער אָן, מיט צוטרוי און צונייגונג צו אים, ביז זייערע ביידע קערפּערס קומען, אומבאַוואוסט, געגן זייער ווילן, נאָר דורך דער מאַגנעטישער קראַפט, וואָס זיי פילן איינס צום אַנדערן, וואָס אַמאָל נענטער, ביז זיי פאַרייניגן זיך אין איין ריטמיש פאַרוויגטן עקסטאַז, און זיי דערפילן זיך איינס דאָס אַנדערע...

דענסטמאָל טרעפן זיך זייערע בליקן. זיי קוקן זיך איינס דאָס אַנדערע אָן אין די אויגן אַריין. איין סעקונדע געדויערט נאָר דער בליק. נאָר די סעקונדע איז גענוג פאַר אייביגער פאַרשטענדיגונג. דער בליק איז דער ערשטער אויסגעשריי פון אור־אַלטן, אייביגן פאַרלאַנג. דורך דעם איז ער וואָרהאַפטיגער, ווי דאָס וואָרט. דאָס איז די קראַפט פון עלעמענטאַרן פאַרלאַנג, אָן דעם מינדעסטן פאַרליר פון זיין געוואַלט, וואָס דאָס וואָרט לעשט.

זיי האָבן זיך ביידע דערשראָקן אַרויסצוזאָגן דורך דעם בליק דאָס, וואָס זיי ווילן. זיי האָבן אים איבערגעבראָכן אַ ינ

מיטן. ער איז געוואָרן בלייך, און די האָט צוריק די אויגן פאַרמאַכט.

מער האָבן זיי נישט געטאַנצט. און האָבן געשווינגן אויפן גאַנצן וועג צוריק אַהיים. און דאָס שווייגן איז געווען דער ערשטער פאָדים אינם סוד, וואָס האָט זיך געוועבט צווישן זיי...

## קאַפּיטל 8

## חתן-כלה-שפּיל

לאַנג איז זי געלעגן אויף דער קאַנאַפּע. זי האָט אין זיך געשוויגן. ווי זיך אַליין צו אַמוזירן, האָט זי זיך צוגעהערט צום קלאַפּן פון איר האַרץ.

דעם מענטשנס האַרץ פירט אַן אייגן לעבן און איז אַן אומאָפּהענגיגער קערפּער אין מענטשלעכן קערפּער. זי האָט זיך צוגעהערט דערצו, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קיין שייכות נישט געהאַט צו איר.

ווי אין חלום האָט זי גענומען איר באָד פאַרן אָוונטעסן. זי האָט זיך אָנגעטון איינפאַך, אין שוואַרצן זיידנס, נאָר מיט דעם עכטן צירונג, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פונם האָטעל-„סעיף״, און נישט מיט דעם אימיטאַציע-צירונג, וואָס זי האָט געטראָגן ביז איצט. די פיינע פּערל-שנור אויפן האַלז מיט די בריליאַנטענע אויער-רינגען, וואָס האָבן שטענדיג איר וועזן געגעבן אַ יום-טובדיגן, פייערלעכן גלאַנץ. זי האָט שטאַרק פאַרדרייט דעם בונט האָר הינטן אויף איר אָוואַלן קאָפּ און דאָך אים געלאָזט אויף אַזוי פיל פריי, אַז עס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אירע פון נאַטור שטענדיג געקרייזלטע לאָקן זיך צו כוואַליען. איבער די נאַקעטע הענט האָט זי געהאַט אַן אַלט-ווענעציאַנישן געשטיקטן שאַל. די בריליאַנטענע אויער-רינגען, דער געשטיקטער שאַל האָבן געהאָלפן פאַרזיסן איר ריכטיגן

עלטער. דערביי אָבער האָבן זיי אַרויסגעבראַכט איר רייפע ווייבלעכקייט, וועלכע האָט צוגעצויגן און גערירט צוגלייך...

זי איז אַראָפּ אין דער גרויסער, מיט ליכט-באַגאָסענער האַליע. זי האָט אים באַמערקט, ווי ער זיצט, אין סמאָקינג, אין אַ ווינקל און טרינקט זיין אַפּעריטיוו. ער האָט אין דעם ערנסטן שוואַרץ אויסגעזען עלטער, מענערישער און וויכטיגער. דאָס האָט זי געפריידט. זי האָט אים צוגעוואָרפן איר געווייגלעכן, קניקע:דיגן שמייכל.

נאָכן עסן האָבן זיי זיך געטראָפן אויף דער טעראַסע. די נאכט איז געווען אַ וואַרימע און ליכטיגע. פונם אָפענעם ים האָבן מיט מאַגנעטישער צוציאונגס-קראַפט געוואונקען צוויי שטאַרקע רעפלעקטאָרן פון ים-לאַמטערן — איינער אַ בלויער, דער צווייטער אַ רויטער, — וואָס האָבן מיט הפסקות אויפגעפלאַמט און אויסגעלאָשן זיך. זיי זענען ביידע, ווי זיי וואָלטן זיך געזיצן אָפּגערעדט, אַראָפּ פון דער טעראַסע אין גאָרטן-אַריין, צום ים-ברעג.

אויפן וועג האָט ער צו איר געזאָגט:

— איך בין נאָר צוליב אייך געבליבן. איך האָב אייך ליב פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב אייך געזען.

— איך בין פיל עלטער פון אייך. איך האָב שוין אַ דערוואַקסענע טאָכטער, און בין אויך פאַרהייראַט. — האָט זי געזאָגט.

— איך ווייס נישט, ווער איר זענט. עס איז מיר אויך אַלץ-איינס. איך ווייס נאָר, אַז איר זענט די איינציגע און ערשטע פרוי, פאַר וועלכער איך בין געבוירן-געוואָרן און אָן וועלכער איך קאָן מער נישט לעבן.

— זאָגט עס נישט. איר הייבט דאָך ערשט אָן. ווייסט איר, וואָס עס וואַרט אויף אייך? — ווענדעט זי זיך צו אים.

— איך בין גאָרנישט אַזוי יינג, ווי איר מיינט. איך בין באַלד דרייסיג און האָב ביז איצט נישט באַגעגנט קיין פרוי, וואָס זאָל פאַר מיר האָבן אַ רייץ. איך האָב געמיינט, אַז דאָס לעבן איז פאַרחתמעט פאַר מיר. איך פיל איצט, אַז איר

זענט די איינציגע פרוי, דורך וועלכער איך קאָן קומען אין לעבן אַריין. איך בעט אייך, שטויסט מיך נישט אָפּ פון זיך. איך ליב אייך. ערלעך און פּשוט. איך ליב אייך.

— איך באַלאַנג נאָך צו אַן אַנדערן מאַן, — האָט זי געזאָגט אין דער שטיל.

— האָט איר דעם אַנדערן ליב?

— ניין. איך האָב פון אים אַ קינד. אָבער איך האָב אים קיינמאָל נישט ליב־געהאַט. איך בין סעפּאַרירט פון אים.

— אָ, דאַנקען גאָט! — האָט ער אויסגעשריגן, — איר זענט פריי?

— פאַרן געזעץ נאָך נישט, פאַר מיר, פאַר מיין אייגענעם געוויסן, יאָ. איך געהער נישט צו קיינעם און האָב אויך נישט קיינעם.

— „דו יו קער עי ליטל ביט פאָר מי? (קאָנט איר אַביסל ליבע צו מיר פילן?) — האָט ער געפרעגט.

— איך דענק, אַז יאָ, — האָט זי אים אָפּגעענטפערט און אים געקוקט אין פּנים אַריין.

ער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי געהאַלטן אין זיינער.

— וואָס פאַר אַן איידעלע הויט איר האָט! איך האָב נאָך קיינמאָל נישט אָנגערירט קיין כּוויען־האַנט, וואָס זאָל האָבן, אַזאַ ריינער אויפגעוועקטע הויט. גאָט, ווי לעבעדיג זי איז אייער האַנט!

— אָ, איר מיינט עס אַזוי?

— ערנסט. קיין שום פרוי אין דער וועלט האָט נישט אַזאַ האַנט, אַזאַ הויט, וואָס אָטעמט. הונדערט מיילער האָט זי. איך קאָן פילן דעם אָטעם, וואָס יאָגט פון איר.

ער האָט מיט ליידנשאַפט אָנגעהויבן צו טרינקען דאָס לעבן, וואָס האָט געשלאָגן דורך אירע ווייכע פינגער, מיט זיינע אויגן און ליפּן.

זי האָט זיך געלאָזט.

— איך ליב אייך. איך ליב אייך מיט מיין גאַנצער קראַפט.

ער האָט זי אַרומגענומען און געזוכט צו דערגרייכן אירע ליפּן מיט זיינע.

זי האָט אַוועקגעבויגן איר פּנים פון זיינעם און געזאָגט:

— טוט עס נישט.

— פאַרוואָס? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס. איך בעט אייך.

— גוט, ווי איר ווילט. טיי-ווי-טיי בין איך דער גליקלעכסטער אויף גאָטס געבענטשטער ערד, וואָס איך קאָן קושן די לופט אַרום אייך. זאָגט מיר, האָט איר מיך גערן, א קליין ביסל? א קליין ביסל?

— זעט איר עס דען נישט? — זאָגט זי און קוקט אים אין פּנים אַריין.

פרענק האָט ביים פּערל-ליכט פון דער שטערן-נאַכט און ים-באַלייכטונג געזען, ווי צוויי טרערן-שנורן האָבן זיך געקייקלט אָן אַן אָפּהאַלט פון אירע אויגן איבער איר פּנים.

— עס איז משוגע צו ווערן. איך זאָג אייך: אָדער איר וועט זיין מיינע, אָדער איך וועל שטאַרבן.

זי האָט אַרויפגעלייגט די פלאַך פון איר האַנט אויף זיינע ליפּן און געזאָגט:

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן.

אין א מינוט אַרום:

— א גוטע נאַכט, פרענק! איך וועל אייך זען מאָרגן.

זי האָט אים איבערגעלאָזט און איז מיט פלינקע טריט צו צו דער טעראַסע.

— אָ, גייט נישט אוועק! גייט נישט, איך בעט אייך! — האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט נאָך איר.

---

אַז זי איז אַרויפגעקומען צו זיך אין צימער, האָט זי נישט געמאַכט קיין ליכט, נאָר זיך געוואָרפן אין קלייד אויפן געלעגער, און א ספּאַזמיש לאַכן צוזאַמען מיט א שטראָם קאַלטע טרערן האָבן זיך געריסן פון אירע אויגן:

— גאָט, איז עס וואָר? איז עס וואָר? פאַרוואָס קומט עס מיר? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

צומאָרגנס האָט זי אים ווידער אָנגעטראָפן ביים שווים-באַסיין. ער האָט געוואַרט אויף איר, אויסגעצויגן אונטער דער זון אַ שטראַלנדיגער און גליקלעכער, מיט קינדיש-לאַכנדיגע אויגן און שטאַרקע, מוסקולירטע אָרעמס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר זיי די פרילינגס-צייט פון פאַרליבטע. אין עמיליען האָט דערוואַכט אַ צווייטע כלהשע מיידלישקייט, באַגלייט מיטן רייפן געפיל פון ווייבערשן באַוואוסטזיין.

נאָר אַ פרוי, וואָס האָט איר לעבן-לאַנג געלעכצט, גע-דורשט נאָך ליבע און האָט זי נישט געהאַט, קאָן אַזוי צוריק נאַריש, שול-מיידליש ווערן. זי האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין מיט יענעם חתן-כלה-בליק, וואָס עס פאַרמאָגן מענטשן, וועלכע זענען קיינמאָל נישט געזעטיגט-געוואָרן דערפון. דער אונטערשיד אין יאָרן האָט צוגעגעבן איר פאַרבענקטן בליק אַ זשענירנדיגן, פאַר זיך אַליין שעמעוודיגן, נישט טרויענדיגן גלאַנץ, וואָס האָט געהאַלטן איר ליידנשאַפט פאַרשלייערט און געפאַנגען אין די ראַמען פון איר אינערלעכער גוט-דערצויגנקייט און דיסציפּלין. אַלץ איז אַרויסגעקומען ביי איר געדעמפט, פאַרשטיקט, באַהאַלטן.

דער אויסגעהונגערטער פאַרלאַנג נאָך צערטלעכקייט, נאָך מאַניספעסטירנדיגער ליידנשאַפט, איז דערשטיקט-געוואָרן דורך איר אינערלעכער צניעות און אויסערלעכער שעמע ודיגקייט. זי האָט אים נאָר באַטראַכט פון אַ זייט, און שטענדיג באַגלייט מיט אַ שולד-באַוואוסטקייט. אין שעהן פון באַזונדערן חסד איז יעדער צערט-לעכער בליק געווען באַגלייט מיט דאַנקבאַרע שמייכלדיגע טרערן, וואָס האָבן געגלאַנצט פון אירע אויגן.

דאָס לעבן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט איז געווען אינגאַנצן אויסגערונען, אויסגעמעקט פון איר זכרון. זי האָט נישט דערמאָנט וועגן דעם מיט קיין איין וואָרט. אויך פרענק האָט זיך באַמיט אויסצומיידן יעדע באַמערקונג, וואָס קאָן איר

ברענגען אויפן זכרון דאָס געוויזענע. ער האָט זיך געלאָזט באַגייגן מיט דעם חסד, וואָס די שעה האָט אים געבראַכט, און נישט געטרויט זיך צו פאַרזיכערן די צוקונפט צוליב דער שרעק צו פאַרלירן די געגנוואַרט. ער האָט איר געלאָזט איר וועג און האָט אָנגענומען מיט דאַנקבאַרקייט יעדע באַגליקטע מינוט, וואָס זי האָט אים געשאָנקען.

אָ, ער האָט געקאָנט זיין דאַנקבאַר! נאָר די אַמעריקאַניש-פּוריטאַנישע דערציאונג, וואָס פרענק האָט געגאָסן, וועלכע האָט אָפּגעוויגט זיין קערפּער פון קינדהייט-אָן פון צו-פרי-דערוועקטע געשלעכט-געפילן דורך די אונטערוועגן פון ספּאָרט און גייסטי-גער דיסציפּלין, קאָן נאָך אַרויסברענגען אַזאַ נאַאיווע, אומשול-דיגע, פרישע, דערקוויקנדיגע אָנטציקונג מיט דעם ווייבערשן מין, ווי עס האָט דאָס געקאָנט אָט דער שוין הויך אין די יאָרן דערוואַקסענער בחור. מיט זיינע אַכט-און-צוואַנציג יאָר, מיט זיין אויסגעארבעטן ספּאָרט-קערפּער, איז פרענק געבליבן אַ גאַנץ ... וואָס שייך דעם געשלעכטלעכן פאַרקער, איז ער געווען אומשולדיג. — נישט צו רעכענען די איבערלעבענישן שיכורערהייט אין די קאָ-לעדזש-יאָרן, וואָס אַחוץ חרטה און שעם-געפיל לאָזן זיי גאָר-נישט איבער הינטער זיך, איז פרענק אייגנטלעך נאָך קיינמאָל נישט געקומען אין באַריר מיטן ווייבערשן מין. די חברים-מיידלעך, מיט וועלכע מען איז אומגעגאַנגען, ווי מיט חברים-בחורים, אין די זומער-חדשים ביי די אָזערעס אין די קאָלאָניעס, האָבן קיינמאָל, ווי שוין געזאָגט, נישט פאַרמאָגט פאַר אים דעם ווייבערשן רייץ. ער איז אומגעגאַנגען מיט זיי, ווי מיט יינגלעך. דער יונגערמאַן איז אַריינגעוואַקסן אין זיין רייפער מענערישקייט, נישט פאַרלירנדיג קיין איין הויך פונם אומשול-דיגן פרישן בחור-טוי, וואָס איז געלעגן אויף אים, ווי אויף אַ פלוים.

זיין באַגייסטערונג פאַר עמיליען איז געווען אָן אַ גרענ-עץ. וואָס איז זי געווען פאַר אים? אַ „ליידי". וואָס אַנט-פּלעקט זיך פאַר אים, ווי אין אַ מעשה, מיט אירע אַלע פאַר-

שלאָסענע געהיימעניש. ער האָט אַנטדעקט טויזנטער איבערראַשונגען ביי יעדן באַריר מיט איר הויט. די מוטערישע רעספּעקטפולע געפילן, וואָס ער האָט געהאַט צו איר, האָבן אָנגעהויבט די ווייבערשע איבערראַשונגען מיט אַ הימלישן, מיסטישפאַרבאָטענעם געשמאַק, וואָס האָט געשטייגערט זיין באַגייסטערונג ביז צו משוגעת... נאָך יעדן צערטלעכן באַריר מיט איר הויט, איז ער זיך פאָרגעקומען טויזנט מאָל וויכטיגער, איידעלער, ווערטפולער. אירע האָר, איר אָטעם־הויך, איר אָפּן פּנים, דער משפּחהדיגער, מנוחה־ברענגענדיגער בליק פון אירע בורשטין־אויגן זענען געווען אומאויסשעפּלעכע קוואַלן פון אַנטציקטע פריידן. דער אָטעם פון אירע פינגער־שפּיצן גיסט־אַריין דורך די קעמערלעך פון זיין הויט פאַרשיכורנדע, צו משוגעתטרייבנדיגע פריידן אין זיין בלוט. פון איר אָטעם טראָגט זיך דער אייביגער פרילינג. דער באַריר מיט אירע האָר ברענגט דערלייזונג, דער בליק פון אירע אויגן — מנוחה, און דער באַריר פון אירע פינגער — אינערלעכע איידלקייט. אין טאָג, ווען ער האָט געפילט די הויט פון אירע פינגער, האָט ער מער קיין „וויטקי" נישט געקאָנט טרינקען, נישט געקאָנט שילטן, אָדער זיין טרויעריג.

און עמיליע האָט געלאָזט איבער זיך פליסן די כוואַליעס פון יוגנטלעכער באַגייסטערונג, אַזוי ווי די פעלזן אין דרויסן ווערן געוואַשן פון די כוואַליעס פון ים. און ווי מיט פרישן קוואַלוואַסער, האָבן זיי פון איר קאָפּ, פון איר לייב און לעבן אָפּגעוואַשן די אַלע זינד, די שאַנד און דערנידערונג פונם פאַרגאַנגענעם לעבן...

זי איז יינג־געוואָרן דורך דער באַרירונג מיט אים. זיין באַגייסטערונג האָט זי אָנגעשטעקט. אין דער אָוונטיגער שטילקייט, וואָס עס וואַרפן אַרום זיך די ציפּרעס־ביימער, אין דער פאַרלוירענער שטילקייט אויף אַן איינזאַמען שפּיץ־באַרג, איז איבער איר געקומען יענער אומפאַרשטענדלעכער חסד, וואָס לייטערט פון אַלע אָנגעוואַקסענע זינד. אַ ציטערנדיגע פרומקייט האָט זי אַרומגענומען, די פרומקייט פון מענטשן,

האָט קומען אין באַריר מיט געטלעכער השגחה, וואָס די ליבע איז דער מאַניספעסטירנדיגער באַווייז פֿאַר איר.

עס איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען צווישן זיי די חתן־כּלה־שפּיל, ביז צו אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיגער האַרץ־קלאַפּעניש. דער ווילן איז שטום געלעגן געבונדן אין זייערע בליקן, און קיינער פֿון זיי האָט נישט געוואַגט צו טון אַ שריט אויסצולייזן אים. און איז ער, דורך אַ געוואַגטער באַוועגונג, דערמוטיגט דורך איר צערטלעכקייט, אַרויסגעטראָטן פֿון די אָנגענומענע גרענעצן, האָט זי אים געקאָנט אַזוי געשיקט צוריקווייזן, אַז ער האָט זיך נישט געפֿילט דורך דעם פֿאַרוואונדעט, אויך נישט פֿאַרשעמט, נאָר באַגליקט איינגעשרעקט.

— זיי מוחל, ליבינקע, איך בין אַ חיה.

— ניין, דו ביסט עס נישט, געליבטער, — און זי האָט אים מיט דער האַנט פֿאַרשטעלט דאָס מויל.

זייער אויפֿפֿירן זיך איז געוואָרן אויפֿפֿאַלנדיג אין האָטעל. געגעסן האָבן זיי נאָך אַלץ, צוליב אָנשטענדיגקייט, יעדער בײַ זיין טישל באַזונדער. אָבער אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געלעבט צוזאַמען, פֿון פֿרימאָרגן־אָן. צו ערשט בײַם שווים־באַסיין, דערנאָך אַרומגעקראָכן איבער די פֿעלזן. באַלד נאָכן עסן אַוועק מיטן אויטאָמאָביל. יעדן טאָג האָבן זיי געמאַכט נײַע אויספֿלוגן, נײַע בערג אויסגעפֿונען, יעדעס מאָל אין אַן אַנדער טײַ־הויז געטאַנצט. זיי האָבן אויסגעטאַנצט אין אַלע טײַ־הײַזער, ביז צו דער איטאַליענישער גרענעץ, טיילמאָל אויך אַריבער איר. אין אָונט, בײַם שטערן־און ים־ליכט, ביז שפּעט אין דער נאַכט־אַריין. זיי האָבן געהאַט דאָס געפֿיל, אַז זיי זענען די געסט צו לאַסט. עס איז געווען די הנאהסטע צייט אַריבערצופֿאָרן אין אַן אַנדער אָרט, איידער מען וועט זיי הייסן. עמיליע האָט יעדעס מאָל דעם דאָזיגן שריט דערשראָקן אָפּגעשטעלט. זי איז נאָך נישט געווען פֿאַרטיג פֿאַר דעם. פּונקט אַזוי ווי זי האָט אויסגעמיטן יעדן פּלאַן פֿאַר דער צוקונפֿט.

אין אַ נאָכמיטאָג איז פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן פון מאָנטע־קאַרלאָ איר חברטע סילוויע אין איר מענערשן רעגן־מאַנטל פון אַ מאָדנעם פיש־קאָליר, און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין דער באַגלייטונג פון אַ מאַן, אַ שפּאַנישן „דאָן" מיט אויסער־געוויינלעך־אויסגעצויגענע ליפּן און מיט אַ שרעקלעכער לאַנגער נאָז. ער האָט זי אַהער באַגלייט אין זיין רייכן אויטאָמאָביל. סילוויע איז אָנגעפאַלן אויף איר:

— וואָס איז געשען מיט דיר? און אַז מען האָט שוין אַן „אפערע", דאַרף מען זיך אַזוי פאַרלירן אין איר, זיך נישט צו ווייזן אויף דער ליכטיגער שיין? איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט קראַנק, צי וואָס? איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס דו האָסט זיך נישט געוויזן, מיט אַזעלכן לוינט זיך טאַקע אָפּצו־שניידן פון דער וועלט.

עמיליע האָט שולדיג געשוויגן, נאָר זיך גערויטלט איבער די אויערן.

— און דאָך, זיך אַליין טאָר מען נישט פאַרגעסן, צו־ערשט קומסט דו, דערנאָך די ליבע. אויב נישט, נוצן זיי דאָס אויס. דו ווערסט אַ משרת ביי דער ליבע, און דאָס איז נישט גוט, — לערנט זי סילוויע.

עמיליע רויטלט זיך נאָך אַלץ, ווי אַ שול־מיידל. זי פאַרשטייט נישט, וואָס זי מיינט דערמיט.

סילוויע קוקט זי אָן דערשטוינט.

— ער איז דאָך דיין פריינט! — זאָגט זי צו עמיליען.

— פריינט? איך האָב זיך מיט אים באַקענט דאָ אין האָטעל. מיר פאָרן טיילמאָל אַרויס אויף שפּאַציר. זייער אַן אָנגענעמער יונגערמאַן.

— דאָס איז אַלץ? — פרעגט זי סילוויע.

— וואָס האָסטו געמיינט? — לאַכט פאַרלעגן עמיליע.

— אַבי איך האָב געמיינט.

כּדי אָפּצואוועגדן דאָס געשפּרעך פון דערדאָזיגער טעמע, האָט עמיליע זיך געפרעגט, וואו זי האָט געפונען דעם שפּאַ־נישן „דאָן".

— דעם אידיאָט, מיינסטו? ער איז נאָר מיין שפּיל-שותּף. יעדן פון אונז ביידע באַזונדער גייט עס נישט. אין שותּפות גייט דווקא יאָ. ער קען אַ „טריק" אַזעלכן, אַן אויס-רעכענונג, וואָס ווירקט נאָר אין שותּפות. דערבײַ אָבער מוז זיין אַן „ער" און אַ „זי". דער „ער" מוז זיין געבוירן אין אַ חודש, וואָס איז אַ „גראָד", די „זי" — אין אַ חודש, וואָס איז אַן „אום". פּאַסן מיר זיך צוזאַמען. אַחוץ ביים שפּיל-טיש, איז ער נישט צו געברויכן, — גיט זי אַ מאַך מיט דער האַנט — לאַנגווייליג ווי אַ קאַץ.

ביים עסן האָט אָבער סילוויע מיט איר שאַרפער נאָז אויפגעפּיקט, אַז די באַציאונגען צווישן פרענקן און עמיליען זענען טיפערע, ווי אַ צופעליגע, אַ דורכגייענדיגע באַקאַנט-שאַפט. זי האָט שוין געהאַט אירע סימנים דערפאַר אין דעם אופן, ווי איינער האָט דעם אַנדערן עפּעס דערלאַנגט, ווי זיי האָבן זיך דערבײַ באַרירט מיט די פינגער. נאָכן עסן, ווען עמיליע האָט אַרויפגעפירט סילוויען צו זיך אין צימער אַריין, האָט איר סילוויע דאָס פאָרגעוואָרפן:

— פאַר מיר האָסטו זיך נישט וואָס צו באַהאַלטן. איך קען דיר נאָר עצהן, אַז עפּעס אַזעלכעס באַדאַרפסטו נישט אַרויסלאָזן פון דער האַנט. איך גלויב, אַז ער איז אַ פּאַסיגער ליבהאָבער פאַר דיר — יונג, באַגייסטערט און פאַרליבט.

— אָ, שווייג, איך בעט דיך! — זאָגט צו איר עמיליע.

— וואָס? צי זענען מיר קליינע מיידעלעך, וואָס דו שפּילסט פאַר מיר קאָמעדיע? איך בין נישט אין דיין לאַגע, און דאָך שעם איך זיך נישט דערמיט. דו אָבער, אין דיין לאַגע... ווי ווייט ביסטו מיט אים?

— וואָס מיינסטו? — פרעגט עמיליע.

— איך בעט דיך, שפּיל נישט פאַר מיר דאָס נאַאיווע שול-מיידל. דו ווייסט, וואָס איך מיין...

עמיליע האָט זיך טאַקע פאַרשעמט אויסצוקוקן פאַר איר חברטע, ווי אַ נאַריש שול-מיידל. זי איז שוין צוזאַמען מיט אַ יונגן מאַן אַכט טעג, און זיי פירן נאָך אַלץ אַ „ליבע".

הער איז זי טאַקע. מען וועט זי דאָך אויסלאַכן, אז מען וועט געוואויר-ווערן, אז עס איז נאָך גאָרנישט געשען צווישן זיי. האָט זי שטיל צוגעגעבן:

— יאָ, ער איז מיין ליבהאָבער.

דערביי איז זי געוואָרן אזוי דערשראָקן, ארויסזאָגנדיג דאָס-דאָזיגע וואָרט, איר האַרץ האָט אזוי געשלאָגן, זי האָט זיך אזוי גערויטלט, אז סילוויע האָט פאַר פאַרוואונדערונג אויסגע-גלאָצט א פאָר אויגן:

— דו ביסט דאָך נישט פאַרליבט אין אים! — האָט זי געזאָגט מיט פאַרוואונדערונג. — אין אונזערע יאָרן פאַרליבט מען זיך נישט מער. אין אונזערע יאָרן האָט מען אן „אפערע".

די־דאָזיגע ווערטער האָבן זי געשלאָגן, ווי מיט פייערדיגע ריטער. עמיליע האָט אין זיך איבערגעחזרט די ווערטער: „אין אונזערע יאָרן פאַרליבט מען זיך נישט מער. אין אונזערע יאָרן האָט מען אן „אפערע".

זי האָט זיך געפילט, אזוי ווי מען וואָלט זי אויסגעטאָן א נאַקעטע און זי דורכגעלאָזט דורך ריטער. איר גאַנצע נשמה איז געלעגן אין דרויסן א פאַרשעמטע, און אויסגעלאַכטע. אלץ אין איר האָט זיך געבונטעוועט. זי האָט געוואָלט אויסשרייען צו איר חברטע:

„יאָ, איך בין פאַרליבט, פאַרליבט, ווי א נאַריש שול-מיידל. איך שעם זיך נישט דערמיט. איך בין דערמיט שטאָלץ".

נאָר זי האָט זיך דאָך געשעמט אויסצוקוקן אזוי נאאיוו, אזוי נישט-אינטערעסאַנט, צו זיין פאַרליבט. האָט זי פאַרלייקנט דאָס הייליגסטע:

— ניין! — זאָגט זי מיט וואויל-מיידלישקייט און רויטלט זיך ווידער דערביי. — פאַרליבט בין איך נישט. ווער קאָן עס נאָך זיין ביי היינטיגן טאָג? נאָר אן „אפערע" איז עס אן אינטערעסאַנטע.

— דאָס איז רעכט, — זאָגט סילוויע, קעמענדיג זיך די האָר. — נעם עס קאַלט, נעם עס לייכט. אויב נישט, נוצן זיי אויס. אָ, איך קען זיי! — און איבערפוצנדיג די נעגל מיטן

בערשטעלע, לייגט זי צו: — מיר דאכט זיך, אז איך גיי אויך באלד האבן אן „אפערע".

— מיט וועמען, מיטן שפאניער? — פרעגט זי עמיליע.

— פאלט מיר גאר נישט איין! איך מיש נישט ביזנעס מיט ליבע. ער איז א גוטער שפיל-קאמפאניאן, א גוטער שותף. איך האב געטראפן אן איטאליענישן זינגער.

— וואס וועסטו טון, ווען ווילי, דיין מאן, וועט קומען?

— א, איך האב נאך צייט ביז יולי. ווער ווייסט, וואס עס קאן נאך געשען? — ענטפערט איר אפ סילוויע.

אז סילוויע איז אפגעפארן מיטן שפאניער, האט עמיליע געפילט, אזוי ווי א ווארעם וואלט זי געוועז געביסן. אן אומ-ריינקייט האט זי באוועסן. זי האט פרענקן נישט געקאנט קוקן אין די אויגן:

„הייסט עס, אז איך בין דיזעלבע, וואס סילוויע? און דאס איז עס?"

אבער ווען זי האט פון דער זייט אנגעקוקט פרענקן, ווי ער איז צוגעקומען א גליקלעכער צו איר, באפרייט, נאך סילוויעס אוועקפארן, ווי פון א שווערער לאסט. האט אין איר עפעס געזאגט:

„ניין, איך בין נישט אזוי ווי סילוויע. דאס איז עפעס אנדערש, אינגאנצן עפעס אנדערש".

— וואס איז דיר, ליבינקע? — האט פרענק זי גע-פרעגט א דערשראקענער, ווען ער האט באמערקט טרערן אין אירע אויגן.

— גארנישט, האט זי געשמייכלט צו אים מיט געוויין, — איך מיין, אז דו האסט רעכט. קום, קום מיר וועלן אוועק פון דאנען! איך וויל קיינעם נישט קענען, קיינעם נישט פון מיין פארגאנגענהייט! קום, קום, — האט זי זיך געדריקט צו אים. אזוי ווי זי וואלט געזוכט רעטונג.

— א, ליבינקע! — האט ער איר געדריקט די האנט, — מיר נעמען דעם אויטאמאביל און וועלן גלייך אויסזוכן אן ארט. — ער איז גלייך געלאפן ברענגען זיין אויטאמאביל.

— אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ ים-פּליאַזשע און אַ קינאָ. טאַנצן קאָן מען יעדן טאָג ערגעץ-אַנדערשוואו. מער דאַרפן מיר נישט, — האָט זי געזאָגט, אָנגעשטראָגלט פון דער יוגנטלעכער פרייד, וואָס האָט זיי ביידע אַרומגעכאַפּט, ווי קינדער, וואָס פאָרן אויף אַ פּיקניק.

פאָרנדיג מיטן שנעלסטן טעמפּאָ, האָבן זיי שוין ביידע איבערגעחזרט איבערן וועג די ווערטער: — אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ ים-פּליאַזשע און אַ קינאָ.

זיי האָבן נאָך דעמזעלבן טאָג געפונען, וואָס זיי האָבן געזוכט:

אַ קליינע, אַלטע האַפן-שטאָט, מיט אַ קליינער פּליאַזשע, אַ צווייט-קלאַסיגער האָטעל. דערפאַר אָבער אַן אויסגעצייכנטע קיך, מיט אַ וואונדערבאַרן וויין-קעלער, אַ קינאָ איז אין שטאָט אויך געווען. קיין אַמעריקאַנער זענען נישט געווען. אָבער פון די ענגלענדער האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן. מיט זיי מוז מען זיך צופרידנשטעלן. זיי דרינגען אומעטום אַריין.

אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי זיך אַהין אַריבערגעצויגן. זיי האָבן נאָך אָנגעגעבן זייערע אייגענע נעמען, גענומען אויפן ועלבן שטאָק אַ צימער ביי אַ צימער און שוין געגעסן ביי איין טישל.

## קאפיטל 9

# אין א נייעם נעסט

אין נייעם האָטעל זענען זיי שוין אריינגעקומען די מענטשן, וואָס געהערן צוזאַמען, נאָר וואוינען נאָך צוליב עפּעס א סיבה באַזונדער. פאַר אַזעלכע האָבן זיי זיך אויך אַליין באַטראַכט.

עמיליע האָט אָנגעהאַלטן ווייניג קאָרעספּאָנדענץ מיט דער היים. זינט זי איז אַוועק, האָט זי מיטן מאַן, אַזוי ווי דער מאַן מיט איר, נישט געוועקסלט קיין איין וואָרט. אירע געלט-ענינים האָט זי באַזאָרגט דורך דער באַנק. איר טאָכטער האָט אין אָנהייב איבערגעריסן אינגאַנצן די באַציאונגען מיט דער מוטער. שפּעטער פלעגט זי יאָ פון צייט-צו-צייט א קאַרג וואָרט הערן פון דער טאָכטער, פון וועלכער זי האָט פאַרנומען א פאָרוואורף, צוגלייך מיט א באַזאָרגטער וואָרעניש, ווי מען הערט אַמאָל פון אַן עלטערן, שטרענגן משפּחה-מיטגליד. די קנאַפּע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זי האָט באַקומען פון דער טאָכטער (אַן אַ זיכט-קאַרטל מיט א וואָרט אָדער צוויי), האָט שטענדיג נישט פאַדפעלט אַרויסצורופן ביי עמיליען דעם פאַרקערטן איינדרוק, וואָס זי האָט באַצוועקט. יעדע מאָנעניש פון דער טאָכטער, ווי, למשל: „זיי פאָרזיכטיג", אָדער: „דו ווייסט באַלד איינזען, אַז א פרוי איז זייער שווער צו רייזן איינע אַליין"; יעדער „זיי גוט", מיט וועלכן די טאָכטער האָט פאַרענדיגט די קאַרטלעך,

האָט אַרויסגערופן ביי עמיליען נישט נאָר אַ ווידערשטאַנד, נאָר אַ בונטעווען־זיך און אַ פיינטשאַפט צו איר אייגן קינד, וואָס וויל שפּילן פאַר דער מוטער די דערוואַקסענע און באַהאַנדלט זי, ווי אַ שלעכט־דערצויגן קינד פון דער משפחה, אויף וועלכן מען קאָן זיך אַלץ ריכטן. זי האָט אַרויסגעפּילט פון די קאַרט־לעך איר מאַנס ריח, ווי ער שפּרייט־אויס דורך דער טאָכטער זיינער זיינע פליגל איבער איר. דידאָזיגע קאַרטלעך האָבן נאָך מער געהאָלפן צעווייזן, אויסצומעקן יעדעס געפיל פון איר האַרץ צו איר קינד. „עליזאַבעט בראַון" — האָט זי זי גערופן מיט פאַראַכטונג. „זי האָט דאָס האַרץ פון אַ מער־דער. קיין מיטגעפיל, קיין פאַרשטענדעניש, קיין איינזעעניש מיט מיר אין מיין לאַגע. אַזוי ווי איך וואָלט דאָס אַלץ געטון אויס הוילער איילקייט און וואוילטאָג".

עמיליע האָט אויף די קאַרטלעך נישט געענטפערט און האָט זיך געפילט דורך זיי נאָך מער אָפּגעשניטן פון איר לעבן. אָפּטמאָל האָט זי אַרומגענומען אַ שרעק, ווי איינזאַם זי שטייט אין דער וועלט.

נאָר זינט דער באַגעגעניש מיט פרענקן, האָט זי אָנגע־הויבן צו פילן אַ נייע צוגעהעריגקייט צום לעבן. מיט יעדן טאָג איז זי אַריינגעוואַקסן אין אַ נייער משפּחהדיגקייט, און די אַלטע האָט זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט אין תחום פון דעם אָפּגעשלאָסענעם לעבן. זי האָט איצט מער גאָרנישט געהאַט, ווי איר ליבע. די ליבע איז איצט געוואָרן אַלצדינג. זי איז נישט גאָר געוואָרן דער אינהאַלט, זי איז געוואָרן איר מיס־יע, איר אויפגאַבע, איר באַשערטקייט, צוליב וועלכער זי איז באַ־שאַפן־געוואָרן און איז געקומען אויף דער וועלט. זי איז גע־וואָרן אייפערזיכטיג אויף יעדער פרייער מינוט, וואָס ער, פרענק, פאַרברענגט אַליין. זי איז געווען געגוג פאָרזיכטיג אים נישט צו שטערן אין זיינע געוואוינהייטן צו טון, וואָס עס האָט זיך אים געגלוסט; אָפּצופאָרן אַליין אויף אַ גאַנצן טאָג אין די בערג, אָדער מיט די פישער איבערנאַכט אויפן ים. אָבער איר לעבן אָן אים איז געווען אויסגעפילט מיט איין שרעק און

אַנגסט. פאַרוואָס? וועגן דעם האָט זי זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין דין-וחשבון. די נאַכט, ווען ער איז געזעסן אינדרויסן מיט די פישער, האָט זי מיט קיין אויג נישט צוגעטון. זי איז גע-לעגן ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט צום ים-אַרויס, אַזוי ווי אינדרויסן וואָלט געשוועבט אין דער נאַכט איר באַשערטקייט.

אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט זי זיך קוים געקאָנט באַהערשן נישט אַרויסצואווייזן אירע געפילן פון פרייד פאַר די פישער-פרויען, מיט וועלכע זי האָט צוזאַמען אָפּגעוואַרט דאָס צוריקקומען פון די שיפלעך אין פריען מאָרגן אויפן ברעג. זי האָט אַליין געמוזט לאַכן איבער איר איבערגעטריבענער צוגעבונדנקייט, וואָס זי האָט מיט יעדן טאָג געפילט אַלץ שטאַר-קער צו דעם יונגנמאַן, וועלכער איז נאָר-וואָס געקומען אין איר לעבן אַריין: „אַ מוטער אַזעלכע בין איך קיינמאָל נישט געווען" — האָט זי זיך געזאָגט.

זי האָט אים נישט געלאָזט פאָרן אַליין אין אויטאָ-מאָביל אַרויסצונעמען פון דער באַנק געלט, אָדער אָפּנעמען בריוו, מורא-האָבנדיג, עס זאָל מיט אים עפּעס נישט געשען אויפן וועג. צי זי איז יאָ געווען גרייט, צי נישט גרייט, האָט זי זיך אין דער לעצטער מינוט אַרויפגעכאַפּט אויפן אויטאָמאָ-ביל, אַבי אים נישט צו לאָזן אַליין.

זי איז געוואָרן אייפערזיכטיג פאַר די נעכט, וואָס ער פאַרברענגט אַליין ביי זיך אין צימער, כאָטש עס איז דאָך גע-ווען אַזוי נאַטירלעך, לייכט און זעלבסטפאַרשטענדלעך דאָס אויסצומיידן... דער ווילן צו אַ פאָלקאָמענער פאַראייניגונג האָט, ווי אַ רייפע פרוכט, אַרויסגעשפּראָצט פון זייערע בליקן, ווען זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. דאָך איז אַ נישט-געזעענע שווערד געלעגן צווישן זיי. אַן אינערלעכע אַנגסט האָט זיי אָפּגעהאַלטן פון דעם, נאָך וואָס זיי האָבן אַזוי געגאַרט, געדורשט מיט זייערע יונגע, לעכצנדיגע קערפּערס. עס איז געווען מער זיין שולד, ווי אירע. די טיפע אַכטונג, וואָס ער האָט געפילט צו איר, האָט אים געלייגט קייטן אויף די הענט. די אינערלעכע דיסציפּלין, אויפגעצויגן אין זיין בלוט דורך דורות פון פרו-

טאַנישע עלטערן, האָט אים געהאַלטן, ווי אין שפּאַן, און ער האָט מיט גױאישקער גבורה און אַנגלאָ-זאַקסישער געדולד איבערגעטראָגן די זיסע ענויים פֿון ווארטן, ביז עס וועט, ווי אַ פֿלוים, רײַף-ווערן דער ווילן און וועט אַליין קומען. ער האָט איר געלאָזט די גאַנצע צײַט, וואָס זי האָט געדאַרפֿט דערפֿאַר. יעדנפֿאַלס, האָט זײַער נײַ לעבן נישט אַרײַנגעבראַכט קיין שום ענדערונג אין די אינטימערע באַציאונגען. פֿאָרלויפֿיג האָבן זײ זיך געמוזט לאָזן באַגנוגענען מיט דעם פֿאָרגעשמאַק, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט בײַנאַכט, נאָכן ליכט-אויסלעשן, געמוזט אויפֿעפֿענען די טירן פֿון זײַערע שלאָף-צימערן, וואָס זענען געווען אַ טיר אין אַ טיר. ער פֿלעגט מוזן אַוועקשטעלן זײַן בעט אַזוי נאָענט, אַז זי זאָל הערן דעם ריטם פֿון זײַן אָטעם, אָן וועלכן, ווי זי האָט געזאָגט, זי קאָן נישט אײַנשלאָפֿן...

פֿון דער צוקונפֿט איז נאָך גאָרנישט גערעדט-געוואָרן. קיין פּלענער האָט מען נאָך נישט געמאַכט. זײ האָבן געוואוסט, אַז זײ באַלאַנגען צוזאַמען, און זײ זענען דערווײַל, ווי צווײ פֿיש, צוזאַמען אין לעבן געשוואומען.

עס זענען געוואָרפֿן-געוואָרן ווערטער וועגן אַ רײַזע קיין איטאַליען, וועגן פֿאָרן אויפֿן ווינטער קיין פּאַריז צוזאַמען. עס איז זײ נישט געווען קיין חילוק, וואו זײ האָבן זיך געפֿונען. דאָס קלײנע פֿישער-אָרט, אין וועלכן זײ האָבן געוואוינט; דער קלײנער, אָבער רײנער האָטעל מיט די פֿענסטער אַרויס צום ים, וואו מען האָט געזען יעדן פֿרימאָרגן די פֿישער-שיפֿלעך אַרײַנקומען אין קלײנעם האַפֿן; די צירלעכע, אין אַלטן פּראָווינץ-סטיל אײַנגעאָרדנטע נידעריגע צימערלעך, וועלכע זײ האָבן באַוואוינט אײנס נעבן אַנדערן — דאָס אַלץ איז פֿאַר זײ געווען די וועלט, דער געפֿונענער גן-עדן. אַ גאַניקל, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום ים, האָט פֿאַרײניגט זײַערע צימערלעך. וואָס האָבן זײ געדאַרפֿט מער? אינדערפֿרי, נאָכן עסן, פֿלעגן זײ

אַרויפפאָרן מיטן אויטאָמאָביל אין די בערג, וואו זיי פלעגן בלאָנדזשען, צום טיי-טרינקען פלעגן זיי טאַנצן. מערסטנס האָבן זיי נאָכן אָוונט-עסן פאַרבראַכט אין שטעטל, אין קינאָ, מיט דער אָרטיגער באַפעלקערונג. אַמאָל פלעגן זיי מיטן אויטאָ אַריינלויפן קיין ניצע, אין קאַסינאָ, אויף אַ טעאַטער-פאָרשטע-לונג, אין דער אָפּערע. קיינמאָל זענען זיי נישט געקומען קיין מאָנטע-קאַרלאָ. זיי האָבן מורא-געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט סילוויען. זיך געפּרואווט פון איר אויסבאַהאַלטן. אָפטמאָל זענען זיי ביידע געזעסן, ווי אַ לאַנג שוין פאַרייניגט פּאָרל, אין דער קליינער האַליע פון האָטעל, און געלעזן.

לעצטנס האָבן זיי נאָך עפּעס אַנטדעקט איינס אין אַנ-דערן און געפונען אַ נייעם אינטערעס. פרענק, וועלכער האָט פון זיין שטודירן נאַטור-וויסנשאַפט פאַרמאָגט אַ סך וויסן וועגן ביאָלאָגיע, האָט געפונען אין עמיליען אַ גוטן חבר, מיט וועלכן מען קאָן אויסטוישן מיינונגען. ער האָט נאָכגעפאָלגט אַלע נייע פאָרשונגען, וואָס זענען געמאַכט-געוואָרן אויפן דאָ-זיגן געביט. ער האָט אויסגעשריבן אַ גאַנצע ריי פאַכמענישע זשורנאַלן, ביכער, וואָס ער פלעגט מיט זיך אַרומפירן אין זיין אויטאָמאָביל פון איין אָרט צום אַנדערן. ער האָט זייער אָפט פאַרפירט געשפּרעכן מיט עמיליען וועגן וויסנשאַפטלעכע טעמעס. צוערשט האָט עמיליע געקוקט אויף אים, ווי פון אויבן-אַראָפּ, מיט אַ ביסעלע ביטול און רחמנות.

עמיליע, וועלכע האָט זיך אויפגעצויגן און געוואַקסן איר וויסן אין דעם „ראַדיקאַלן-קלוב" פון די אַמעריקאַנער אינטעלעק-טועלער, האָט זי זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון דעם איינציגן, ראַדיקאַלן גלויבן — פון דער טעאָריע פון עוואָלוציע, וואָס האָט געהערשט צווישן דער פאַרמלחמהדיגער אַמעריקאַנער אינ-טעליגענץ. וויפיל דר. בערמאַן האָט נישט געמאַכט חוזק פון דעם גאָט פון עוואָלוציע און זיינע געטרייע אָנהענגער, די ראַדיקאַלן, זענען עס נאָר געווען שפּאַסן, פּאַראַדאָקסן, וועלכע נאָר אַזאַ אַפּיקורס, ווי דער דר. בערמאַן, האָט זיך געקאָנט דערלויבן. אָבער דער עצם פון איר אמונה אין דער „הייליגער

עוואָלוציע" איז געבליבן אומבאַרירט. מען קאָן זיך דערלויבן צו טרייבן שפּאַס איבער דערדאָזיגער אמונה, אָבער אין ערנסטע מאָמענטן מוז מען זיך דאָך נאָר ווענדן צום אמתן גאָט פון דער עוואָלוציע, וואָרים אויב נישט, וואָס אַנדערש בלייבט איבער?

פרענק מיט זיין גאַנצער אַמעריקאַנישער פּאָזיטיווער דערציאונג, וועלכע האָט אים „אָפּגעהיט", ווי פון אַ בייז-אויג, פון יעדן אָפּנויג צום מעטאַפיזישן, צום איבערנאַטירלעכן (וועגן וועלכן מיר וועלן שפּעטער רעדן), איז אָבער געווען אַ געטריי קינד פון זיין סביבה, פון דער פּוריטאַנישער פרומקייט, פון וועלכער ער איז אַרויסגעוואַקסן. געוויס האָט ער אויך, נאָך דעם גאַנצן אַמעריקאַנישן דענקונגס-אופן, אויפגעפאַסט אַלצדינג פון זאַכלעכן און נוצלעכן שטאַנדפּונקט. ער האָט אָבער געהאַט אַן אומבאַרירטע, הייליגע באַציאונג צו מענטש און וועלט, וואָס האָט אַרויסגעקוואָלן פון זיין ריינעם גלויבן. צוערשט האָט עמיליע אים בטל-געמאַכט פאַר זיין נאַאיווקייט און קינדישן גלויבן אין אַלעם דעם, וואָס מען האָט אים געלערנט. געוויס איז עס געווען אַ צייכן פון זיין געזונטקייט און גויאיער גאַנצקייט. דידאָזיגע קינדישע נאַאיווקייט האָט זי איינציכיג גערירט. זי פלעגט, נאָך יעדער אַרויסגעזאָגטער מיינונג זיינער, אויף אים קוקן מיט אַביסל אַ ביטולדיגן, אָבער מיט אַ פולן ליבע-אויסדריקנדיגן בליק, ווי אַ מוטער קוקט אויף אַ קינד. זי האָט זיך אַפילו אונטערגענומען אים צו „דערציען", און זי פלעגט אים אויסלאַכן, וואָס ער האַלט זיך נאָך ביי פאַרעלטערטע מיינונגען.

פרענק האָט געדולדיג אויפמערקזאַם אויסגעהערט אירע נישט-סיסטעמאַטישע, אויבערפלעכלעך-אויפגעכאַפּטע, האַלב-אינטעליגענטישע מיינונגען, און זיך געהיט מיט קיין איין וואָרט נישט צו פאַרראַטן זיין איבערגעוויכט אין וויסן. פאַרקערט, ער האָט מיט אַזאַ נאַאיווקייט אויסגעהערט אירע רעקאָמענדאַציעס פון ווערק, וואָס ער זאָל לעזן, ווי זי וואָלט אַנטדעקט פאַר אים אַמעריקע. מיט דאַנקבאַרקייט האָט ער אָנגענומען אירע רעקאָ-

מענדאַציעס און איז געוועז אַנטציקט פון איר וויסן. אומבאַמערקט פון איר, אויסגעהיט זיך פאַר יעדער דערנידערונג, האָט ער זי אָבער ביסלעכווייז אַרויסגעפירט פון איר אומוויסנקייט. זי האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי ער האָט זי מיט זאַכטע טריט אַרויסגעפירט פון איר טעות.

שפּעטער, אַז זי האָט אויסגעפונען איר אָרימקייט, האָט זי זיך מער נישט געשעמט פאַר אים. ער האָט אַזוי איידל צעשטערט איר גלויבן אין דעם גאָט פון עוואָלוציע, וועלכער איז געווען דער אַליין-הערשער אין איר מאַטעריאַליסטישן טראַכטן, אַז זי האָט עס גאָרנישט באַמערקט. ער פלעגט עס מאַכן אָן יעדער דיסקוסיע, אָדער באַלערונג, שפּילנדיג, אונטערהאַלטנדיג זיך מיט איר אין זייער פישער-אָרט. ער פלעגט אָפּרייסן אַ קליינע מאָנבלום, אָפּבלאָזן אירע רויטע בליטן-קליידער און איר ווייזן דעם האָריגן קנאָספּ-קעליך:

— זעסט, עמיליע, איך קען דיר נאָכזאָגן דעם פּזמון, וואָס כ'האָב געלערנט אין דער שול, וואָס וועט דיר דערקלערן די מעכאַניק פון וואַקסן, לויט ווי עס האָבן דאָס דערקלערט דיינע עוואָלוציאָניסטישע כּוהנים. אַלץ איז גוט, מיין קינד. אָבער די אַנטשטייאונג פון דעם קליינעם האָריגן קנאָספּ איז פול מיט שאַפונגס-סודות, ווי דער גאַנצער קאָסמאָס, ווי די גאַנצע וועלט. אין דעם קליינעם קאָסמאָס, וואָס איך צעדריק צווישן מיינע פינגער, ליגט אַ געטלעכער סוד, וואָס דיינע כּוהנים האָבן קיינמאָל נישט מגלה-געווען. אומענדלעכקייט אַנטדעקט זיך אינם קליינעם, פּונקט ווי אינם גרויסן. מיר זענען נאָך נישט ביי די גרענעצן פון דעם קלענסטן איין-איינציגן. ווער קאָן אויסמעסטן דאָס קליינע? אין דעם ביסעלע געלן שטויב, וואָס הענגט אייף מיין פינגער, די בלומען-זרע, וואָס די אינזעקטן טראָגן-איבער אויף די עקן פון זייערע פליגעלעך פון איין מין צום אַנדערן, ליגט די יצירה, איז פאַראַן די געטלעכקייט. דיינע כּוהנים דאַרפן גאָרנישט צוקומען צו דער „ערשטער אורזאַך" און ביי איר זיך די קעפּ צעברעכן. אָט דאָ, אין דעם ביסעלע געלן שטויב, ליגט די „ערשטע אורזאַך".

וואָרים דער סוד פון דער יצירה ליגט נישט אין דער מעכאַ-ניק פון דער יצירה. די מעכאַניק קענען זיי דערקלערן, זיי קאָנען דיר אויסגעפינען אַלע רינגען אין דער קייט, וואָס ווערן זיך, מענטש, פירן צום ערשטן פייכטן שטויבל, צו דער ערשטער באַוועגונג. דערמיט האָבן זיי נאָך גאָרנישט דערגרייכט. וואָרים דער סוד פון דער יצירה ליגט נישט אין איר אַנט-וויקלונג, נאָר אין אירע גרענעצן. די „ערשטע אורזאַך" שטייט נישט בלויז ווי אַן אייזערנע וואַנט, ביים ערשטן אָנהייב, נאָר זי באַווייזט זיך, ווי אַ וויזיאָנערישע ליכט-גרענעץ, צווישן איין מין און דעם אַנדערן. יאָ, איך גיי מיט דיינע מאָניסטן און מיט זייער דערקלערונג פון דער ערשטער אורזאַך דעם קורצן וועג פון דער מעכאַנישער אַנטוויקלונג פון יעדן מין באַזונדער, און איך שטעל זיך אָפּ מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פרעגנדיגע אויגן ביי דער קלענסטער גרענעץ, וואָס ליגט צווישן איין מין און דעם אַנדערן. פון קיין צמח, פון קיין פלאַנץ, איז נאָך נישט געוואָרן קיין חי, קיין פריי זיך באַוועגנ-דע באַשעפעניש. פונקט אַזוי האָט נאָך, ווי ווייט מיר ווייסן, קיין איין מאַלפּע נישט געטון קיין איין איינציגן שריט זיך צו אַנטוויקלען צום מענטש. אונז זענען נאָר געגעבן-געוואָרן קורץ-זעענדיגע ברילן, מיר קאָנען נאָר זען קליינע שטריכן. באַלד קומט די וואַנט און פאַרשטעלט אונז אַלץ פאַר די אויגן.

צוערשט האָט די אים אויסגעהערט פאַרוואונדערט און דערשטוינט, וואָס ער, פרענק, וועלכער האָט, דאַכט זיך, אויסער פאַר שווימען, אויטאָמאָביל און אַ ביסעלע טאַנצן נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַר עפּעס אַנדערש, קומט און צעשטערט איר גאָט, רייסט-אַרויס די רעטונגס-שנור, אָן וועלכער עס האָט זיך געקלאַמערט איר גאַנצער דור. זי פרעגט אים פאַרוואונדערט:

— נו, וואָס דען ווידער? אַ גאָט?

— איך ווייס נישט. איך ווייס נאָר, אַז דער עלטערער דור אונזערער, וואָס האָט געמיינט, אַז ער האָט אויפגעדעקט

מעשה בראשית, און אַלץ איז שוין באַקאַנט, און מען דאַרף שוין גאָרנישט מער, האָט עס ווייט נישט געבראַכט. דאָס איינציגע, וואָס זיי האָבן געטון, איז געווען אַריינצוואַרפן די וועלט אין די האַרטע, אומבּרחמנותדיגע אָרעמס פון ראַציאָנאַליזם, אונטער וועלכן זי שטיקט זיך היינט און פון וועלכן זי קאָן זיך נישט באַפרייען. דער מאָניזם, ווי אַלץ וואָס הענגט פון אים אָפּ, איז אָן אַ צווייפל געווען באַרעכטיגט. ער איז די פאָרטזעצונג פון אַפּיקורסישן בּעריאָד, וואָס איז אויסגעבראָכן, ווי אַ פאַרשטיקטער, פייער-שפּייענדיגער קראַטער, נאָך אַזוי פיל טויזנטער יאָרן פון פינסטערניש און אונטערדריקונג. מיט אים, דעם מאָניזם, איז אָפּגעשלאָסן-געוואָרן דער פּעריאָד פון בונטעווען זיך געגן גאָט, וואָס האָט געהאַלטן דורך אַזאַ לאַנגער צייט דעם לעבעדיגן מענטש און לעבעדיגן געדאַנק צוגעשמידט צו די פאַרניכטונגס-אינסטרומענטן אין די אינקוויזיציע-קעלערן. אָבער דער פּעריאָד פון אַפּיקורסות האָט זיך פאַרענדיגט. מיר שטייען מיט אונזערע אַלע ביז איצט דערוואָרבענע דערפאַרונגען, ווי פאַרלוירענע קינדער פאַר דער אומענדלעכקייט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פאַר אונזערע אויגן, נאָך דעם ערשטן אויפדעק פון אַ קליינעם פאָרהאַנג. מיר ווייסן איצט, אַז מיר ווייסן נישט. אָבער מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט די ערשטע קינדערשע קראַנקהייט, און מיר שטייען אָן פאָראורטיילן אפילו געגן אַ גאָט, ווען עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער איז באַרעכטיגט. פאַרשטייט זיך, איך מיין נישט דעם קליינעם שבטדיגן, עגאָאיסטישן גאָט, וואָס יעדער שטאַם האָט גענומען אין לעבנסלאַנגער אַרענדע, נאָר די גרויסע, אוניווערסאַלע, אומענדלעכע עטישע טאַט, וואָס איר שיין שטראַלט-אָפּ אין אונז דורך חכמה, אינסטינקט, אינטואיציע, וואָס טרייבט אונז אומאויפהערלעך, געגן אונזער ווילן, צו דער אומבאַדינגטער אויסלייזונג פון דער חיהשקייט, אין וועלכער עס האָט געשטעקט די גאַנצע יצירה. אָט דערדאָזיגער שטראַל איז דער פאָרצוג פון מענטש איבער דער חיה. ער האָט אונז אַרויסגעפירט אויפן ערשטן וועג פון אונזער אַנטוויקלונג און פירט

אונז צו שלמות, צו פאָלקאָמענהייט. איר האָבן מיר אַלץ צו פאַרדאַנקען. און איך גלויב, אַז ער שטאַמט פון אַ מקור, וואָס איז כולל אַלץ. אַ קוואַל, וואָס שפרודלט פון זיך ארויס די גאַנצע עקזיסטענץ. און איך בין אַ לעבעדיגער טייל פון אים.

ס'איז געווען אין פעלד, אין אַ שיטער-פאַרשפרייטן נאָדל-וואַלד, וואָס ליגט אויף אַ גרין בערגל, ביים ראַנד פון ים, הינטער דעם פישער-אָרט — ווען זיי האָבן געפירט דאָסדאָזיגע געשפרעך. ער, פרענק, איז מיטאַמאָל פאָרגעקומען גאַנץ פאַרענדערט אין אירע אויגן. זי האָט אים צום ערשטן מאָל געזען גאַנץ אַנדערש, אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. זי האָט זיך נישט פאַרוואונדערט, וואָס דער יונגערמאַן, וואָס אַחוץ, דאַכט זיך, פאַר ספאָרט, האָט ער נישט קיין אַנדערן אינטערעס, רעדט וועגן דידאָזיגע זאַכן מיט אַזאַ טיפן גלויבן.

אויף פרענקן האָט מען זיך אַלצדינג געקאָנט ריכטן. אַלץ וואָס ער האָט געטון, איז אַרויסגעדרונגען פון אַן ערלעכן טיפן גלויבן-געפיל. דאָס וואָס עס האָט זי יאָ געוואונדערט, איז געווען זיין געשטאַלט. אויף די גרינע בערגלעך, צווישן די לעצטע זון-פלעקן, וואָס בלאָנדזשען צווישן די שיטערע, הויך-געשלאָגענע שוואַרצע ציפרעסן און טענענביימער, איז איר זיין קנאָכיגע געשטאַלט מיטאַמאָל גאַנץ אַנדערש פאָרגעקומען. זיינע אַטלעטיש-אַנטוויקלטע גלידער האָבן פאַרלוירן די האַרטקייט און די חוצפהדיגע זיכערקייט אין זייערע אייגענע שפראָצנדיגע כוחות. ווייך, אָנגענעם און רחמנות-וועקנדיג זענען זיי געוואָרן. זיינע הויכע פלייצעס און האַלדז זענען געוואָרן אומבאַהאָלפן. עס האָט זיך אַרויסגעזען דער גרויסער קראַק פון זיין האַלז. זיינע קליידער זענען געפאַלן פון אים. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קליינשטעטלדיגן ענטוזיאַסטישן „רעדנער". דעםדאָזיגן שטריך האָט זי נאָך קיינמאָל ביי אים נישט אַנטדעקט. זיין פנים איז איר פאַר-

געקומען בלייך, באצויגן מיט א געלייטערטער גייסטיגקייט. זיין גאנצע פיגור איז איר ביי די לעצטע זון-שטראלן פארגע־קומען וויזיאנעריש, אזוי ווי זי וואלט אים שוין געזען אמאל געזען אין א חלום.

איצט האט זי עס דערפילט, וואס עס איז פאר איר דאס געווינס פון פרענקן.

א גרויס דרך-ארץ האט זי ארומגענומען פאר אים. די ווערטער, וואס ער האט ארויסגערעדט, זענען נישט קיין ביטערליכע „מיינונגס-אויסטוישן", א היסטערישער ענטוזיאזם פון דר. בערמאן, וואס איז צו גארנישט מחייב, א חוצפהדיג אויפ־שפילן, א פארשעמען זיך און ארייגרעדן אין די הייליגסטע געפילן, וועלכע קאנען מארגן אננעמען די געגנגעזעצטע ריכ־טונג. דאס, האט עס איז דא געזאגט-געווארן, איז געווען א בלינדע באקענטניש פון דורך דורות דערצויגענער דיסציפלין, וואס נעמט אן, אן יעדן אפרעג, די מסורה, די טראדיציע, די גלויבנס-ירושה פון דורות. זי האט געזען זיין עלטער באבע, וואס האט צוליב אן ענדערונג אין איר געבעט-בוך פארלאזט איר ענגלישע היים און איז געגאנגען אין די ווילדע אינדיעס. און ווער איז זי ? זי האט מיטאמאל איינגעזען די נאקעטקייט און די ארימקייט פון איר קרייז, פון זיך אליין, די אומרו, וואס וואוינט אין איר, דאס איבערפלעכלעכע ארייפלאנצן זיך אין א פרעמדער ערד, וואס יעדער ווינט וואקלט זי. און טרערן האבן זי אנגעהויבן צו שטיקן פון קנאה צו פרענקן, א קנאה פאר זיין גויאישקייט, פאר זיין געשלאסענער דיסציפ־לין, פאר דעם אופן, ווי אזוי עס קומען צו אים זאכן און באגריפן. ער שלאגט זיך נישט מיט זיי, ווי זי, ווי איר גאנצע או־געבונג. נאר ער נעמט זיי, ווי עס קומט אים, ווי זיינס ער איז דער יורש, דאס אור-אור-אייניקל, פאר וועלכן די זיידעס האבן געשפונען, געשאפן, געווירקט און געלאזט דאס אלץ פאר אים. זי האט דרך-ארץ געהאט פאר אים, איז געזען שטאלץ און גליקלעך, וואס זי האט שוין א שטיקל שייכות צו אים. און אזוי ווי זי וואלט זיך געהאלט פאר דער גא־

קעטער גאַס אונטער אַ באַלקאָן ראַטעווען, איז זי צוגעגאַנגען צו אים אינגאַנצן, אינגאַנצן.

און זי האָט דערפילט, אַז איצט האָט זיך אויפגעעפנט פאַר פרענקן דאָס לעצטע טירל, וואָס איז געווען פאַרשלאָסן אין איר, דורך וועלכן זי האָט אים נישט געקאָנט דורכלאָזן, דאָס לעצטע טירל פון איר הארץ האָט זיך געעפנט פאַר אים. אויף אים קאָן מען זיך פאַרלאָזן. ער איז אַ קיזעלשטיין. וואָס פריער זיך ראַטעווען פון אָפּצנעם ים אויף אַ פעלז, וואָס פריער, אינגאַנצן, אינגאַנצן זיין זיינע.

דערדאָזיגער געדאַנק ברענגט אַ מיידלשע רויטלעכקייט איבער אירע בלייכע באַקן. זי גייט-צו צו אים און לענט זיך אויף אים אָן. זי בויגט-איין איר קאָפּ און נאַקן אונטער זיינע אָרימס, אויף זיין האַרץ-ברעט. אַ ציטער נעמט זי אַרום. ער פילט דורך די קליידער זיינע דאָס דרעשטשען פון איר קערפּער.

— וואָס איז דיר, טייערע? — פרעגט ער זי. — דו ציטערסט. דו גייסט צו-לייכט אָנגעטון.

זי ענטפערט נישט, נאָר שטעלט זיך אויף די שפּיץ-פינגער, בויגט-אויס אירע ליפּן, ווי אַן אויסגעטאָקטע ראַנד פון אַ פאָרצעלייענעם קרוג, און מיט פאַרמאַכטע אויגן נאָגט זי זיך צום ערשטן מאָל אַריין אין זיינע ליפּן.

אויך ער ווערט רויט. זיין אויבערשטע ליפּ באַוועגט זיך. ער נעמט זי מיט איין האַנט אַרום. זיי קוקן זיך ביידע אָן. איצט נעמען זיך נישט אָפּ די אויגן איינע פון די אַנדערע. לאַנג האַלטן זיי אויס דעמדאָזיגן בליק, און אָן יעדן צוים, אָן יעדן צוריקהאַלט, פאַרייניגן זיי זיך דורך אַ לאַנגער ווײַלע מיט זייערע בליקן, ביז ער זאָגט:

— קום. אַ קאַלטער ווינט בלאָזט פון ים, און דו ציטערסט.

אָנגעהאָנגען אויף זיין ברוסט, גייט זי מיט אים צו צום אויטאָמאָביל.

שפּעטער, אין אָוונט, זיצן זיי ביידע אין אַן אַמעריקאַנישן באַר. פרענק האָט אים אויסגעפונען, אַ קליינעם, אינטימען,

אין ניצע. דאָרטן קריגט מען דעם בעסטן „וויסקי-סאָדע״ אויף דער גאַנצער ריוויערע. אָוונט-צייט, פאַרן עסן, זיצן צווי פּאָרלעך, אויך איינצלנע, צוואָרפן אין די האַלב-טונקעלע ווינקלען ביי די באַקוועמע אַלט-האָלענדיש איינגעאָרדנטע טישלעך. מען רעדט אין דער שטיל. דער נעגער טראָגט-צו פון הינטערן באַר-טיש די „קאָקטעילס״ מיט אַ ספּעציעלן וויכן, איינלאַדנדיגן זשעסט. די טיר עפנט זיך. עס קומט-אריין אַ פּערזאָן, אַ יונגע פרוי, אַליין. אַ בלאָנדע, אַ פיגור אַ גריכישע, אָנגעטון אין שוואַרצן, אריבערגעוואָרפן מיט אַ בלויען פוקס-קאָלנער. זי קוקט זיך אַרום. דער, וועמען זי זוכט, איז נאָך נישטאָ. זעצט זי זיך אומגעשטערט אַליין אוועק אין אַ ווינקל, באַשטעלט זיך עפּעס. דער באַר-קעלנער, זעט-אויס, קען זי. ביים דערלאַנגען איר דאָס טעצל צובייסעכץ, זאָגט ער צו איר „העללאָו״ און שטעלט זיך אַוועק מיט איר רעדן.

עמיליע ווערט ניי געריג:

— ווער איז זי אַזעלכע? — פרעגט זי פרענקן.

— אַ גאַסן-פרוי. וואַרט אויף אַ ראַנדעוואו.

— זי רעדט ענגליש.

— און אַז זי רעדט ענגליש, איז וואָס? — לאַכט פרענק.

— איך האָב געמיינט אַן ענגליש-שפּרעכנדע פרוי...

עמיליע האָט איינגעזען די נאַרישקייט, וואָס זי זאָגט, און האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן דער פראַזע.

פרענק האָט געלאַכט.

איפּן וועג אַהיים, אין אויטאָמאָביל, איז עמיליע צוריקגעקומען צום געשפּרעך וועגן דער פרוי אין באַר:

— איך האָב גאָרנישט געגן דעם, ווען אַ פרוי, קליינגעוויקסיג, אָן אַ פיגור, דו ווייסט שוין, די וואָס די פראַנצויזן רופן „פּטיט פאַם״, גיט זיך אָפּ מיט די זאַכן, אויב אונזער לעבן איז שוין אַזוי איינגעאָרדנט. אָבער אַזאַ פרוי, מיט אַזאַ

פיגור, מיט אַזאַ קעניגלעכער האַלטונג. אַזאַ פרוי דאַרף מען עס פאַרווערן. דענקסטו נישט אַזוי?

— פאַרוואָס? — פרעגט פרענק.

— ווייל אַזאַ פרוי איז באַשאַפן־געוואָרן מענטשן צו בע־צווירן. מיינסטו נישט אַזוי?

פרענק האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער אָפּגע־ענטפערט:

— יאָ, אפשר האָסטו רעכט. איך האָב קיינמאָל נישט נאָכגעקלערט וועגן דעם.

זי האָט זיך פעסטער צוגעדריקט צו אים.

— איין מינוט, ליבינקע, דאָ קומט אַ געפערלעכער אויס־בויג, און די פראַנצויזן האָבן אפילו דעם וועג נישט אָפּגע־צוימט.

## קאַפּיטל 10

# ע ל ט ע ר ן

עמיליע איז געשטאַנען אין איר שטוב און האָט אַרויס־געקוקט דורך דער וועראַנדע־טיר צום ים. דער ים איז דאָ געווען פריי. ער האָט מיט זיין ערנסטער גרינגלעכער פאַרגלייוערטקייט פאַרפירט צו ווייטע, פאַרנעפּלטע האָריזאָנטן. קיין פריינטלעכע, איינלאַדנדיגע, מיט ציפּרעסן־ביימער באַוואַקסענע אינזלען, ווי מען זעט עס אין אַנדערע ערטער, אָדער אַפילו אַרויסשטאַרטשנדיגע פעלזן־שטיינער, זענען דאָ נישט געווען. דאָ איז דער ים געווען איין שטיק, אָן אַן איבעררייס, פון ברעג ביז אין נעפּל־פאַרלוירענעם האָריזאָנט. מ׳האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ווען מ׳לאָזט זיך אין ים אַרויס, איז עס אָן אַן אָפּהאַלט, ביז צו יענעם ברעג דאָרט, וואָס מען גלויבט, אַז ער איז ערגעץ־וואו פאַראַן.

אַן אַסאָציאַציע פון געדאַנקען האָט איר געבראַכט אויף דער מחשבה וועגן איר אייגענער סיטואַציע. זאָל זי וואַגן אַרויס אין אָפענעם ים, מיטן גוטן גלויבן, אַז ערגעץ־וואו איז פאַראַן אַ ברעג? אַז ערגעץ־וואו איז פאַראַן אַ ברעג, דאָס האָט זי געוואוסט. נאָר צי וועט זי אים דערגרייכן? וועט זי נישט בלייבן שטעקן אָן כוחות אין מיטן?

אַ גאַנצן טאָג איז פרענק היינט געווען אומרואיג. אַ געוויסע אומגעדולדיגקייט האָט זיך באַמערקט ביי אים, וואָס

זי, עמיליע, האָט עס ביז איצט נישט געקענט. ער האָט צום ערשטן מאָל באַרירט די פראַגע וועגן זייער צוקונפט. ער האָט גערעדט דערפון און געזאָגט, אַז ער קען מער נישט זיין דער נייטראַלער באַאָבאַכטער און אָפּוואַרטן, ווי די זאַכן וועלן זיך אַנטוויקלען, נאָר ער מוז אַליין האָבן אַן איינפלוס אויף די געשעענישן, אָדער, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין לשון — „פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס".

וואָס ער האָט געמיינט דערמיט, האָט זי קלאָר נישט פאַרשטאַנען. נאָר זי האָט עס בולט און שטאַרק געשפּירט און געזען.

איצט איז זי אַליין. פרענק איז געפאָרן קיין ניצע עמעצן זען, האָט ער געזאָגט. ער האָט זי פאַרלאָזט באַלד נאָך דעם געשפּרעך. עמיליע האָט איצט געוואוסט, אַז דער צושטאַנד פון אָפּוואַרטן וועט נישט לאַנג דויערן. עס קאָן זיך היינט-מאָרגן ענדערן. זי האָט עס מיט האַרצקלאַפּן געוואונטשן, אָבער דאָך האָט אַן אומבאַקאַנטע מורא זי געהאַלטן אין פייערדיגע קלאַמערן, אַ מורא פאַר זיך אַליין: זאָל זי עס אָנהייבן, אָדער נישט? „איך בין דאָך שוין אין מיטן ים... די נסיעה האָט זיך דאָך שוין אָנגעהויבן. איצט הייסט עס צושווימען צום ברעג, אָדער אונטערצוגיין".

שפּעטער קוקט זי אויף די דעליקאַטע, ציטעריגע טייל רויזן, וואָס פרענק שיקט איר אַרויף יעדן פרימאָרגן. זיי שטייען תמיד אין דער גרויסער בלויער, מיט עמאַל באַזעצטער פּערסישער וואַזע, וואָס פרענק האָט איר געשאָנקען, אויף איר צייטווייליג איינגעאָרדנטן טואַלעט-טיש, ביי וועלכן זי איז איצט געזעסן. צום ערשטן מאָל האָט ביי איר אויפגעטויכט אַ פראַגע, פון וועלכער זי האָט גאָרנישט געקלערט ביז איצט: צי זי האָט דערויף אַ רעכט... „מיין לעבן האָב איך דאָך שוין, אייגנטלעך, געהאַט"... און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי גנבעט פון וועמען אַ צווייט לעבן; ווען זי וועט עס צונעמען, וועט עס יענע, וואָס וואַרט וואו דערויף, נישט האָבן. אָבער עס איז דאָך נאַריש אַזוי צו טראַכטן. איר לעבנסלוסט פּראַ-

טעסטירט געגן דעמדאָזיגן געדאַנק. „האָב איך געהאַט מיין לעבן? איז עס נישט געווען איין לאַנג, פאַרשעמט און פאַרשמאַכט וואַרטן אויף אויסלייזונג?"

האָט זי זיך דען נישט דאָרט אין יענעם געפאַנגענעם לעבן געהאַלטן אין איין זעטיגן מיט האָפענונגען, זיך נישט געהאַלטן אין איין צוגרייטן צו דעם, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז עס וואַ־ט אויף איר הינטער די טויערן פון איר געפענגעניש? נאָר די האָפענונגען און דער גלויבן אין דעם, וואָס עס שטייט איר פאָר, האָבן דאָך איר געגעבן כּוח־ית צו ראַטעווען אירע אין טויזנט געפאַרן געבריטע און געבראָטענע טעג, ביז, דאַנקען גאָט, זי האָט זיך געראַטעוועט און איז אַרויס אומבאַשעדיגט פון גיהנום. ניין, זי איז קיינעם גאָ־נישט שולדיג. אַלץ וואָס איז געווען ביז איצט, איז געווען אַ פאַטאַלער טעות. פון איצט־אָן הייבט זי אָן דאָס ריכטיגע, דאָס באַשערטע לעבן.

יעדנפאַלס, האָט זי אַרויסגענומען פון דער פּלוצימדיגער, אין איר פרעך־אַריינגעדרונגענע פראַגע, אַז עס איז די העכסטע צייט אַרויפצוטרעטן אויף דעם וועג, פון וועלכן עס איז נישטאָ קיין צוריק. אַז נישט, איז נאָך דאָ אַ געפאַר פון שוואַכקייט, צו בלייבן שטעקן מיט די רעדער אין מיטן.

זי איז געווען גרייט צו מאַכן דעם לעצטן שריט. אַחוץ דעם ווילן איז איצט נאָך צוגעקומען די נויטווענדיגקייט.

שפּעטער איז פרענק געקומען פון שטאָט.

ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אויף זיין זיץ אין אויטאָמאָביל, האָט זי דערקענט, אַז ער האָט עפּעס וואָס מיטגעבראַכט מיט זיך, וואָס ער האָט נישט געהאַט ביי זיין אַוועקפאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט איר נישט דערציילט, אַז ער איז צוריקגעקומען פעסט און זיכער אויסצופירן די עצה פון דעם אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט גטן. דעם אַדוואָקאַט האָט ער, פרענק, אויסגעפונען אין ניצע און האָט זיך מיט אים מיישב־געווען.

— דער ערשטער שריט אָפּצונעמען אַ גוטס פון צווייטן, איז צוצונעמען דאָס באַטרעפנדע גוטס אין אייגענעם באַזיץ, — האָט אים געעצהט דער פּראָנצויזישער אַדוואָקאַט. דאָס איבעריגע לאָזט זיך שוין דערנאָך אַראַנזשירן.

די עצה-טובה פון דעם אַדוואָקאַט איז אים געלעגן אין דעם גלאַנציגן בליק פון זיינע אויגן, וועלכן ער האָט מאָדנע אויסגעהיט פון איר ביי זייער באַגעגענען זיך, ווי מען מיידט-אויס אָנצוקוקן אַ מענטש, וועלכן מען וויל באַגנבענען.

אַזעלכע אינסטינקטן טראָגן זיך איבער, ווי מאַגנעטישע וועלן. זי האָט באַלד געוואוסט, וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט. די איז געוואָרן בלייך. דערנאָך רויט. איר האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן, אָן אַ קאָנטראָל.

צום עסן האָט זי זיך אָנגעטאָן אין דעמזעלבן קלייד, מיט דעם טיפן אויסשניט, וואָס זי האָט געטראָגן, ווען ער האָט זיך איר צום ערשטן געגעבן צו דערקענען מיט זיין ליבע. זי האָט קיין איין שטריך מער נישט געמאַכט אין איר טואַלעט, כּדי אים בעסער צו געפעלן. אָן אינערלעכער צניעותדיגער טאַקט האָט זי דערפון צוריקגעהאַלטן, ווי פון באַגיין אַ פאַרשוועכונג פון אַ הייליגקייט. זי האָט אירע האָר ענגער צוזאַמענגעפּרעסט פון הינטן. זי האָט געהאַט אויף זיך אירע פּערל און די בריליאַנטענע אוירינגלעך, וואָס האָט זי געמאַכט יום-טובדיג אויסקוקן און האָט אונטערגעשטראָכן איר רייפע ווייבלעכקייט. אַ בינטל פיילכן איז געווען אויף איר בוזים און אַ שאַל איבער אירע נאַקעטע אַקסלען. ווען זי איז אַראָפּגעקומען, איז אַ טרויעריגקייט און אַן ערנסטע יום-טובדיגקייט געלעגן אויף איר אויסגעבלייכטן פּנים. זי האָט אויסגעזען, ווי אַ דערשראָקענע בלום.

פרענק האָט שוין געוואַרט אויף איר אין דער קליינער האַליע. ער האָט זיך דערשראָקן ביי איר אָנבליק.

— וואָס איז מיט דיר, טייערע? דו פילסט זיך נישט גוט?

— פאַרוואָס? — פרעגט זי.

— דו קוקסט-אויס אזוי בלייך.

— ס'פאלט מיר גארנישט איין. איך האב נאך קיינמאל זיך נישט געפילט אזוי גוט, ווי איצט, — שמייכלט זי, און קוקט אים אן מיט אירע שרעק-פארחלשטע אויגן, וואס עפענען זיך ברייט.

ער איז אויך געווארן ערנסט און שווייגנדיג. א געפיל פון טאקט האט אים דיקטירט נישט צו זיין צודרינגלעך צו איר מיט צערטלעכקייטן. ער האט עס אויסגעמיטן. זיי זענען געזעסן אפגערוקט איינס פון אנדערן, מער ווי אן אנדערש מאל, געהיט זיך נישט צו באגעגענען זיך מיט די בליקן, אזוי ווי זיי וואלטן געהאט אין זייערע אויגן געפערלעכע לאדונגען, וואס קאנען ברענגען צו א קאטאסטראפע דורך שטראלן-אנרירונג. ער איז אויך בלייך-געווען, און זיין אויבערשטע ווייכע ליפ האט זיך באוועגט. ער האט זי געפרעגט, אויב זי וויל נישט קיין שאמפאניער. זי האט אים אפגעענט-פערט: „נישט דא", און געהייסן דעם קעלנער שטעלן א פלאש שאמפאניער אויפן אייז און עס סערווירן מיט פרוכטן אויבן, אין דער וואוינונג, אויפן באלקאן, און פרענק האט זי מיט אן אומבאהאלפענעם גליקלעכן שמייכל באדאנקט דערפאר.

עס איז שוין געווען נאכט, אביסל קיל. זי האט ארויפ-געווארפן אויף זיך איר לייכטן פוטער, וואס פרענק האט איר ארויסגעבראכט פון שטוב. דער שאמפאניער און די פרוכטן זענען געווען סערווירט פאר זיי. א געפאנגענער ליכט-פלאם אין א גלעזערנער באנקע האט מלחמה-געהאלטן מיטן קאלטן ווינטל אין דער פארעלנדיגער טונקלקייט.

פרענק האט אנגעגאסן די גלעזער.

דער ים האט ביינאכט אויסגעזען בייזלעכער, ווי בייטאג. מען האט אים מער געהערט, ווי געזען. די רעגלמעסיגקייט פון זיין קינדיש-געזונטן אטעמען האט איצט אויפגעהערט. זיין אטעמען איז אומגעדולדיג-געווארן, געשטיגן און געפאלן. איינמאל איז ער אינגאנצן שטיל-געווען; אן אנדערש מאל האט ער א שטארקן קלאפ-געטון אין ברעג. עס האט זיך אויך

איבערן ים קיין איין האָפענונגס־פייערל פון אַ שיף נישט בע־זען, אַחוץ די אָרימע, פארצווייפלט־קעמפנדיגע צווי ים־ליכטער ביים אַריינגאַנג פון קליינעם האַפן. מ׳האָט געפילט, אַז איבּ־דרויסן, אַ שריט צען פון זיי, שטרעקט זיך אויס אַ לעבעדי־גער אומגעהויער מיט טויזנטער געפֿאַרן און פאַרצוק־נגען, און קלאַפט בייז־אָנזאָגנדיג מיט זיינע לאַפעס אויף דער טיר פון דער ערד.

פרענק איז איצט, נישט ווי ביים עסן, געווען אויסער־געוויינלעך לעבעדיג. מ׳האָט מער נישט געדאַרפט ציען ביי אים אַ וואָרט, וואָס איז אַן אנדערש מאָל געווען אַזוי שווער פון אים אַרויסצובאַקומען. צום ערשטן מאָל האָט ער גערעדט פון זיך, פון זיינע עלטערן, דערציילט וועגן זיין לעבן, וואָס ער האָט ביז איצט געהאַט אויסגעמיטן צו באַרירן. ער האָט גע־רעדט מיט אַ הומאָר, וואָס זי האָט ביז איצט ביי אים נישט געזען. ער האָט דערציילט פון זיין יוגנט, פון זיין לעבן, אָפּ־געהאַקטע, איינצלנע עפּיזאָדן. פון די אַלע צעפליקטע סצענעס, וואָס ער האָט אויפגעוואָרפן, האָט זי זיך צוזאַמענגעהאַפּטן איין גאַנצעס, צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי איבערלעבענישן, וואָס האָבן מער פון אַלץ איבערגעלאָזן אַן איינדרוק אויף איר. זיי האָבן געבילדעט ווי צוויי זיילן, אויף וועלכע עס רוט די בריק פון זיין לעבן.

איין עפּיזאָד, וואָס ער האָט דערציילט, האָט מיט אים קיין דירעקטע שייכות נישט געהאַט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין עלטער־עלטער־זיידן, דעם ערשטן מעלבאָרן, דעם גרינדער פון דער משפחה. ער איז געווען אַ פוריטאַנישער פּאַרמער, וואָס האָט צוליב רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען אויסגע־וואַנדערט פון ענגלאַנד. די פאַרם עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגן טאָג, אינם שטאַט קאָנעקטיקוט. אייגנטלעך, נישט די פאַרם, נאָר דער קליינער בית־עולם נעבן איר.

ס׳איז געווען ביי די ערשטע אַמעריקאַנער פּאַרמערס אַ מנהג צו באַגראָבן זייערע טויטע נעבן זיך, אויפן בערגל ביי דער פאַרם. שטעט זענען געלעגן ווייט, אָדער זענען בכלל

נישט געווען בנמצא אין יענער צייט. זיין משפחה היט־אָפּ דאָס קליינע בית־עולם. דאָרט ליגן די ערשטע מעלבאָרנס. אין שפּיץ פון בית־עולם ליגט דער גרינדער פון דער משפּחה, אהרן מעלבאָרן. צוויי־און־ניינציג יאָר איז ער אַלט־געווען ביי זיין טויט. נעבן אים, אין איין ריי, ליגן זיינע פיר ווייבער, איינע נאָך דער אַנדערער. דריי האָט ער באַגראָבן, די פערטע האָט אים באַגראָבן. די ערשטע דריי האָבן נישט געהאַט קיין לאַנג לעבן. זיי זענען ביים זיידן יונג געשטאָרבן. צו־שווער געאַרבעט, זעט־אויס. איינע איז געווען גאָר אַ יונגע, צוויי־און־צוואַנציג יאָר איז זי אינגאַנצן אַלט־געווען. אויף זייערע קברים הערן נישט דערמאָנט זייערע מיידלישע נעמען, נאָר בלויז „מעלבאָרן“. סאַראַ מעלבאָרן, לעאָנאָראַ מעלבאָרן און רעבעקאַ מעלבאָרן. נאָר די פערטע, וואָס האָט דעם זיידן באַגראָבן, האָט גע־יואָגט, נאָך זיין טויט, איבערצולאָזן איר מיידלישן נאָמען אויף איר מצבה. זי האָט געהייסן קירכהאָפען און האָט געשטאַמט, שרייבט זי, פון האָלאַנד.

— פון וועלכער פרוי עס ציט זיך אונזער אייגענער שטאַם, ווייסן מיר נישט. אין דער פאַמיליע־טראַדיציע ווערט קיין פרוי נישט דערמאָנט, ווי ביי ביבלישע יידן. נישט די פרוי איז דער עיקר, נאָר דער מאַן, אהרן מעלבאָרן. אפשר שטאַמען מיר אָפּ פון דער, וואָס איז יונגערהייט געשטאָרבן? איך האָב עס מיר שטענדיג געוואונטשן, נאָר איך בין זיכער, אַז מיר שטאַמען דווקא אָפּ פון דער לעצטער, פון דער קירכ־האָפען. וועגן איר קאַרגקייט און שפּאָרזאַמקייט גייען אַרום ביזן היינטיגן טאָג לעגענדעס אין דער פאַמיליע. אַז מען וויל באַצייכענען וועמען פון אונזער משפּחה, אַז ער איז אַ קאַרגער, זאָגט מען אויף אים, אַז ער שטאַמט פון די קירכהאָפענס. נאָר עס מאַכט נישט אויס. זי איז געווען פון די, וואָס האָט אָנ־געהויבן אָנצושטאָפּן דעם זאַק פון דער משפּחה מיט רענדלעך. זי האָט איבערגעלאָזט נאָך איר טויט אַן אַפּותיקא. אין איר לעבנסצייט האָט מען זי אויך געזאָלט חושד־זיין אין כּישוף־טרייבן. זי האָט געקאָנט עין־הרעס געבן מענטשן און בהמות,

ארויפֿבישופֿן רוחות און אַלע אַנדערע שוואַרצע יאָרן אויף אירע שונאים. ס'איז מיר נאָר אַ וואונדער, וואָס מען האָט זי נישט פֿאַרבערענט, אַזוי ווי די אַנדערע מכשפֿות. נאָר עס זעט־אויס, אַז זי האָט זיך געקאָנט געגן אַלץ אַן עצה־געבן. זי האָט טאַקע געזאָלט זיין אַ באַבע אַן אויסנאַם. זי האָט נישט פֿיינט־געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. דער שם פֿון איר אייגענער היימישער „וויסקי" האָט זיך דערהאַלטן אין דער טראַדיציע פֿון דער משפּחה. אַכצן קינדער האָט זי געזאָלט האָבן. און אויב איך האָב נישט קיין טעות, זענען די „צוועלף שבֿטים" פֿון דעם פֿאָלק מעלבאָרן פֿון איר אַליין. זי האָט נישט גע־דאַרפֿט האָבן קיין צוהעלפֿערינס, ווי רחל און לאה, די ווייבער פֿונם פּאַטריאַרך יעקב.

נאָר דער אייגנטלעכער גרינדער פֿון דער משפּחה מעל־באָרן, מיט וועלכן אונזער ליניע איז זיך דירעקט מתיחס, איז געוועזן אַ געוויסער יעקב מעלבאָרן, אַ באַזיצער פֿון שיפֿן אין אַ פּאָרט פֿון ניי־ענגלאַנד. איך ווייס נישט, אויב דאָס איז געוועזן אַ זון אָדער אַן אייניקל פֿון אהרן מעלבאָרן. יעדנפֿאַלס, איז ער איינער פֿון די „שבֿטים", וואָס האָט געגרינדעט אַן אייגענע מעלבאָרן־ליניע. ער איז געוועזן איינער פֿון די ערשטע שיפֿן־באַזיצער, וועלכע האָבן אַרויסגעשיקט זייערע שיפֿן צו טראַנספּאָרטירן נעגער־שקלאַפֿן. דאָס האָט אים אָבער נישט גע־שאַדט צו זיין איינער פֿון די סאַמע אייפֿריגסטע קירכן־זאָרגער פֿון זיין שטאָט. ער איז געווען אַ גאַנצער גבאי אין דער פּרעסביטעריאַנישער קירך. זיין נאָמען שטייט נאָך היינט אויס־געקריצט מיט גאָלדענע אותיות אין דער אין קאָלאָניאַלן סטיל אויסגעבויטער קירך, אין אַ האַפֿן פֿון ניי־ענגלאַנד — אַז דאָס איז דער יעניגער, וואָס האָט אויף זיינע אייגענע קאָסטן גע־לאָזט באַנייען דעם טורעם פֿון דער קירך, ווען אַ גרויסער שטורמווינט האָט אים אַראָפּגעריסן. איך קען אים זען, דעם־דאָזיגן יעקב מעלבאָרן, דעם פּראָטאָטיפּ פֿון מיין פֿאָטער, אין זיין לענגלעך־קנאָכיגער געשטאַלט ווי ער קוקט־אַרויס פֿון זיין הויז, באַלאָדן מיט עקזעמפּליאַרן פֿון דער הייליגער ביבל.

װעלכע ער פירט מיט אויף זיין שיף, װאָס גייט-אַרויס אין ים, צו ברענגען נעגער-שקלאַפן.

אין דער צייט פון דער רעװאָלוציע, װען די ענגלענדער האָבן באַזעצט די פּאָרטן פון ניי-ענגלאַנד, איז ער אַװעק אויף דרום, קיין װירדשיניע. דאָרט ערשט האָט ער זיין האַנדל מיט נעגער-שקלאַפן אָנגעהויבן צו טרייבן מיט אַ ברייטער האַנט. איך קאָן אים זען, װי ער שטייט, מיט דער ביבל אונטערן אָרעם, אויפן דעק פון זיין שיף, און גיט באַפעלן צו די מאַטראָזן, װי אַזוי צו פאַרשפּאַרן אין תּפיסה די נעגער-שקלאַפן, אָדער װי ער שיקט-אַרויס בלוט-הינט נאָך אַנטלאָפענע שקלאַפן.

אויף דער עלטער איז ער צוריקגעקומען קיין ניי-ענגלאַנד פון װירדזשיניע, מיט פּאַר יענער צייט אַן אומגעהערטן פאַרמעגן.

פון דאַמאָלסט-אָן הייבט זיך אָן דער װאוילשטאַנד אין אונזער משפּחה. דעם האַנדל מיט די נעגערס האָט ער אָבער נישט אויפגעגעבן. ער האָט געשיקט זיינע שיפן נאָך שקלאַפן, כאָטש אַליין איז ער שוין מער נישט מיטגעפאָרן. ער האָט זיך פאַרנומען מיט דער קירך און האָט אויסגעהאַלטן לערן-אַנשטאַלטן. זיינע קינדער האָט ער געלאָזט שטודירן. פון דאַמאָלסט-אָן הייבט זיך אָן די געלערנטקייט אין אונזער משפּחה.

שפּעטער האָט פרענק דערציילט װעגן זיין פאָטער. ער האָט פאַר זיינע עלטערן, װי פאַר זיינע זיידעס, נישט פאַרמאָגט קיין איבעריג װאַרים געפיל. דער פאָטער זיינער איז געװען אַ פּראָפעסאָר אין ניי-ענגלאַנד (די ליניע פון געלערנטקייט ציט זיך אָן איבערייס): פון פילאָלאָגיע, אַלטע שפּראַכן, ליטעראַטורן, גריכישע פילאָזאָפיע. אַריסטאָטעלעס איז געװען דער אָפּגאָט ביי אים. די גריכישע קולטור האָט געהאַט ביי אים אויף אַזויפיל אַ װערט, אויף װיפיל ער האָט געקענט פון איר צואָפּ-נעמען אַ משל אויף „גאָטס אייגן לאַנד", אַמעריקע. די אַמע-

ריקאַנער קאָנסטיטוציע איז — נאָך דער ביבל — אַן אַנטפּלעקונג פֿון גאָט, געגעבן אויפֿן באַרג סיני. גיכער קאָן די וועלט אונ־טערגיין, איידער עס זאָל פֿון איר אַן אות געענדערט־ווערן. ער איז געווען אַ געטרייער נאָכפֿאָלגער פֿון די מעלבאָ־נס און קירכהאָפֿענס. ער האָט, אַפּנים, אויסגעזען ווי יענער — טרוקן, ווי די פּריטאַנישע קירך ביים זונטאָג געבעט.

— זינט כ׳בין אָפּגעטראָטן פֿון דעם וועג, וואָס עס האָבן אָנגעצייכנט פֿאַר מיר מיינע אבות, דאָס הייסט, צו ווידמען זיך דעם פּראָפֿעכאָרישן באַרוף, וואָס איז די טראַדיציע אין אונזער משפּחה, און זיך אַריינגעלאָזט אין דער געפֿערלעכער אַוואַנטורע פֿון שרייבעריי, צו וועלכער איך וויל זיך ווידמען, האָט מיין פֿאָטער מער מיט מיר נישט פֿאַרקערט. ער האָט מיך באַטראַכט פֿאַר אַ פֿאַררעטער. ער האָט גערעדט נאָר דאָס נויטיגע. אַזוי האָבן מיר געקאָנט אָפּזיצן שעהן־לאַנג. גאַנצע אָוונטן, ביים אויוון, און רייכערן פּיפּקעס... און שווייגן, ווען איך בין געווען אַמאָל אינדערהיים, און געזעסן אין סאַלאָן, אין סילווערטאָן, אויפֿן וואַלף־בערגל, וואו אונזער הויז שטייט אין איינזאַמקייט. טיילמאָל, ווען איך האָב אים אָנגעקוקט פֿון דער זייט און געזען זיין אייזן־געשניצטן פּראָפֿיל, איבערגעצויגן מיט אַ גערונצלטער, רויטלעכער הויט, אָפּגעהיט פֿון יעדן פֿאַרפּירע־רישן פֿאַרזוך דורך פֿון אים אַליין געשמידטע קייטן, אַזוי זיכער אין זיך, ווי גאָט וואָלט געלייגן אַ געבונדענער איינגעשלאָסן אין „סעיף״ פֿון זיין קאָנסערוואַטיווער באַנק (וועלכע פֿאַרוואַל־טעט זינט דורות מיט אונזער פֿאַרמעגן); ווען איך האָב געזען, ווי ער זיצט און בראָקט אין זיין ליולקע אַריין, האָב איך געהאַט דאָס געפֿיל, אַז נישט אַ מענטש זיצט דאָ, וועמענס בלוט ס׳פֿליסט אין מיינע אָדערן, נאָר עפּעס אַ באַגריף פֿאַר־שטיינערט אין הויט־און־ביין, אַ בלינדער וועכטער, וואָס מ׳האָט צוועקגעזעצט צו היטן אַ הוילן רוים, און ער מיינט, אַז ער באַוואַכט אַ פּאַלאַץ מיט אוצרות... ער לעבט שוין נישט מער. פֿאַראַיאָרן געשטאָרבן. צוואַנציג יאָר האָט ער געטראָגן אַ גע־שוויר אין מאָגן, און ער האָט קיינעם דערפֿון נישט געזאָגט

קיין וואָרט. די דאָקטוירים האָבן זיך דערנאָך געוואונדערט, ווי אַזוי ער האָט געקאָנט איבערטראָגן די יסורים...

די מוטער איז די הערשערין פון סילווערטאָן, דעם אוניווערסיטעטס-שטעטל. עס ציטערן פאַר איר אַלע, אָנגעהויבן פונם סעקרעטאַר פון אוניווערסיטעט, ביז צום פּשוטן דינער. אַלעמען קאָן זי האַלטן אין צוים, פון די רעפּובליקאַנישע „פּאָליטישענס", ביז צו די גלחים פון דער פּרעסביטעריאַנישער קירך, צו וועלכער זי באַלאַנגט. זי איז אַ טאָכטער פון אַ מיליאָנער. איר פאָטער האָט איבערגעלאָזט גרויסע פאָנדן פאַרן אוניווערסיטעט, פאַרן שפּיטאָל, פאַר דער קירך, און ער האָט זי געמאַכט פאַרן אַפּוטרופּוס איבער זיי. האָט די גאַנצע שטאָט מורא פאַר איר. זי האָט מער צו זאָגן ביים באַשטימען פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעט, ווי דער רעקטאָר מיטן גאַנצן קאָלעגיום צוזאַמען. זי זעצט אַריין די דאָקטוירים אין שפּיטאָל און גיט איר הסכמה אויפן גלח, וואָס זאָל ביי דער-און-דער פייערלעכקייט אָפּהאַלטן די גאָט-דינכט. אין אַלעם האָט זי אַ האַנט, אין אַלעם מישט זי זיך. פונוואַנען זי האָט אַזוי פיל צייט און ווי זי קאָן דאָס אַלץ אויסריכטן, ווייסט איין גאָט. עס ווערט ניט גערירט קיין איין האָר אין סילווערטאָן אָן איר. אַלץ האָט מורא פאַר איר, און אַלץ חנפעט זי, מאַכט איר קאָמפּלימענטן און ליגט פאַר אירע פיס, ווי פאַר אַ געצין. דער רעקטאָר איז זיך מיישב מיט איר איבער יעדער ענדערונג אין אוניווערסיטעט. זי זוכטאויס די פסוקים פון דער ביבל, אויף וועלכע דער גלח זאָל זונטאָג בויען זיין פּרעדיג. מ'האָט מורא זיך צו טרעפן מיט איר אויג-אויף-אויג, טאָמער וועט זי וואַרפן אַן אומחן. זי האָט שוין צענדליגער אינסטיטוציעס, יאָ נייטיגע, נישט נייטיגע, אַרויסגערופן צום לעבן אין שטעטל. לעצטנס האָט זי באַשטימט אַ גרויסע סומע געלט פאַר אַן אויסבעסערונגס-היים פאַר אומפאַרהייראַטע מוטערס, וואו זיי זאָלן קאָנען, אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטוירים און פלעגערינס, געבוירן זייערע אומלעגאַלע קינדער, אויפהאַלטן זיך דערנאָך אין דער „היים" און זיך אויסלערנען אַ באַשעפטיגונג. דאָס אומגליק איז אָבער,

וואָס עס באַווייזן זיך נישט אין דער „היים“ קיין קאַנדידאַטקעס. סילוועסטאָן איז אַזוי אויסגערייניגט פון זינד, אַז עס געפינען זיך דאָרט נישט קיין אומפאַרהייראַטע מוטערס, אָדער זיי האָבן זיך פון די לעגאַל-פאַרהייראַטע פרויען איינגעלערנט די קונסט פון נישט געבוירן. איר פאַרדרוס איז נאָר, וואָס זי קאָן נישט אויפווייזן, אַז אירע עלטערן האָבן גענומען אָנטייל אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערער מלחמה, כדי זי זאָל קאָנען באַלאַנגען צום „פאַרבאַנד פון די טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע“. וויפיל די פּראָפעסאָרן זוכן נישט אין די ביבליאָטעקן דאָקומענטן, קאָנען זיי גאָרנישט מאַכן. איר פאָטער איז געקומען פון שוועדן שפּעט אין פריערדיגן דור און האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס מעכאַניקער אין אַ טעקסטיל-פאַבריק. ער איז דערנאָך געוואָרן איינער פון די גרעסטע טעקסטיל-פאַבריקאַנטן. האַלט זי איצט אין שאַפן אַן אייגענע פּאַטריאָטישע פרויען-אָרגאַניזאַציע אונטער איר מאַכט און רשות.

ע״, פרענק, איז געוועזן ביז אין די אוניווערסיטעטס-יאָרן אינגאַנצן אונטער איר מאַכט און רשות. זי האָט אים געקנאָטן, ווי מען קנעט אַ שטיקל קיט. זי האָט פאַר אים באַשטימט אַלץ אין פאָרויס. נישט נאָר זיין עסן און קליידן זיך, נאָר אויך זיין וועלט-אָנשויאונג, זיין פּראָפעסיע — אַלץ האָט זי פאַר אים באַשטימט.

ער האָט אָבער מיט דער מוטער אינגאַנצן אָפּגעשניטן אין צייט פון דער מלחמה. עס איז געווען אַזוי:

ווען אַמעריקע איז אַריין אין קריג, האָט ער, פרענק, זיך דאַמאָלסט געפונען אויפן ערשטן יאָרגאַנג אין אוניווערסיטעט. אויף צוגענומען צו ווערן אין מיליטער איז ער נאָך געווען צו יינג. דער איינציגער וועג. ווי אַזוי צו דינען דעם פאָטערלאַנד, איז געווען זיך איינשרייבן פרייוויליג. און ער האָט אויך נישט געטראַכט אַנדערש צו טון.

אין אָנהייב, אַזוי ווי דער באַשלוס וועגן קריג איז נאָר אָנגענומען-געוואָרן אין קאָנגרעס, האָט ער געהאַט בדעה זיך צו מעלדן פרייוויליג. אויס געוואוינהייט, האָט ער צוערשט

בעגעבן צו וויסן דערפון נישט דעם פאָטער, נאָר דער מוטער. ער איז דאַמאָלסט געווען גענוג נישט צו טון קיין שריט אָן דער מוטערס הסכמה. ער האָט געמיינט, אַז די מוטער וועט זיך אַנטקעגנשטעלן, אים אָפּרעדן. ער איז דאָך דאָס איינציגע קינד. ער וועט דאַרפן זיין ווילן ערשט אויסקעמפן, און ער האָט זיך צוגעגרייט דערצו. אָנשטאָט טרערן, האָט ער אָבער געפונען אין דער מוטערס אויגן אַ פּ־יידיגן גלאַנץ, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט וועגן האַלטן אַן עקזאַמען און ווייטער באַרנישט. מיט ברכות באַגלייט, האָט זי אים צוגערעדט צום דאָזיגן שריט. ער האָט זיך געוואונדערט. עס איז אים אָבער נאָך גאָרנישט אויפגעפאַלן. אָבער דעמזעלבן טאָג נאָך, איידער ער האָט דורכגעפירט זיין באַשלוס, האָט זיין מוטער געהאַט גרויס באַזוך, אַ טיי־„פּאַרטי". דאָס גאַנצע ווייבערשע „קאָלעגיום" און פרויען פון אַנדערע פּני, דער גלח פון דער קירך, דר. פּרעסבער, מיט דער עלעגאַנט־געשניצטער פיגור, ווי שטענדיג, אינמיטן. דאָס איז געווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער ערשטער „שטריק־געזעלשאַפט" פון סילווערטאָן, צו שטריקן סוועטערס און זאָקן פאַר די „באָיס".

— דער דינער, — דערציילט פרענק, — ריפט מיך פון מיין צימער צו דער „פּאַרטי". מען נעמט מיך אויף מיט הענט־פּאַטשעריי, ווי אַ העלד. אַלע קוקן מיך אָן מיט שטראַלנדיגע אויגן. איינע באַרימט זיך, אַז איר באַי פּאַרט איבערן ים מיטן ערשטן טראַנספּאָרט סאָלדאַטן. די צווייטע — אַז אירער איז שוין אין פעלד. אַנגיסנדיג מיר דאָס טעצל טיי, רופט זיך אָן מיין מוטער שטאָלץ:

— איך באַדויער נאָר, וואָס כ׳האָב בלויז איינעם צו געבן דעם פאָטערלאַנד, נישט פינף.

מיט אַמאָל ווערט מיר ענג אין האַלז, און איך קלער מיר: „דאָס זענען די מוטערס! גאָט, גאָט! אין וואָס פאַר אַ וועלט לעבן מיר!" כ׳האָב מקנא־געווען אין דעם מאָמענט דעם אָרימסטן איטאַליענער פּרעסער־ייִנגל, אָדער יידישן שניידער־ייִנגל. איך בין געווען זיכער, אַז זייערע מוטערס ליבן איצט

אינדערהיים, זיי שלאָגן דעם קאָפּ אָן דער וואַנט. רייסן זיך די האָר און האַלטן פעסט ביי זיך זייערע קינדער. זיי פּראָטעס-טירן, זיי שרייען געגן דעם, וואָס מען שיקט זייערע קינדער צום שעכטן. און דאָ פרייען זיי זיך און „באַדויערן, וואָס זיי האָבן נישט פינף, נאָר בלויז איינעם" צו שיקן אין שלאַכט-הויז אַריין. איך האָב מיט אַמאָל דערזען די גאַנצע היפּאָקריט-סטווע, די פאַרשטיינערטקייט פון זייערע הערצער, וואָס איז שוין געוואָרן זייער אייגענע נאַטור. מיין מוטער פריידט זיך, וואָס איך גיי אָוועקגעבן מיין יינג לעבן.

— ניין, ניין! — האָב איך אויסגעשריגן. — איך גיי נישט פרייוויליג! איך וועל וואַרטן, ביז זיי וועלן קומען מיך נעמען, ווען עס וועט קומען מיין צייט. און דאַמאָלסט, אַז איך וועל קאָנען, וועל איך זיך אויסבאַהאַלטן. וואָס מיינט איר, — האָב איך אויסגעשריגן, — מלחמה איז אַ פּיקניק, אויף וועלכן מען גייט פרייוויליג?! דאָס פאַלט מיר גאָרנישט איין.

דו קענסט דיר פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך דאָרט אָפּ-געטון? איך ווייס נישט, איך האָב באַלד פאַרלאָזט דעם זאַל. נאָר פון מיין פענסטער האָב איך געזען, ווי די אויטאָמאָבילן פאַר דער טיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיטן פולן רויך, איינער נאָכן אַנדערן. פון דאַמאָלסט-אָן האָבן זיי אין מיר אַ קינד פאַרלוירן, און איך אין זיי—עלטערן. מען האָט מיך, פאַרשטייט זיך, אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען, ווי אַן אָפּטריניגן, ווי אַן אַרויס-געפאַלענעם. איך בין ווייניג געווען אין הויז. איך בין זיכער, אַז ווען נישט די ירושה פון זיידן, וואָס מען קאָן ביי מיר נישט אַוועקנעמען, וואָלטן זיי מיך געוויס געלאָזט פאַרהונגערן. איך זע מיין מוטער (און פריער אויך מיין פאָטער) זעלטן, און יעדעס מאָל גייען מיר זיך פונאַנדער אין אַ קריג.

דער צווייטער עפּיזאָד פון זיין לעבן, וואָס האָט אויף עמיליען געמאַכט אַן איינדרוק, האָט זיך אָפּגעשפּילט אין זיינע

שפּעטערדיגע קאָלעדזש־יאָרן, ווען ער האָט פאַרלאָזט זײַנע עלטערן.

אײַגנטלעך, איז עס געווען אַ נאַרישע געשיכטע, וואָס טרעפט, טאָג־טעגלעך, אַ קינדער־שפּיל. דאָך האָט זיך פרענק אַביסל ושעניִרט ביים דערציילן עס. זיין שטימע האָט דערבײַ מער געציטערט, און בײַ זיין גאַנצן לאַכן און זיך לוסטיגמאַכן איבער דעם, האָט מען געהערט, ווי דאָס שטעכט אים נאָך, ווי אַ נאָדל, אין זיין לעבעדיג פלייש.

— עס לוינט זיך, אײַגנטלעך, גאָרנישט צו דערציילן, — זאָגט ער. — די מעשה איז אַזוי נאַריש, אַז כ'ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם. נאָך אַלעמען, האָט זי פאָרט איבערגעלאָזט אויף מיר אַ שטאַרקן אײַנדרוק. און איך מוז זאָגן, אַז ווי זי זאָל נישט זיין אָן באַדײַטונג, האָט זי אָבער געהאַט אַן אײַנפלוס אויף מיין לעבן און פירן־זיך.

איך האָב זיך שפּעטער געפונען אין אַן אוניווערסיטעטשטאָט, אין דער וועסט. מײַנע עלטערן האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל זיין וואָס ווייטער פון זיי, נאָך דעם סקאַנדאַל, וואָס איך האָב זיי אָפּגעשפּילט מיט דער מלחמה, זיי האָבן זיך געשעמט פאַר באַקאַנטע און פריינט מיך צו האַלטן אינדערהיים. אַלץ איז געווען אין קריג, אַלץ וואָס האָט אַ נאָמען. איך האָב געוואַרט עקשנותדיג, ביז מען וועט מיך נעמען. זיי האָבן מיך אַוועקגעשיקט, און איך בין גערן געגאַנגען. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט מערי יאָנג. איך בין זיך מודה, אַז איך בין געווען אַביסל פאַרליבט אין איר. דאָס איז געווען מיין ערשטע ליבע און מיין ערשטע דערפאַרונג, אַזוי צו זאָגן, אַרײַנצוגיין אין לעבן. מערי יאָנג איז די טאָכטער פון פּראָפעסאָר אַלבערט יאָנג, דעם באַרימטן נאַטור־וויסנשאַפטלער. איך האָב דאַמאָלסט געאַרבעט בײַ אים. ער האָט מיך זייער גערן־געהאַט און געטראַכט מיך צו נעמען פאַר זיין אַסיסטענט, נאָכדעם ווי איך וועל האָבן פאַרענדיגט דאָס שטודיום. איך פלעג אַרײַנקומען צו אים אין הויז. מיסיס יאָנג איז געווען

זייער גוט צו מיר, האָט מיך זייער גערן געזען. נאָך מער אָבער מיס מערי. מיס מערי איז ערשט נאָר-וואָס צוריקגעקומען פון אַ פּאַנסיאָן אין דרום. אַריסטאָקראַטישע מאַניערן. ווייסע, ווי צו האַלטן דאָס טעצל ביים טיי, און צו שפּילן מיט די מאַניקירטע פינגער. אַ פּיעשטשנדיג געזאַנגל ביים רעדן, אַ דרומדיגע אויסשפּראַך, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל נישט פאַר-ענדיגן אַ וואָרט מיט דער לעצטער זילבע. בלאָנד. שמאָל. דין — סאַלאַט און אייז-קרעם. אַ פּנימל אַ צוזאַמענומיש פון מאַלע-רייען פון באָטיטשעלי און פראַ אַנזשעליקאָ. אויגן, וואָס האַלטן זיך אין איין פרומען פאַרגלאָצן. אַ זינדיג ליידנשאַפט-נאָגנ-דיג מיילכל, ווי אַ ציצל, וואָס מען גיט אַ קינד אין מויל אַריין. נאַריש ווי אַ שעפּס, שיין ווי אַ ציקעלע, און כיטרע און שלעכט, ווי אַ קעצל. יאָ, הינט און קעץ זענען אירע פריינט. וואו נאָר זי טרעפט זיי, אינמיטן גאַס, אויף די טראָ-טואַרן, שטעלט זי זיך אָפּ און גלעט זיי, און באַלד מיטן שנעבעלע אינם הונטס און קאַצס מיילעכל; מעג עס זיין ווי שמוציג. וואָס האָב איך געוואוסט פון ליבע? און יאָ, אָפּן גערעדט, האָב איך געקלערט וועגן חתונה-האָבן. דאָס הויז איז מיר געווען מער געפעלן, ווי די כּלה, דער גוטער בראָ-פּעסאָר יאָנג, וועלכער האָט זיך מיט מיר זייער אינטערעסירט, האָט געהאַט וואָרשיינלעך, מער סימפּאַטיעס צו מיין אָפּשטאַם, ווי צו מיר פּערזענלעך. און די ליבע מר. יאָנג, מוטעריש און שטענדיג ליב און וואַרים. די קליינע האָט זיך געפּיעשטשעט, ווי אַ קעצל, אי מיט איר זינגענדיג שטימעלע, אי מיט אירע גלאָצע-דיגע אייגעלעך און מיט איר זינדיג, ליידנשאַפטלעך מיילעכל, פון וועלכן זי האָט נישט פאַרגעסן אַרויסצושטעקן יעדעס מאָל דאָס רויטע צינגל פון צווישן די ווייסע ציינדלעך, אי מיט אירע היהשע, אויסגעאיידלטע לאַנגע פיס. פיס האָט זי ווירקלעך געהאַט שיינע, און זי האָט נישט פאַרגעסן מיט זיי צו שפּילן מער אַפילו, ווי מיט אירע אויסגעטאָקטע פינגערלעך. די עלטערן, ווי איך בין שפּעטער געוואויר-געוואָרן, האָבן געהאַט גענוג אורזאַכן צו האַלטן זי זייער שטרענג, און זי נישט אַרויסצו-

לאָזן אײנע אַלײן אויף דער גאַס. דער אײנציגער, װעמען די עלטערן האָבן זי פאַרטרויט, בין איך געװען. זײ האָבן, װאָרשײנלעך, אין דער שטיל געהאַט האָפענונגען, זײ האָבן מיך געזען זײער גערן בײ זיך אין הויז. פלעג איך אַרויסגעמען מערין אויף טײ, צום טאַנץ, אַמאָל אויך אויף אַ לענגערן פּיקניק. אינטערעסאַנט איז נישט געװען מיט איר, גאָר אַמוזאַנט. זי האָט װאונדערבאַר געטאַנצט. אַ פיגורל האָט זי געהאַט, װי אַ פײגעלע, און פיסלעך װי אַ הירשין.

מערי פלעגט אָבער צײטנװײז אַרויסגײן מיט עמעצן אַנדערש, און פלעגט מיך באַניצן פאַר אַ דעק-שילד פאַר אירע שטרענגע עלטערן. צוערשט האָב איך נישט געװאוסט דערפון. שפּעטער פלעגט זי מיר אַלײן זאָגן, און דערבײ אַזוי כּשרדיג פאַרגלאָצן די אויגן און אַזוי זינגען מיט איר קולעכל, אַז איך, אידיאָט, בין לײכט אײנגעגאַנגען דערויף, נישט זעענדיג אין דעם קײן שלעכטס.

זי פלעגט צו מיר אָפט קומען מיט פאָלגנדעס:

— טײערער פרענק, — און דערבײ זיך שפּילן מיט אירע פינגערלעך מיט אַ קנאָפּ פון מײן װעסט, — זאָג נישט מײנע עלטערן, אַז מיר האָבן זיך נעכטן נישט געזען. זעסטו, עס איז אַזוי: כ׳האָב געהאַט אַ ראַנדעװאו מיט אַ חברטע, מיט דזשעני מאַרטין, צו טרינקען צוזאַמען טײ. מײנע עלטערן האָבן זי נישט ליב. איך װײס נישט, װאָס זײ האָבן געגן איר. איך האָב דאָך נישט געקאָנט ברעכן מײן ראַנדעװאו, האָב איך באַנוצט דײן נאָמען. כ׳האָב געזאָגט מײנע עלטערן, אַז איך גײ מיט דיר אַרויס. דו װײסט, מיט דיר מעג איך אַלץ טון — האָט זי געזאָגט און דערבײ מיר געשאָנקען אַזאַ פאַרפירערישן בליק. כ׳האָב אין דעם נישט געזען קײן שלעכטס, איך האָב גאָרנישט געזאָגט.

דאָס האָט געטראָפן אַ פּאָר מאָל. אײנמאָל, ס׳איז געװען באָענט פאַר אונזערע תּנאים, באַשטעל איך זיך מיט איר אַרויסצופאָרן צוזאַמען הינטער דער שטאָט אין אַ קאָלאָניע, מיט אַנדערע ײנגלעך און מײדלעך, אויף אַ פּיקניק. מיט אַ

פאַר שעת פריער, איידער מיר האָבן זיך באַדאַרפט טרעפן, קלינגט זי מיר, אַז זי באַדויערט, וואָס זי קאָן נישט גיין. זי האָט, — זאָגט זי, — אַ קאָפּ-ווייטאָג. זי איז פאַרנומען זי איז קראַנק — אַלץ צוזאַמען. און זי פאַרלאַנגט פון מיר דורכאויס, אַז איך זאָל אויך נישט גיין. און דערביי פּיעש-טשעט זי זיך מיט איר קולעכל דורך דעם טעלעפאָן און באַנוצט אַלע חנדלעך, אַלע ליבע-אַנצוהערעניש, אַבי נאָר פון מיר אַרויסצובאַקומען דעם צוזאָג. צוגעזאָגט האָב איך איר נישט. איך האָב איר נאָר געזאָגט, אַז איך וועל מסתמא נישט גיין, ווייל איך האָב נישט קיין פּאַרטנערין. שפּעטער אָבער האָט זיך מיר יאָ געגלוסט צו גיין. די „באָיס" פון דער קאָמפּאַניע האָבן מיך צוגערעדט. עס האָט זיך געשאַפן אַ צווייטע פּאַרטיע. זיי האָבן אָנגעקלונגען צו די מיידלעך, געקראָגן פאַר מיר אַ פּאַרטנערין, און מיר זענען אַרויסגעפאָרן מיט אַ שפּעטערדיגער באַן. שטעל דיר פאָר. כ'קום-אַרויס אין קאָלאָניע און געפין דאָרט מיין מלאכל מיטן כשרן פּנימל אויפן גראָז מיט אַן אַנדערן באָי, מיט ריקין.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעג איך זי.

— אָ-ן-אָ, — זינגט זי אויס דעם „אָ" מיט אַ טרילן, — איך האָב, זעסטו, שפּעטער געענדערט מיין באַשלוס. עס איז מיר געוואָרן בעסער. כ'האָב געוואָלט מיטקומען. איך האָב דיר אָנגעקלונגען, דו ביסט שוין נישט געווען. האָב איך געבעטן ריקין, האָט מיך ריקי אַרויסגענומען. נישט וואָר, ריקי? — ווענדט זי זיך צו ריקי דיוויס.

דער גוטער, דיקער ריקי ווערט רויט, בלאַס. אָבער ריקי האָט אַ צו-ערלעכע נשמה.

— ס'איז נישט אמת, מערי! דו האָסט זיך נעכטן מיט מיר באַשטעלט אַרויסצופאָרן צוזאַמען.

— נעכטן? — פרעג איך אים.

— יעס, פרענק, נעכטן, — ענטפערט מיר ריקי.

אַז איך נעם עס נישט מיין מלאכל איבער די קני, און הויב-אויף די קליידלעך, און אויפן ווייכסטן אָרט, פאַר אַלע

באַיס אין די אויגן, אַריינגעהאַקט, וויפיל עס האָט זיך נאָר בעלאָזט! זי האָט מיך געביסן אין די קני, מיך מיט איר מלאבדיג, זינגענדיג שטימעלע געשאָלטן. „ברוטאַל!“ — האָט זי אויסגעשריגן. איך האָב זיך גאָרנישט צוגעהערט. די באַיס האָבן מיר געגעבן רעכט, און צומיינסטן ריקי. עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר בלויז מיט אים אַליין איז זי אַרויס-געגאַנגען, נאָר מיט פּופּצן אַנדערע, הינטער מיין רוקן, און פאַר אירע עלטערן זיך שטענדיג מיט מיר באַדינט פאַר אַ שילד, זאָגנדיג, אַז זי גייט מיט מיר. פאַרשטייט זיך, אַז זי איז געווען אַ קאַלב. זי האָט באַדאַרפט וויסן, אַז סוף-כל-סוף וועל איך זיך דאָך דערוויסן. זי האָט געמיינט, אַז איך וועל עס האַלטן פאַר נאַטירלעך, אַלע טוען דאָס.

דאָס איינציגע, וואָס זי האָט געזוכט, איז גוט צו פאַר-ברענגען. איך בין זיכער, אַז זי פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס איך האָב זיך אַזוי אויפגערעגט.

— דו האָסט זי טאַקע געשלאָגן? — וואונדערט זיך עמיליע.

— אָבער ווי נאָך! די באַיס זענען געשטאַנען אַרום. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אַריינמישן. די מיידלעך האָבן געהאַט פאַראיבל, געהאַלטן מיך פאַר אַ ברוטאַלן, נאָר נישט וועגן דעם גייט עס. ווי נאַריש עס זאָל נישט זיין די גאַנצע מעשה, האָט זי אָבער דאָך איבערגעלאָזט אויף מיר אַזאַ איינדרוק, אַז איך שעם זיך דיר צו זאָגן. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל זיך שוין קיינמאָל מער נישט צורירן צו אַ פרוי. איך וויס, איך ווייס, אַז כ׳האָב געהאַט צו טון מיט אַ קאַלב. נאָר דער פאַקט אַליין, מיך צו נעמען פאַר אַ דעק-שילד, נאָך פאַר דער חתונה, נישט אָפּצוּוואַרטן, ביז כ׳וועל מיין ערשטע בחור-דורשט לעשן, האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין קאָפּ נישט וועגן זיי גייט עס, נאָר וועגן מיר. כ׳האָב אין דעם געזען, אַז איך בין נישט צוגעפּאַסט פאַרן היינטיגן דור. ס׳איז עפּעס דאָ אין מיר, וואָס מאַכט מיך פרעמד צום היינטיגן יינגן מענטש. נישט נאָר מיט די מיידלעך, נאָך אַפילו אויך מיט די באַיס קאָן איך נישט זיין קיין פריינט. ווען כ׳קום זיך צונויף מיט חברים, פיל איך זיך

איזאָלירט, אַזוי ווי כ'וואָלט געהערט צו אַן אַנדערן דור. עס איז נישטאָ קיין בשותּפותדיקס צווישן אונז. זיי האַלטן מיך פֿאַר אַן אויסנאַם און פֿאַר לעכערלעך, שוין אָפּגערעדט פֿון די מיידלעך. דידאָזיגע מעשה, ווי נאַריש זי זאָל נישט זיין, האָט מיר בעגעבן דעם פֿאָר-געשמאַק פֿון דער היינטיגער פרוי. ס'איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר איר. דאָס גאַנצע לעבן נאָר צו נעמען ווי אַ צייט-פֿאַרטרייב. פֿאַרשטייט זיך, אַז די אַנדערע פרויען מאַכן עס נישט אַזוי אָפֿן. זיי זענען נישט אַזעלכע גענז, ווי מערי יאָנג. זיי באַנוצן מער ראַפֿינירטקייט, כיטרעקייט. אַנדערע באַיס זאָגן, אַז דאָס איז דווקא דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער היינטיגער פרוי. מיך עקלט עס. איך קאָן נישט פֿאַרשטיין דעם רייץ דערפֿון. עס זעט-אויס, אַז איך בין נישט אויף מיין ריכטיגן פּלאַץ. איך שטיי אויף אַ גרענעץ צווישן צוויי עפּאָכעס. די מלחמה האָט מיך געטראָפֿן אינמיטן פֿון מיין אַנטוויקלונג. איך האָב דאָס געפֿיל, אַז איך שטיי מיט איין פֿוס אין דער פֿאַרמלחמהדיגער צייט און מיטן צווייטן אין דער נאָכמלחמהדיגער צייט, און איך געהער נישט אַהין און געהער נישט אַהער. ביי איך האָב דיך באַגעגנט, טייערע. איצט האָב איך זיך אינגאַנצן געפֿונען. איך בין צוריקגעלאָפֿן די גרענעץ. איך באַלאַנג אינגאַנצן צו דיר און צו דיין דור.

## קאפיטל 11

# די אומגעזעענע שווערד

זי איז געזעסן און האָט זיך צוגעהערט צו זיינע ווער-טער אין דער טונקלקייט. דאָס אומרעגלמעסיגע קלאַפּן פון די ים-וועלן אויפן ברעג האָט דענערווירט און אָנגערעגט. עס איז געווען, ווי אַ מאָנען... צוליב דעם, וואָס די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע און אַ שווערע, און מען האָט דעם ים נישט אָנגעזען, נישט אַפילו קיין גלאַנץ פון אים. נאָר געפילט זיין ממשותדיגקייט, האָט דאָס אומהיימלעכע קלאַפּן זיינס נאָך מער באַאומרואיגט. מען האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז עס איז אַ לעבעדיק וועזן. אַן אויסטערלישע חיה, וואָס קלאַפּט אומ-געדולדיג אויף דער טיר פון דער ערד און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זי אַרויסלאָזן אויף דער טריקעניש. אין דער דיקער טונקלקייט האָט זי פּרענקן אויך נישט געזען, זי האָט נאָר ביים קאַרגן ליכט, וואָס האָט, ווי אַ טראָפּן אין אַ ים פינ-סטערניש. זיך געראַנגלט פאַר זיין לעבן, באַמערקט זיין סילועט. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז איר געגנאיבער זיצט אויף אַ ים, וואָס קלאַפּט-אָן אויף די ברעגעס פון לעבן און מאָנט, אַז מען זאָל אים אַריינלאָזן.

זי האָט זיך אָנגערופן:

— צי קאָן מען אַריבערלויפן גרענעצן? קאָן מען זיך אַרויסרייסן פון דער סביבה, אין וועלכער מיר זענען אַריינ-

געוועבט מיט טויזנטער געזעענע און אומגעזעענע פעדים, און אויסזוכן זיך צייטן און עפּאָכעס און זאָגן: דאָ וויל איך לעבן? זענען מיר נישט ווי געפאַנגענע, צוגעשמידט מיט אומגעזעענע קייטן צו אונזער צייט און צו אונזער אוממיטלבאַרער אומגעבונג, וועלכע איז אַרום אונז? אָט נעם מיך למשל, איך וואָלט געוואָלט אַריבערשפּרייזן די גרענעץ אויף דער צווייטער זייט, אויף דער גאַנץ-מלחמהדיגער צייט. איך רייס מיך פון מיין דור, פון מיין אוממיטלבאַרער סביבה און קאָן זיך נישט באַפרייען. און כ׳וועל דיר עפּעס פאַרטרויען: עס לעבן אין מיר קוים-געאַנטע באַגריפן, וואָס האָבן גאָרנישט קיין דירעקטע שייכות מיט מיין היינטיגן אוממיטלבאַרן לעבן, זיי באַלאַנגען צו פאַרבאָרגענע פאַרגאַנגענהייטן, און דאָך באַאיינפלוסן זיי מיך, האַלטן אין שפּאַן. איבעריגנס, שפּילט נאָך עפּעס ביי מיר מיט. דו האָסט דערציילט פון דיינע זיידעס, אויך איך האָב זיידעס געהאַט: איבערהויפּט איינעם. וואָס עס איז שוין נישטאָ אין דער ערד קיין זכר פון אים, און דאָך, פון קבר אַרויס, ווירקט זיין כישוף אויף מיר. איך האָב מורא פאַר אים, ער פאַרלאַנגט אַ משפּט פאַר מיינע מעשים. טיילמאָל גליסט זיך מיר צו טון עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל ווי מיט אַ שאַרף מעסער איבערשניידן אַלע שנורן, וואָס פאַרבינדן מיך מיט פאַרגאַנגענהייטן, מיט אַרומיגער סביבה. מיט אָנגענומענע מנהגים. און אָנהייבן פון זיך אַליין, טון וואָס איך וויל. וויפיל מאָל האָב איך עס געפּרואווט טון, און עס גייט נישט. ווי אַ קללה ליגט די ירושה. קאָנסטו זיך באַפרייען פון איר, פרענק?

— איך רייס זיך פון איר. איך רייס זיך. טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט זיך אין מיינע הענט, טיילמאָל גיישט. זאָבער נישט וועגן מיר וויל איך רעדן. איך האָב שוין גענוג וועגן זיך געפּלוידערט. וואָס איז מיט דיר, עמיליע? דו ביסט אַזוי אויפגערעגט. כ׳האָב נאָך קיינמאָל דיך נישט געזען אַזוי. האָב איך דיך דענערווירט מיט מיין דערציילן? איך באַדויער זייער.

— נײן, טײערער. נאָר דאָס, וואָס דו האָסט דערצײלט, האָט מיך אַלײן דערמאָנט אָן מײנע אײגענע שטערונגען. אויך איך רײס זיך פון מײן דור, פון מײן משפחה. איך רײס זיך דאָס גאַנצע לעבן און קאָן זיך נישט אַרויסרײסן. פאַרוואָס, מײנסטו, האָב איך אָפּגעפּײַנטיקט אַ לעבן-לאַנג, אַכצן-נײַנצן יאָר, מיט אַ מאַן, װעמען איך האָב טיף אין מיר פײנט-געהאַט, געדולדעט אַלץ, װאָס ער האָט געבראַכט איבער מיר, נישט מער װי צוליב אַ װאָרט, געוואָרפן פון אַ פרעמדן אינדיווידיאום, כאָטש אַ פאָטער: „נישט צו טון אַזעלכעס, װאָס זאָל מקצר-זײן זײנע טעג".

— כ'בין געװען הײנט בײם אַדוואָקאַט װעגן ענין פון גט. איך האָב אַן אַדרעס צו אַן אַמעריקאַנישן אַדוואָקאַט אין פּאַריז, װעלכער גיט זיך אָפּ מיט גטן, — זאָגט פלוצים פרענק.

— ביסט געװען בײ אַן אַדוואָקאַט? — פרעגט זי פאַרוואונדערט.

— יאָ, טײערע, דענקסטו נישט, אַז איך האָב גוט געטון? ביסטו נישט רײף דערפאַר?

— געװיס, געװיס, פרענק. איך װעל מיט דיר פאָרן קײן פּאַריז, װען מען װעט דאַרפן. נאָר, פרענק —

— װאָס „נאָר"? — פרעגט פרענק אין שרעק.

— אַך, גאָרנישט, נאַרישקײטן, שטערונגען, װעלכע מען װעט דאַרפן בײקומען.

— װאָס איז, עמיליע? זאָג מיר. איך גלויב, אַז עס װעט דיר זײן לײכט בײצוקומען די שטערונגען, װען דו װעסט מיר אַלצדינג פאַרטרויען.

— ס'איז נישטאָ גאָרנישט װאָס צו פאַרטרויען. דאָס נאַרישע װאָרט, װאָס איך האָב געגעבן דעם טאַטן, שטערט נאָך נאָך זײן טויט. און נאָך עפּעס, זײער מערקווירדיגעס, אומפאַרשטענדלעכעס.

— װאָס איז, טײערע? דו האָסט עפּעס דערמאָנט אַ פּערזענלעכקײט פון דער פאַרגאַנגענהײט פון דײן פאַמיליע. װאָס איז? דערצײל מיר.

— נישט קיין וויכטיגס, פּרענק. רעשכן פּין קינדערשער־שרעק. משפּחה־מעשיות. איך האָב שוין לאַנג אָן דעם פאַרגעסן. דע־מאָנסט זיך, ווי דו האָסט דערציילט וועגן דיין זיידן אהרן מעלבאָרן? ביי מיר איז אויך דאָ אַ זיידע, כאָטש אַ גאַנץ אַנ־דערער. אָבער ער ווירקט, ווי ביי דיר. מיר דאַרפן זיי ביידן מנצח־זיין. איך ווייס נישט, אויב דו וועסט פאַרשטיין.

— דערצייל, איך בעט דיך. דו וועסט עס לייכטער קאָנען בייקומען, – בעט זי פּרענק.

— עס איז אַזוי אַנדערש, ווי ביי דיר, גאָר עפּעס אַנדערש. און ביי מיר איז עס נישט אַזוי קלאָר, ווי ביי דיר. עס שטעקט אין די ווייטע, פאַרנעפּלטע פאַרגאַנגענהייטן, אין אַ וועלט, אין אַ טראַדיציע, וואָס מיר האָבן ווייניג־וואָס געוואוסט פון איר. אונז, קינדער, האָט מען געהאַלטן זייער ווייט פון יידישער רעליגיע. כאָטש געוויסע יידישע מנהגים האָט מען אין שטוב געהאַלטן – מער צוליב פאַמיליע־טראַדיציע, איידער פאַר פרומקייט. מיר האָבן זיך, אייגנטלעך, אויפגעצויגן אָן רעליגיע, אָן אַ גאָט, אָדער בעסער־געזאָגט: אין טאָלעראַנץ צו אַלע געטער, אי צום יידישן, אי צום קריסטלעכן. מיר האָבן געפּייערט ביידנס יום־טוב׳ם. אין יידישן ראש־השנה און יום־כפּור האָט מען אונז געפירט אין טעמפּל אריין. דאָס זענען געווען די איינציגע ימים־טובים, ווען מ׳האָט אונז גענומען אין יידישן טעמפּל צו הערן שופר־בלאָזן און דעם רעוורענדס „ספּיטש“ (רעדע). אָבער די קריסטלעכע ווייַנאַכט האָבן מיר געפּראַוועט, ווי אַן אייגענעם יום־טוב. איבערהויפּט האָט מען ביי אונז אָפּגעהיט די קריסטלעכע ווייַנאַכט, ווי אין יעדן קריסטלעכן הויז, מיט בוים און האָניג־קוכן.

מיין פאָטער איז געווען אַ ליבעראַל. איז געקומען פון דייטשלאַנד נאָך די אַכט־און־פערציגער יאָרן. ער האָט זיך אינ־גאַנצן דערצויגן אין גייסט פון טאָלעראַנץ. עס זענען געווען יאָרן פון רעוואָלוציע, פון עמאַנציפּאַציע. ער האָט געהאַלטן אין איין פּרעדיגן פאַר אונז מענטשן־ליבע און מענטשן־גלייכקייט און נאָך אַנדערע אידעאַלן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער

„אַלטער היים". אָבער די אַלטע יידישע טראַדיציאָנעלע ימים-טובים זענען דאָך אָפּגעהיט-געוואָרן אין אונזער הויז, נישט אַזוי שטרענג-ריטועל, פֿאַרשטייט זיך, נאָר בלויז אַלס פֿאָרם און פֿאַמיליען-אָנדענק. אַזוי איז, צום ביישפּיל, ביי אונז פֿרייטאָג אין אָוונט געפּירט-געוואָרן אַ גרויסער טיש מיט קידוש-ווײַן און באַלויכטן מיט ליכט. אָט דערדאָזיגער קידוש-ווײַן, מיט וועלכן מיין פֿאָטער פֿלעגט יעדן פֿרייטאָג אין אָוונט אונזער טיש בענטשן, איז ביי מיר פֿאַרבונדן מיט מיינע ערשטע קינדהייט-זכרונות. עס האָט איבערגעלאָזט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. און דאָס צוליב דעם זילבערנעם בעכער, איבער וועלכן ער האָט דעם שבת געהייליגט. דערדאָזיגער זילבערנער בעכער האָט געזאָלט שטאַמען פֿון אַן עלטער-עלטער זיידן, אַ גרויסן און באַרימטן רב פֿון דייטשלאַנד, פֿון וואַנען מיר שטאַמען-אָפּ, און וועלכער האָט געזאָגט, עפּעס איבער אַ בלבול, וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף זיין געמיינדע, גענומען אויף זיך די שולד, און האָט זיך געלאָזט פֿאַרברענען לעבעדיגערהייט פֿאַר זיין אמונה. מיין פֿאָטער האָט געגלויבט שטאָל-און-אייזן, אַז מיר שטאַמען-אָפּ פֿון אָט דעם אַלטן זיידן. ר׳ לייב האָט ער געזאָלט הייסן, דער הייליקער ר׳ לייב. און ווי שטאַרק מיין פֿאָטער האָט נישט שטאָלצירט מיט זיין ליבעראַליזם און געהאַלטן אין איין פּרעדיגן וועגן דער גלייכקייט פֿון אַלע מענטשן, האָט ער אָבער נאָך מער שטאָלצירט מיט זיין אָפּשטאַם פֿון דעם הייליקן ר׳ לייב. אין אַ באַזונדערן „סעיף" האָט מיין פֿאָטער געזאַמלט אַלע העברעישע דאָקומענטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צום זיידן, זיינע פֿילע ספֿרים, וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט, אַלע היסטאָרישע נאָכווייזן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו זיין מאַרטירער-טויט. ער האָט אונז אַפֿילו אַמאָל, ווען מיר האָבן זיך געפֿונען אַלס קינדער אויף אַן אייראָפּעישער רייזע, געבראַכט אין דער קליינער, אַלטער דייטשער שטאָט, וואו עס האָט זיך געזאָלט אָפּשפּילן די טראַגעדיע מיט אונזער אַלטן זיידן. אין אַן אַלטן מויער געפֿינט זיך נאָך אַ מי טל-אַלטערליש טורם-געפֿענגעניש. אין דעמדאָזיגן טורם האָט דער אַלטער זיידע

געזאָלט זיין פאַרשפאַרט און געליטן שרעקלעכע ענויים עטלעכע יאָר. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס עס האָבן געמאַכט אויף מיר די פון צייט און פאַרלאָזנקייט שוואַרץ-געוואָרענע שטיינערנע ווענט פון דעם קליינעם טורם-געפענגעניש, וואָס איך האָב געזען אַלס קינד. עס האָט זיך מיר ג דאַכט, אַז איך קאָן נאָך באַמערקן די קריצן, די צייכנס, די שפּורן, וואָס זיינע פינגער, זיינע נעגל האָבן געמאַכט אויף די ווענט. איך האָב נאָך געקאָנט הערן די קרעכצן זיינע, וואָס זענען פאַרגליווערט-געוואָרן צווישן די שפּאַלטן פון די שטיי-נער, צוזאַמען מיט זיין תהלים-זאָגן, אין וועלכן ער האָט אַריינגעקנאָטן זיינע טרערן און דעם בטחון אין זיין גאָט. נאָך איצט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך פאַרנעם זייער עכאָ. כ'האָב געקראָגן אַ געוויין-ספּאַזמע, ווען איך האָב עס געזען, זייענדיג אַ קינד. איך געדענק, אַז מ'האָט מיך געמוזט אויף די הענט אַראָפּטראָגן פונם טורם. צום שטאַרקסטן האָבן זיך איינ-געקריצט אין מיין זכרון דריי אָנדענקען פון דעם אומגע-קומענעם ריידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין מיין פאָטערס „סעיף”. טאַקע דער קידוש-בעכער, מיט וועלכן מיין ליבעראַלער פאָטער האָט יעדן פרייטאָג אָוונט געבענשט זיין הויז-געזינט.

דאָס איז געווען אַ זעקס-קאַנטיגער זילבערנער בעכער, אין נירענבערגער-סטיל, אויסגעקריצט מיט העברעישע אותיות און מיט אַ צייכענונג פון אַ פאַלמען-בוים, דער סימבאָל פון דעם הויז פון געטאָ, אין וועלכן עס האָט געוואוינט אונזער משפחה. יעדעסמאָל, ווען דער פאָטער האָט פרייטאָג אָוונט געהאַלטן דעם בעכער אין דער האַנט און געזאָגט איבער אים דעם הייליגן שפּרוך מיט אַ זינגענדיגן טאָן, אין אַן אומפאַר-שטענדלעכער שפּראַך, און די מוטער איז געשטאַנען דערביי און האָט פאַרמאַכט די אויגן מיט אירע הענט, האָבן מיר, קינדער, איר נאָכגעטון. איך האָב דורך די שפּאַרעס פון מיינע פינגער אַרויסגעקוקט אויף די ליכט, וואָס ברענען אין די זיבערנע לייכטער. איך האָב עס געטון דערפאַר, ווייל מיר האָבן געגלויבט, אַז דער יידע קומט דענסטמאָל צו אונז אין

שטוב און לייגט-ארויף זיינע הענט אויף אונזערע קעפ און בענטשט אונז. איך האב שרעקלעך מורא-געהאט אים צו זען, אָבער איך בין זייער נייגעריג-געווען. עס האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז ער איז זייער הויך, העכער פון אלע מענטשן אויף דער וועלט, און האט א לאנגע, שפיציגע באָרד, וואָס דערגרייכט אים ביז צו די טריט פון זיינע פיס. געזען האָב איך אים נישט, נאָר מיר האט זיך שטענדיג געדאַכט, אז איך פיל זיינע דאָרע ביינערדיגע הענט, ווי זיי באַרירן מיין קאָפּ, יעדעס מאָל, ווען מיין פאָטער האט מיט זיין זינגענדיגער שטימע געזאָגט דעם אלטן שפרוך.

אין דעם „סעיף" ביים פאָטער האט זיך אויך געפונען אַן אלטער מאנוסקריפט, וואָס מען האט געגלויבט, אז ער איז געווען געשריבן אייגנהענטיג פון אלטן ר' לייב, טאקע דעמאָלסט, ווען ער איז געזעסן אין דעם טורם-געפענגעניש. פאַרן אויספירן דעם פסק-דין, האָט ער געשריבן דידאָזיגע צוואה צו זיינע קינדער. דערדאָזיגער מאנוסקריפט זאָל זיין זייער ווערטפול. ער אנטהאַלט קלוגע לעבנס-תקנות פון א הויכן עטישן ווערט. אין דער צוואה דערמאָנט ער נישט קיין איין וואָרט וועגן זיינע ליידן. פאַרקערט, ער פריידט זיך מיט דעם נסיון, וואָס גאָט האט אים צוגעשיקט. ער באַטראַכט זיינע פייניגער, ווי גאָטס שליחים, און טראָגט זיי נישט נאָך קיין שנאה. אלע זיינע ווערטער זענען נאָר געווענדט צו אונז, קינדער און אייניקלעך — ווערטער וועגן ליבע, גוטסקייט און פרומקייט, וואָס ער באַפעלט אונז פון זיין טויט-אַנגסט ארויס.

דעמדאָזיגן דאָקומענט האָט מען אָפּגעהיט אין אונזער משפחה, ווי א הייליגע רעליקוויע. עס איז געווען אַ מנהג, אַז יעדעס יאָר, צום יאָרצייט נאָך זיין טויט, זאָלן זיך די מיטגלידער פון דער משפחה צונויפקומען, פאַרברענגען א גאנצן טאָג אין פאַסטן, אין געבעט, און דער עלטסטער פון דער משפחה האָט פאָרגעלייענט די צוואה פאַר אלע פאַמיליע-מיטגלידער. מיין פאָטער האָט אָבער דעמדאָזיגן מנהג געבראָכן. מיר האָבן שוין נישט געוואוסט, ווען עס איז די יאָרצייט

פון אונזער זיידן. דערפאַר האָט יעדער איינער פון אונז באַ־קומען די צוואה אין אַ גוטער ענגלישער איבערזעצונג, גע־דרוקט אויף פּאַרמעט־פּאַפּיר און איינגעראַמט אין אַ פאַרגיל־דעטער ראַם, צו אונזערע קאָנפירמאַציעס. און זי איז גע־האָנגען פאַר אונזערע בעטן. דידאָזיגע ענגלישע איבערזעצונג פון דער צוואה האָבן באַקומען אַלע מיטגלידער פון דער משפחה. נאָר וואָס עס האָט צום שטאַרקסטן געווירקט אויף מיר, איז געווען דער רינג, דעם זיידנס חופּה־וקדושין רינג, וואָס געפינט זיך אין אונזער משפחה; מיט אים ווערן מקדש אַלע מיידלעך פון דער פאַמיליע. דערדאָזיגער רינג ווערט געשאָנקען פאַר דער חופּה דעם חתן, דער חתן איז מיט אים מקדש די כּלה. דערנאָך ווערט ער צוריקגעגעבן צום עלטסטן אין דער משפּחה. עס האָט געזאָלט זיין אַן אַלטער מנהג אין דער געמיינדע, וואו דער זיידע איז געווען רב, מיט דעמ־דאָזיגן רינג מקדש צו זיין אַלע כּלות, כּדי נישט צו פאַר־שעמען די אָרימע חתנים, וואָס האָבן נישט קיין געלט צו קויפן זייערע קידושין־רינגען פאַר זייערע כּלות. עס איז גע־ווען אַ גאָטישער, אַלטער רינג, באַזעצט מיט ראָזעטן. אין אַ טורעמל זענען צוויי העברעישע ווערטער אויף אים אויסגע־קריצט: „מזל־טוב״. אויך איך בין מקדש־געוואָרן מיט דעמ־דאָזיגן רינג צו מיין מאַן. און כאָטש איך האָב אים בלויז געהאַט איין רגע אויף מיין פינגער, אונטער דער חופּה, פיל איך אים אָבער אויף דעם פינגער מיין גאַנץ לעבן־לאַנג, ווי אַ פייערדיגע רייף.

דאָס ליכט אין דער גלעזערנער באַנקע האָט אויסגעברענט. איצט זענען זיי שוין ביידע געזעסן אין דער טיפער פינכטער־ניש. די פינסטערניש איז געוואָרן אַזוי ממשותדיג און אָנזעעוו־דיג, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ לעבעדיגער פליסנדיגער קערפּער איז געפאַלן פון הימל און האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן חלל. פרענק האָט זיך אָנגערופן:

— מערקווירדיג! דאָס וואָס דו דערציילסט פון דיין זיידן, עמיליע, האָט אויך געקאָנט געשען אין אַ געוויסן אופן מיט

מיין אייגענעם ויידן, מיט אהרן מעלבאָרן. אויך מיינע האָבן צוליב אַן ענדערונג אין זייער געבעט-בוך פאַרלאָזט זייער זיכע-רע איינגעזעסענע היים און געשלעפּט זיך אויף קליינע זעגל-שיפן, איבער שטורמישע ימים, אין אַ ווילדער, אומבאַקאַנטער געגנט, צו ווילדע אינדיאַנער, און געבויט דאָרט זייער היים, כדי נאָר צו זיין בכוח צו דאַווענען לויט זייער איינזען. אייגנט-לעך, זענען זיי ביידע קינדער פון איין גאָט פון אַלטן טעס-טאַמענט, פון דעם גאָט, וואָס קען נישט קיין רחמנות, נאָר בלויז דין. ביידע האָבן זיי פאַרטריבן די פרייד פון דער וועלט און אַרויסגעצויגן דעם ערנסט און די מרה-שחורה. ביידע האָבן דאָס פריידיגע לעבן געמאַכט פאַר אַ פינצטערן עול; אַן אייביג גיין אין שפּאַן מיט קייטן אויף די הענט, רינגען אַרום דעם ווילן, און זיך געשטעלט צוימען אויף שריט-און-טריט. מיר וועלן דאַרפן צעשטערן דידאָזיגע צוימען. ביידע האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען איין זאַך, אַז עס איז נאָך דאָ אַ העכערע מדרגה, איידער אימה, און דאָס איז די ליבע, אַז עס איז נאָך דאָ אַ העכערער שטאַפּל, ווי טרויער און ערנסט, און דאָס איז די פרייד, און אַז עס איז גאָרנישט אַזאַ הויכער ענין דער טויט. אַ פיל העכערער און וויכטיגערער איז דאָס לעבן. עמיליע, מיר דאַרפן זיך ביידע פון זיי באַפרייען, זיי מנצח-זיין. צי מיינסטו נישט אַזוי?

— אָ, געוויס, טייערער פרענק. צי וועלן מיר זיי אָבער קאָנען מנצח-זיין?

— וואָס מיינסטו?

— ווירקן זיי נישט דאָרט, אומבאַוואוסט, געגן אונזער ווילן, אין די טיפע פאַרבאָרגענישן? זענען מיר נישט פאַר-קנסט צו זיי דורך געהיימע שבועות, וועלכע מיר קאָנען נישט מבטל-זיין? קענען מיר זיך אַליין, פרענק?

— דאָס זענען אַלץ איינרעדעניש. יעדער מענטש הייבט אָן פון זיך אַליין.

— דו זאָגסט עס, פרענק?

— געוויס. יעדער מענטש שטייט אַליין, אָן אַ נעכטן, אָן

עלטערן. עס זענען נישטאָ קיין עלטערן. עלטערן זענען אַ צו־פאַל. וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך מיט מיינע? פונקט אַזוי ווי דו מיט דיינע, מיר וואַנדלען אַליין. יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך אין זיין איינזאַמקייט, ווי די שטערן אין דער אַל־וועלט. טיילמאָל טרעפן זיך צוויי מענטשן, צוויי וועלטן, צוויי איינזאַמקייטן, און דערקענען, אַז זיי באַלאַנגען איינער צום אַנדערן, אַז זיי זענען צוויי טיילן פון איין איינס. וועלכע זענען אין אומבאַקאַנטע ווייטקייטן געשפּאָלטן־געוואָרן. און דידאָזיגע צוויי פרעמדע, ביז איצט אַליין וואַנדלענדיגע איינ־זאַמקייטן, דערפילן מיט אַמאָל, אַז נישט נאָר געהערן זיי צו־זאַמען, נאָר אַז די וואָרצלען אין זייערע טיפקייטן האָבן נישט־וויסנדיג געצויגן זייער יניקה פון אַ בשותפותדיגן חיות.

דאָס איז די אמתע און איינציגע משפחהדיגקייט און בלוט־קרובהשאַפט פון צוויי יחידים. קיין אַנדערע זענען נישטאָ. און עס איז נישט נאָר בלויז ביי אונז מענטשן דער פאַל. דו וועסט לאַכן פון מיר, עמיליע, ווען איך וועל דיר זאָגן, אַז איך גלויב באַשטימט, אַז די אינזעקטן אָדער דער ווינט, וואָס פירן־איבער די זרע־שטויבעלעך פון איין פלאַנץ צו דער אַנדערער, טוען דאָס נישט צופעליג, נאָר אַז אויך די פלאַנצן האָבן זייערע באַשטימטע כימפּאַטיעס.

— אָ, פרענק טייערער! — האָט זי אויסגערופן און איז שטיל־געוואָרן.

די שטילקייט האָט געשוווּנען אַ געצעלט אַרום זיי און זיי אַריינגענומען אונטער חסד׳יגע אָרעמס. ברכות האָבן אַנגע־פילט זייערע הערצער.

קיינמאָל האָט נאָך זייער בלוט נישט געפילט אַזוי די משפחהדיגקייט פון איינעם צום אַנדערן, ווי אין דערדאָזיגער טראַגישער שטילקייט אַרום זיי. עס איז געווען אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען ביידע צוויי פאַרלוירענע פרינצן־קינדער, וואָס האָבן זיך צוריקגעפונען אין איין געפאַנגענשאַפט.

זי האָט געשוויגן. זי האָט געוואַרט אויף עפּעס. פון דער באַכט אַרויס האָט געלייכטן זיין ברענענדיג ציגאַרעטל, ווי אַ

גלי-וואָרעם. מיטאַמאָל איז געפאַלן איבער איר אַ מערקווירדיגע ערנסטקייט. ציטערנדיגע וועלן זענען, ווי שטורם-ווינטן, דורכ-געגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער איבער איר גאַנצן קערפּער, פון קאָפּ ביז צו די קנעכלעך, און זי אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַלטער היץ.

איר האַרץ האָט אָנגעהויבן הויך צו קלאַפּן. זי האָט פאַר-מאַכט אירע אויגן און האָט זיך מיט אַמאָל געפונען אַרומגע-נומען אין זיינע שטאַרקע אָרעמס.

— וואָס איז דיר, געליבטע? דיין האַרץ קלאַפּט אַזוי הויך, אַז כ'האָב עס געהערט פונדערווייטנס. דו ציטערסט אינגאַנצן.

— טייערער! — האָט זי אויסגערופן.

— דו ביסט אַזוי שיין היינט, עמיליע, דיינע האָר פינקלען. איך קאָן זען, ווי די עלעקטראָנען שטראָמען דורך זיי. דיינע האָר לעבן. זיי זענען לעבעדיגע. זע, איך קאָן הערן ווי זיי עטעמען.

ער האָט פאַרבאָרגן זיין פּנים צווישן אירע האָר.

— דיין האַרץ קלאַפּט אויך, טייערער, — זאָגט זי, — איך קאָן עס הערן.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס. זאָג מיר, האָסטו מיך ליב? אַביסל נאָר ליב?

— אָ, איינציגער! דו ביסט דאָך מיין ערשטע פרייד. כ'האָב דאָך ביז איצט נישט געהאַט קיין פרייד. איך האָב דאָך דאָס גאַנצע לעבן געוואַרט אויף דיר!

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אירע פיס און אַריינגע-גראָבן זיין פּנים אין אירע קני.

אַן אויסטערלישע קינדישע פרומקייט האָט אים אַרומגע-נומען און אים פאַרטראָגן אין אַלע אינערלעכע מוטערלעכקייטן. באַרנישט איז געווען ביזן איצטיגן מאָמענט. ער איז איצט אָנ-געקומען צו אַ מעטע, צו אַ לעצטער ליניע, פון וועלכער ער האָט געפילט, אַז ער וועט אַרויסגיין אַנדערש, אַלץ וועט זיך ענדערן.

אש, גאָטס געפאַנגענע.

דער באַריר מיט איר הויט איז געווען אַ לעבעדיגער און אַ פילנדיגער. קיינמאָל איז ער נאָך נישט געווען אַזוי נאָענט צום ווייבערשן וועזן, ווי איצט. קיינמאָל האָט ער נאָך אין זיך נישט געטרונקען דעם אָטעם פון דעם מין, וואָס פאַרטראָגט אין אַ העכערן עקסטאַז.

די מינוטן זענען פאַ־זונקען אין אייביגקייטן. ער איז דורך דידאָזיגע געציילטע מינוטן דורכגעגאַנגען וועלטן. ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז דאָס ווייבערשע וועזן האָט אַזוי פיל צו פאַרטיילן.

ער איז באַרואיגט־געוואָרן. ער איז צוגעקומען צו אַ שלימות. איצט קאָן ער שטאַרבן.

איר בלוט האָט אָפּ:געענטפערט אויף זיין רוף. זי האָט אים נענטער צוגענומען צו זיך:

— קום!

— אָ, ווייב!

זי האָט אים פאַרמאַכט דאָס מויל מיט איר האַנט.

— פרענק, מיר זענען שיכור. מיר ווייסן נישט, וואָס מיר טוען. מיר מוזן זיין שטאַרק, פרענק. באַדענק זיך!

— נאָך וואָס שטאַרק? איך וויל זיין שוואַך.

— רעד נישט! — פאַרשטעלט זי מיט איר האַנט זיין מויל. — איך קאָן נישט מער, איך קאָן נישט מער.

איר קאָפּ פאַלט אויף זיינעם. ער פילט ווי אירע קאַלטע טרערן רינען פון איר פנים אויף זיינעם.

— וואָס איז דיר, טייערע? האָסטו מיך דען נישט ליב?

— דו ווייסט, דו ווייסט. אָבער פאַרגעס נישט, אַז איך בין מיט צען יאָר עלטער פון דיר, און אַז איך האָב נאָך אַלץ אַ מאַן און אַ קינד.

— פאַרשאָלטן זאָל זיין דער מאַן! דו האָסט נישט מער קיין מאַן. ער איז טויט, באַגראָבן. מיר פאָרן קיין פאַריז. אין אַ פּאָר חדשים ביסטו פריי פון אים. דו ביסט אינערלעך פריי פון אים. נישט אמת?

— יאָ, יאָ. געוויס בין איך פריי. שטענדיג געווען פריי.

כ'האָב קיינמאָל נישט געהערט צו אים, גלויב מיר. קיינמאָל, קיינמאָל נישט. אפילו נישט אין די אינטימכטע מאָמענטן. איך בין געצוואונגען-געוואָרן, ווי...

— שווייג, רעד נישט! איך בעט דיך.

— איך האָב שטענדיג געוואַרט אויף דיר. שטענדיג, שטענדיג.

און זי איז געפאַלן אין זיינע אָרעמס.

ער האָט זי אויפגעהויבן, ווי א חאונדערבאַרע רייטע פרוכט, און זי געטראָגן אין שטוב אריין, זי אַרויפגעלייגט אויפן בעט, געקניט נעבן איר, אַריינגעגראָבן זיין מענערישע פנים אין איר פון באַוועגונג און אויפרעגונג פריי-געוואָרענער ברוסט.

ער האָט אויפגעשריגן א פאַרוואונדערטער:

— ווייב! כ'בין נאָך קיינמאָל נישט אַזוי באַגנעדיגט-געוואָרן!

זי האָט דערפילט א גערוך פון א פרעמדן קערפּער, צו העלכן זי איז נישט צוגעוואוינט. זי האָט געגעבן א קראַנקן ציטער און מיט ביידע הענט אָפּגעשטויסן אים פון זיך מיט דער גאַנצער קראַפט:

— אָ, טייערער! איך בעט דיך, לאָז מיך, לאָז מיך...

און זי האָט זיך געריסן פון אים, ווי א באַזעסענע.

דער יונגערמאַן שטייט א פאַרוואונדעטער אין זיינע בלוטיגסטע געפילן און קוקט זי אָן מיט קינדישער דערשטוינטקייט און דערשראָקנקייט:

— פאַרוואָס?

— אָ, פרענק, טייערער! איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט מיר. לאָז מיך אליין.

— אָבער פּאַרהאָס! דו ביסט דאָך מיין ווייב! איך גיי חתונה-האָבן מיט דיר. דו גלויבסט מיר נישט?

— געוויס, געוויס. אָבער לאָז מיך. גיי צו דיר אין צימער. איך בעט דיך, לאָז מיך איצט אליין.

ער האָט דורך דער טיר פון איר צימער געהערט איר שליוכצן.

— ווייך נישט, וויין נישט! איך קאָן עס נישט אויסהאַלטן! — האָט ער אריינגעשריגן.

זי האָט געמיינט, אַז זי וועט אים אויף מאָרגן שוין מער נישט געפינען. נייך, אונטער איר טיר האָט געוואַרט אויף איר אַ גרויסער בוקעט — דאָסמאָל נישט פון געלע טיי-רויזן, נאָר פון ווייסע.

ער אליין האָט געוואַרט אויף איר אויף דער טעראַסע אין זיין באָד-קאָסטיום, צו גיין צוזאַמען מיט איר צום ים.

## קאַפּיטל נו

## ווייבערשע טעג

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט עמיליע אויסגעפונען די סיבה פון איר אויסערגעוויינלעכער, אומפאַרשטענדלעכער באַנעמונג אין יענעם גערענקלעכן אָוונט.

מיט דער באַנייאונג פון דער „לבנה" האָט זיך מיט רע־געלמעסיגער אויסגערעכנטקייט איבערגעחזרט ביי איר יענער פיזישער צושטאַנד, וועלכער דערמאָנט דער פרוי, אַז זי איז נישט אַ באַשעפעניש פאַר זיך אַליין, נאָר אַז זי איז אונטער־געוואָרפן אונטער פיזיאָלאָגישע געזעצן, אַז זי איז פאַרקנסט פון דער יצירה פאַר אַ באַשטימטער מיסיע. די וועלט־באַשאַפונג האָט זי צוגעשמידט צו אַ באַשטימטער אויפגאַבע אין לעבן, זי איז צו דעם צוועק געקומען אויף דער וועלט. און איר גאַנצער ביאָלאָגישער געבוי איז פאַרן דאָזיגן צוועק איינגע־אָרדנט־געוואָרן. דאָ העלפט נישט קיין בונטעווען־זיך. זי איז נישט קיין האַרינטע איבער זיך.

ערב די דאָזיגע טעג געפינט זי זיך שטענדיג אין אַ קראַנקן, אויפגערעגטן צושטאַנד, און טוט־אָפּ אַלע נאַרישקייטן. זי האָט מיט האַלבע ווערטער פרענקן געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זי מוז איצט זיין אַליין און געבעטן אים ערגעץ־וואו אַוועק־צוגיין אויף אַ פּאָר טעג.

— איך האָב געהערט, אַז אויבן אין די בערג איז דאָ

אַ געלעגנהייט פאַר ווינטער-ספאָרט, — זאָגט זי צו אים, — איז עס נישט אַ געבענטשט לאַנד? מיר זענען דאָ אין הויכן זומער, מיר באָדן זיך יעדן טאָג אין ים. און מיט צוויי-דריי שעה ווייטער מיטן אויטאָמאָביל איז טיפער שניי און דער הער-לעכסטער „סקי”-וועג. ווילסטו נישט פרואוון? איך מיין, אַז עס וועט דיר גוט טון צו זיין אַ פּאָר טעג אָן מיר. און איך מוז אויך זיין אַליין. דו מוזט מיר, טייערער, מוחל-זיין מיין באַנעמען זיך די טעג. עס איז דער פאַרשאָלטענער פרויען-גורל,— האָט זי געזאָגט.

— איך גלויב, אַז דו דאַרפסט מיך איצט מער ווי אַן אַנדערש מאָל, — האָט ער איר אָפּגעענטפערט נאַטירלעך, אָן יעדער שעמעוודיקייט. אַזוי אַז עמיליע האָט זיך גערויטלט.

— ניין, איך וועל אַלצדינג איינאָרדנען. כ׳בעט דיך, גיי אַוועק.

נאָך דעמזעלבן טאָג האָט זיין אויטאָמאָביל זיך אַוועק-געלאָזט אין פולן גאַלאָפּ איבער די בערג.

אין די „ווייבערשע טעג” האָט זיך עמיליע געפילט, ווי אַ געבונדן קאַלב צו דער שחיטה. אָט איז זי ערשט געווען אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, געמאַכט פּלענער, געווען אומ-אָפּהענגיג און זיך געפילט פריי פאַר זיך אַליין. אינמיטן דע-רינען האָבן זי אָנגענומען אַ פּאָר אייזערנע הענט און זי צוריק-געוואָרפן מיט דער גאַנצער קראַפט אין אַ חיהשן, פּרימיטיוון צושטאַנד, וואו זי ווערט, אָן איר ווילן, אַ זאַך, וואָס איז אונ-טערגעוואָרפן צו אומשטענדן, איבער וועלכע זי איז נישט קיין האַרינטע... דאָסדאָזיגע טראַגישע געפיל האָט זיך איבערגע-חזרט ביי איר אין די „ווייבערשע טעג” פון איר פריער קינדהייט אָן.

עס זענען פאַראַן פרויען, וואָס ווערן פון דעם פיזיאָ-לאָגישן געזעץ, אונטער וועלכן זיי זענען אונטערגעוואָרפן, אַזוי באַאיינפלוסט, אַז אַלע זייערע חושים הערן אין יענע טעג אויף צו פונקציאָנירן, אַזוי ווי זיי וואָלטן פאַרכאַפּט-געוואָרן

פון אַ מיסטישן אַקט, וואָס ווערט בּאַגאַנגען איבּער זיי. דאָס וואָס עס טרעפט זיך מיט זיי, ווירקט אויף זיי נישט נאָר פיזיש, נאָר צו אַלעם ערשטן מאָראַליש און גייסטיג. זיי ווערן פאַרהוילן אונטער אַ טונקעלן שלייער, אונטער וועלכן עס קומט־פאָר מיט זיי דער סוד פון דער יצירה. זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין כּוהנטעס פון דעם אַקט פון ששת ימי בּראשית...

דאָסדאָזיגע געפיל איז בּיי יעדער פרוי אור־אַלט און פרימיטיוו. עס ציט זיין יניקה נאָך פונם טונקעלן וואַלד אַרויס... בּיי עמיליען אָבּער איז נאָך צוגעקומען דאָס ראַסישע און נאַציאָנאַלע, דאָס אור־יידישע, וואָס הענגט־צוזאַמען מיטן דאָזיגן מיסטישן אַקט.

די שומרונים, דערדאָזיגער אָרגינעלער יידישער שבט, וואָס איז געבּליבּן שטעקן אין זיין פרימיטיווקייט. האַלטן זייערע ווייבּער דורך די „ווייבּערשע טעג" אָפּגעשלאָסן אין שטייגן, ווי קראַנקע הויז־חיות, און קיינער טאָר מיט זיי נישט האָבּן קיין שום מגע־ומשא. און בּיי יידן ווערן די דינים פון טהרה בּאַטראַכט פאַר די וויכטיגסטע געבּאָטן פון יידישן דת. פאַר דער פרוי איז דאָס, אייגנטלעך, דאָס וויכטיגסטע און איינציגע, וואָס זי האָט אָפּצוהיטן פון איר אמונה. זי ווערט יינגערהייט איינגעוואוינט אין די דינים און אויפפירונגען, וואָס האָבּן אַ שייכות מיט אירע אומריינע טעג. מיט דער שטרענגסטער שאַרפקייט האָט מען אָפּגעהיט דורך דור־דורות די אַבּסאָלוטע איזאָלירטקייט פון דער יידישער פרוי דורך דער צייט פון איר קראַנקהייט. דאָס ערשטע, וואָס יידן האָבּן געבּויט, ווען זיי האָבּן זיך בּאַזעצט אין אַ נייעם ישוב, איז געווען די מקווה, ערשט שפּעטער איז געקומען די שול און דאָס בּית־עולם. די טיף אין דער ערד־אַריינגעגראָבּענע מקווהס אין די רהיין־געגנטן, אין דייטשלאַנד, זאָגן עדות, מיט וואָס פאַר אַ מסירת־נפש די אור־בּאָבּעס האָבּן אָפּגעהיט דעם יידישן דין, וואָס איז געווען די איינציגע גאַראַנטיע, דער אייזערנער רינג, וואָס האָט פאַרהיט, דורך דעם מיט טויזנטער געפאַרן דורכגעבּלוטיגטן מיטלאַלטער, די טהרת־המשפּחה.

עמיליע האָט דעם דערצויגענעם דורך דור־דורות אינ־סטינקט פֿון טהרה געירשנט אומבאַוואוסט. און אירע געפֿילן, חושים און אברים זענען געווען אונטערטעניק אונטער אים.

פֿון איר פֿריער מיידלישקייט אָן פֿלעגט זי, ווען עס איז געקומען איר צייט, צוועקפֿאַלן מיט אוממענטשלעכע ווייטאָגן, מיט פֿיזישע און מאָראַלישע יסורים. אירע עלטערן האָבן געזען, ווי זי פּייניגט זיך, און קיינער האָט איר גאָרנישט געקאָנט העלפֿן. זי פֿלעגט אָפּליגן דורך די פּאָר טעג ווי אין אַ היפּנאָ־טיזירטן שלאָף, און נישט צולאָזן קיינעם צו זיך. דורך די פּאָר טעג פֿלעגט זי אַדורכגיין דורך שוואַרצע קאַמערן, געיאָגט פֿון אַן אומגעזעענער האַנט. עס זענען געשען מיט איר שרעק־לעכע זאַכן, זי האָט געהאַט די ווילדסטע און אויסערגעוויינ־לעכסטע וויזיעס. ביי וועלכע זי פֿלעגט האַלטן אין איין פֿאַלן דורך באָדנלאָזע, שוואַרצע קעלערן אין כּף־הקלע אַריין. זי פֿלעגט געוואָרפֿן־ווערן דורך שוואַרצע אָרעמס אין אַן אומענד־לעכער נאַכט אַריין...

ווען עס זענען אָנגעקומען די טעג פֿאַר איר, האָט זי שטענדיק אַרומגענומען אַן אַנגסט. זי האָט ווי אָנגעוואוירן איר ווילן, זי איז געכאַפּט־געוואָרן דורך גזלנישע הענט און ווי אַ קאַלב געבונדן־געוואָרן, און געטון דאָס, וואָס מען האָט פֿאַר־לאַנגט פֿון איר...

זי פֿלעגט שטענדיק חלומען וועגן אויפֿבויען זיך אַ שוואַרצן פּאַלאַץ, אָן טירן, אָן פֿענסטער. אינם דאָזיגן פּאַלאַץ זאָל זיך געפֿינען אַ זאַל, וואָס זאָל זיין פֿאַרהוילן פֿון אַלע לעבעדיגע. אויסגעשלאָגן אינגאַנצן מיט שוואַרצן סאַמעט. און אינעווייניג, אין זאַל, זאָל שטיין אַ ווייס בעט. אינם דאָזיגן בעט זאָל זי ליגן אַ טויטע, צוגעדעקט מיט אַ ווייסן שלייער, און קיינער, קיינער זאָל זי נישט אָנרירן מיטן בליק, ביז זי וועט געזונט־ווערן אין אַרויסקומען פֿון אים אַ ניי־געבוירענע.

פֿון שוואַרצן פּאַלאַץ, פֿון וועלכן זי האָט געחלומט, איז גאָרנישט געוואָרן. נאָר זי איז געלעגן דורך די פּאָר טעג אין בעט אין איר קליינעם האָטעל־צימער. ביי אָראָפּגעלאָזטע ראָ־

לעטן. זי האָט צוגעמאַכט די לאָדנס, פאַריאָגט פון זיך די הערלעכע ריוויערע-זון און אָנגעצונדן דעם קליינעם עלעקטרישן נאַכט-לאָמפּ. זייער זעלטן האָט זי געשפּען דאָס דינסטמיידל. אַלץ איז געשלאָפן אין איר. זי איז צוריק פאַרוואַנדלט-געוואָרן אין אַן עמבריאָן, איינגעקנאָטן און איינגעוויקלט אין פייכטע, בלוטיגע שטיקער נאַכט, אין אַ בויך פון אַ וועלט-מוטער, און עס קומען דאָרט פּאָר מיט איר אויסערגעוויינלעכע זאַכן. איר ווילן ווערט אויסגערונען. מיט אים שטעלן זיך אָפּ אַלע פונק-ציעס פון די אברים. זי לייזט זיך אויף פון איר פאָרם. אַלע אירע אָדערן זענען אָפן און באַהאָפטן מיט זייערע מיילער צו אַנדערע לעבעדיגע קערפּערס, אין וועלכע זי איז אַריינ-געפלייסט, און עס גיסן זיך דורך זיי אַריין און אַרויס בייע בלוט-קוואַלן. זי ליגט מאַכטלאָז, ווילנלאָז און לאָזט געשען מיט זיך אַלץ.

זי פילט, אַז זי איז זייער וויכטיג, זי איז אַ כּלה, און זי נעמט אויף זיך די אַלע פּיינען און יסורים מיט ליבע און אונטערטעניקייט... געשטאַלטן קומען, באַקאַנטע און אומבאַ-קאַנטע — אַזעלכע, וואָס זי האָט שוין אַמאָל געזען אין וויזיעס, און אַזעלכע, וואָס זי זעט צום ערשטן מאָל. דידאָ-זיגע געשטאַלטן האָבן עפּעס מיט איר פאָר, ריכטן זי דערצו צו, גרייטן זי צו דעם צו. מען זאָגט איר אָן עפּעס אין אויער אַריין, מיט אַריינדרינגלעכע בליקן, מיט בלייכן ערנסט פון טויט. מען באַשווערט זי, מען באַפעלט איר. און זי זאָגט-צו עס צו האַלטן. רעדן קאָן זי נישט, נאָר זי שאָקלט מיטן קאָפּ. זי ווייסט, אַז דאָס, וואָס מען זאָגט איר אָן, איז עפּעס זייער וויכטיגס און גרויס. עס האָט צו טאָן מיטן הייליגן אַקט, וואָס געשעט מיט איר, און צוליב וועלכן מען האָט זי גע-שיקט אויף דער וועלט...

שפּעטער, ווען עמיליע קומט-אַרויס פון דער מוראַדיגער נאַכט, דורך וועלכער זי גייט-דורך בשעת איר ווייבערשער קראַנק-

הייט, קלערט זי אָפט וועגן דעם, וואָס עס געשעעט מיט איר דורך דערדאָזיגער צייט. צי לעבט די שרעק אין איר אַליין, פאַרשטעקט ערגעץ־וואו אין פאַרבאָרגענע ווינקלען? אויב אַזוי, וואָס איז דער מענטש? וואָס איז דער פרייער ווילן? קענען מיר אַלע רינגען, אין וועלכע מיר לויפן פריי־געפאַנגען אַרום? געפינען זיך די שליסל פון די שלעסער איבער אונז אין אונזערע אייגענע הענט? דאָס וואָס עס קומט־פאָר מיט איר דורך דידאָזיגע פאָר טעג, איז פאַר איר פיל מער מיסטעריען, ווי דער טויט. און זי שרעקט זיך אויך פאַר דעם מער, ווי פאַרן טויט.

איינציגווייז וויקלט זיך עמיליע אַרויס פון די אַנגסטיגע קלאַמערן, וואָס האַלטן זי געפאַנגען. זי שיילט זיך אַרויס פון נאַכט־דעקן, אונטער וועלכע זי איז איינגעהילט, אין לעבן אַריין. די שנורן ווערן וואָס אַמאָל לויזער, און ווי אויסגעלייזט און מיט באַנייטע כוחות, קומט זי אַרויס אַ ניי־געבוירענע. אירע געדאַנקען קאָנען געבוירן דעם ווילן, דער ווילן שפּאַנט ווידער איין די אברים צום דינסט.

ווען עמיליע איז אַרויסגעקומען פון אירע נאַכט־שלייערן, איז איר ערשטער געדאַנק איצט געווען פּרענק. ערשט איצט איז איר געוואָרן קלאָר, וואָס עס איז געשען מיט איר אין יענער נאַכט. וואָס איז עס געווען מיט איר? איז עס נאָר געווען אַ צופאַל, וואָס איז געשען צוליב איר פאַרשטייענדיגער קראַנקהייט? אָדער עפּעס טיפערעס, אַן אינערלעכער פאַרבאַט, אַ צוגעהעריגקייט, איבער וועלכער זי איז נישט קיין האַרינטע?

— אָבער דאָס איז דאָך לעכערלעך, — האָט זי געזאָגט. — פאַרוואָס זאָל איך זיין אַנדערש, ווי אַנדערע.

זי האָט זיך דערמאָנט דאָקטאָר בערמאַנס פּאַראַדאָקסאַלע טעאָריעס וועגן דער אייביגער אונטערטעניגקייט פון ווייב צום מאַן, צו וועלכן זי איז לעגאַל פאַרקנסט, מיט וועלכן זי

איז געשטאַנען אונטער דער חופה און פון וועלכן זי האָט געהאַט אַ קינד.

— וואָס פאַר אַן אינערלעכע צוגעהעריגקייט קאָן איך האָבען צו אים? כ'האָב מיך דאָך כסדר געריסן פון אים? — האָט זי זיך געפרעגט. — מיין לעבן מיט מר. בראַון איז דאָך געווען די העסלעכסטע זינד, אויב זינד איז פאַראַן! — האָט זי אויסגעשריגן אין זיך מיט פראָטעסט. זי האָט זיך דערמאָנט די אַלע נעכט פון שאַנד און באַליידיגונג. ערשט איצט, זינט איר באַפרייאונג, האָט זי געזען איר חתונה-געהאַט לעבן אינם ריכטיגן ליכט. אַ שרעק און אַנגסט האָט זי אַרומגענומען פאַר דעם פאַרגאַנגענעם.

— גאָט, ווי האָב איך געקאָנט לעבן מיט אַ מענטש, וועלכן איך האָב געהאַסט? — האָט זי זיך געפרעגט. — אויב עס איז פאַראַן פּראָסטיטוציע, איז דאָך מיין חתונה-געהאַט לעבן מיט מיין געזעצלעכן מאַן געווען די העסלעכסטע פּראָסטי-טוציע! אַ געצוואונגענע טאָג-טעגלעכע פאַרשקלאַפונג.

נישט-ווילנדיג האָט זי עס פאַרגליכן מיט איר געפיל צו פרענקן, איר באַגער, איר טיפע, אינערלעכע צוגעהעריגקייט צו אים, דאָס רייכטום, מיט וועלכן זי ווערט באַרייכערט דורך איר ליבע צו פרענקן, די טיפע אויסלייזונג, די אינער-לעכע לייטערונג און די איידלקייט, וואָס איר ליבע האָט איר געגעבן.

— ערשט דורך אים בין איך דאָך געוואויר-געוואָרן, פאַרוואָס גאָט האָט מיך באַשאַפן אַ פרוי! ערשט דורך אים בין איך דאָך שטאָלץ-געוואָרן, ווערט-געוואָרן צו זיין אַ פרוי, און נישט פאַראורטיילט און פאַראַכט מיין ווייבערשע מיסיע. גאָט, ווען דו האָסט מיך באַשאַפן אַ פרוי, האָסטו מיך דאָך באַשאַפן פאַר פרענקן! פאַר אים אַליין באַשאַפן! מיין לעבן מיט דעם אַנדערן איז דאָך מער נישט געווען ווי אַ העסלעכע און נאַרישע זינד, אַ קראַנקער בלאָטער!

זי האָט באַהאַלטן איר פּנים אין איר קישן, און ערשט איצט איז געקומען דער אויסלייז דורך די טרערן.

— און פאַרוואָס האָב איך מיך געװוּערט געגן אים? געֹ־חערט געגן זיך אַליין! זיין רצון איז דאָך מיין רצון. פאַרוואָס האָב איך אים אַזוי טיף באַליידיגט און זיך אַליין אָפּגענאַרט? — האָט זי זיך געפרעגט. עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז צוליב מאָ־ראַלישע מאָטיוון! וואָס פאַר אַ מאָראַלישע מאָטיוון האָבן דאָ געקאָנט האָבן מיטגעשפּילט! ס'איז דאָך נישט אמת, אַז איך בין אינערלעך געבונדן צו אַ פרעמדן קערפּער דורך אַ מיסטישן אַקט! פאַרוואָס זאָל איך דאָס זיין מער פאַרשאָלטן פון אַנדערע פרויען? פאַרוואָס קאָן איך נישט זיין קיין זאַך פאַר זיך אַליין? קיין קינד וויל איך נישט האָבן מער, אַפילו נישט פון פרענקן, איך באַדאַרף עס נישט. די וועלט איז גאָרנישט אַזוי גליקלעך מיט זיי, און נישט זיי מיט דער וועלט. און איך בין נישט מחויב אָנצופלאָדיען אומגליקן. דער משוגענער דר. בערמאַן וואַרפט זיינע פּאַראַדאָקסן, און איך נעם זיי ערנסט. עס איז דאָך אַלץ פּאָזע ביי אים. איין הויך פון מיין פרענקן, איין באַריר פון זיין מענערשער האַנט, איין בליק מיט זיינע גוטע, גלויביגע, קינדיש-ריינע אויגן איז דאָך מער ווערט, ווי דער גאַנצער דר. בערמאַן, און זיי אַלע צוזאַמען פון דעם „אינטעלעקטועלן־קלוב". סיידן איך בין שוין דענסטמאָל קראַנק-געווען, אַז נישט וואָלט איך אים נישט געווען אַזוי בלוטיג פאַרוואונדעט. ווי ער האָט געציטערט, ווי ער האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט מיט זיינע אויגן! ווי נאַאיוו ער האָט געזאָגט: „אָבער איך וויל דאָך מיט דיר חתונה-האָבן!" (זיס האָבן נאָך אַמאָל געֹ־קלונגען דידאָזיגע ווערטער אין אירע אויערן). ווי נאַריש און שלעכט איך בין געווען. וואָס טראַכט ער וועגן מיר? אַז ב'האָב נישט קיין צוטרוי צו אים? אָדער אפשר נאָך ערגערס! פאַרוואָס האָב איך אים נישט קלאָר-געמאַכט, אַז עס איז געֹ־ווען אַ רעזולטאַט פון די נאַרישע „ווייבערשע טעג", וואָס האָבן אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר? איך האָב זיך אויפגעפירט שטענ־דיג קאַפּריז אין די טעג. אומפאַראַנטוואָרטלעך. און שטענדיג איז עס מיט מיר אַזוי. פאַרוואָס האָב איך עס אים נישט געֹ־זאָגט פאַר זיין אַוועקפאָרן, נישט געזאָגט קלאָר און דייטלעך?

זי וויל זיך אַליין קלאָר-מאַכן, פאַר זיך דין-וחשבון אָפּגעבן, וואָס עס האָט אַרויסגערופן ביי איר מאָמענטאַל דעם ווידערשטאַנד? דער פרעמדער אומבאַקאַנטער גערוך פון זיין קערפּער, צו וועלכן זי איז נישט געוואוינט-געווען, דאָס איז דאָך נאָר אַ געוואוינהייט! פאַרוואָס האָב איך נישט געקאָנט אַזאַ קליינינקייט ביייקומען, איך, נאַרישע קו? געוויס וועל איך זיך באַלד צוגעוואוינען דערצו.

נאָר אַן אינערלעכע שטימע האָט אָפּגעענטפערט אין איר:

— ניין, דו וועסט עס נישט איבערטראָגן.

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דערדאָזיגער אינערלעכער שטימע, און כּדי זי צו פאַרשטומען, האָט זי אַרויסגערופן אין איר פאָרשטעלונג זיין געשטאַלט.

זי האָט אָנגעהויבן צו בענקען נאָך אים. צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט האָט זיך באַנייט די מורא:

— ווער ווייסט, צי ער וועט איבערהויפּט צוריקקומען? איך האָב דאָך אים טיף פאַרוואונדעט.

זי איז געוואָרן אומרואיג און האָט געקלונגען נאָך דעם דינסטמיידל. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו פאַרלאַנגען פון דעם מיידל. זי וועט איר הייסן עפענען די טיר אין פרענקס צימער אריין. זאָל זי זיין אָפן, די טיר. כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז עס איז דאָרטן קיינער נישטאָ.

דאָס דינסטמיידל איז געקומען, זי האָט געהאַלטן אין איר האַנט אַ וואַזע מיט די געוויינלעכע געל-בלאַס-רויטלעכע טיי-רויזן.

— פון וועמען? — האָט זיך עמיליע געוואונדערט.

— דער מאָסיע איז היינט דאָ געווען, עס געבראַכט פאַר דער מאַדאַם, — ענטפערט דאָס דינסטמיידל.

— דער מאָסיע איז היינט דאָ געווען? — וואונדערט זי זיך.

— יאָ, נעכטן אויך. געפרעגט, וואָס די מאַדאַם טוט. איבערגעלאָזט די רויזן און באַלד אַוועקגעפאָרן מיט זיין אויטאָמאָביל. דער מאַדאַם נישט געהייסן שטערן. געהייסן די רויזן שטעלן הינטער דער טיר און אַוועקגעפאָרן.

— דער מאָסיע האָט די מאַדאַם זייער ליב, — לייגט־צו דאָס דינסטמיידל אין איר פראַנצויזישער צוגעלאָזנקייט, ווי עס טוען געוויינלעך פראַנצויזישע דינסטן מיט זייערע מאַדאַמען, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ ליבע־ענין, ווי עס וואָלט געווען אַ בשותּפותדיגער עסק.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס? — פרעגט זי עמיליע.

— אָ, איך קען זיך שוין דערויף. איך האָב שוין מיינע סימנים. מאַדאַם באַדאַרף זיין זייער גליקלעך. אַ גוטער מאָסיע, זייער צוגעבונדן. דער יעט נישט אַזוי שנעל ווערן אומגעטריי. די מאַדאַם באַדאַרף נאָר וויסן, ווי אַזוי מיט אים אומצוגיין. ער איז געווען זייער באַזאָרגט וועגן מאַדאַם, נישט אַזוי ווי די פראַנצויזישע מענער, וואָס שאַפן זיך באַלד, ווען די פרוי איז קראַנק, און זיי קאָנען זי נישט געברויכן, אַן אַנדערע.

די דינסט דערשמעקט באַ״ד מיט איר נאָז, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ „לינקער ליבע״, און ווערט מיט עמיליען אינטים. עמיליע האָקט־אָפּ דאָס געשפּרעך. זי קאָן אוועקשטעלן די בלומען און גיין. ווען זי וועט זי באַדאַרפן, וועט זי זי רופן. ניין, נישט אויפן טואַלעט־טיש, נאָר דאָ צום בעט זאָל זי זיי אַוועקשטעלן. עסן וויל זי נישט. מיט דער קאַלטער מילך קאָן זי וואַרטן, ביז זי וועט זי רופן. איצט קאָן זי גיין.

עמיליע נעמט די בלומען צו זיך אין בעט אריין, צערטלט זיי, דריקט זיי צו צו איר נאַקעטער ברוסט, קילט מיט זייערע קערנדיגע, פליישיגע, קילע בלעטלעך איר וואַרעם פּנים, אירע ליפּן, אירע ציין און אויגן, און רעדט צו די בלומען, ווי צו אַ לעבעדיגן מענטש:

— מיין געליבטער, מיין איינציגער באַשערטער! איך וועל זיך מיט אַלעמען שלאָגן, מיט מענטשן און מיט רוחות, און דו וועסט זיין מיינער... מיינער...

## קאפיטל 13

# דער שפיגל

די נאטור רייםט אונטער דעם פארוואָלקנטן הימל און מעג זיין דער פרילינג נאָך ווי רעגנדיג, דאָך בליט דער בעז, און דער יאַשמין פארשפרייט זיינע שמעקנדיגע שפּראָצונגען. עמיליע איז געוואָרן א באַנייטע. איר קערפער איז געשלאָסן, צונויפגענומען-געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך אָנגעגאָסן מיט נייע זאפטן און כוחות. איר נשמה, אַן אויסגעלייזטע פון אינערלעכע שטערונגען, איז געווען פול מיט ברכות.

ווען פרענק איז אין עטלעכע טעג אַרום אַראָפּגעקומען פון די שניי-בערג, האָט ער עמיליען כמעט נישט דערקענט. עס איז געווען אַזוי ווי זי וואָלט יינגער-געוואָרן מיט יאָרן דורך די פּאָר טעג. אַ פארחתמטע, צניעותדיגע מיידלשקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר, פון איר שוואַרצן שרונט פון קאָפּ ביז צו די פיס אירע, וועלכע זענען, להכעיס דער מאָדע, געשטאַנען אויף הויכע אָפּצאַסן און אנטפּלעקט דעם שיין-געפאָרמטן קנאָכן-רינג פון אירע קנעכל. דער קאָליר פון איר הויט איז געוואָרן נאָך מער קרעם-באַלויכטן און איז אריינגעפאַלן אין א רויטלעכקייט, אַזוי ווי דער קאָליר פון טיי-רויזן. איר קערפער איז געווען אַזוי געוויקלט, פארחתמעט מיט אַ צניעותדיגער חתימה, ווי די פליישיגע בלעטלעך פון די

סי־רויזן, ווען זיי זענען נאָך געפּאַנגען אין דעם שטאַרקן קנאָספּיגן קעליך.

זי איז געווען פריימוטיג, לעבעדיג און אויפגערוימט. זי האָט געלאַכט פריי, גערעדט פריי און זיך באַוועגט פריי.

פרענק, פאַרקערט, איז געווען אין אַ געדריקטן צושטאַנד. זיין פּנים, מיט די אויסגעהוינטיגטע, קנאָכיגע באַקן און גוט־אַנטוויקלטן שטערן־און־קין־שאַרבן, איז ווייטער געבליבן אָפן, פריי, זעלבסטבאַוואוסט און ווי תּמיד, אָן אַ הינטערגעדאַנק. זי האָט אָבער פּלוצים באַמערקט, ווי אין זיינע צוויי קינבאַקן, ביים מויל, האָבן זיך אַריינגעשניטן צוויי טיפע קנייטשן, וואָס ער האָט נישט געהאַט פריער. די בלויע אויגן, וואָס האָבן זיך ווי תּמיד נאָך אַלץ רעגלמעסיג באַוועגט אין זייערע פּראָפּאָרציאָ־נעלע גוט־אויסגעשניטענע אויגן־ראַמען, זענען געווען פאַרנעפּלט. ווען ער האָט געלאַכט, האָט ער נאָך אַלץ אַרויסגעוויזן זיינע גוטע, פון קינדהייט־אָן געפּלעגטע ציין. נאָר געלאַכט האָט ער זעלטענער און נישט אַזוי הויך און קינדיש־פריעסיג, ווי תּמיד. ער האָט קוים געשמייכלט, אויסשפּרייטנדיג זיין אויבערשטע, מיט אַ דינער וואָנסע־שיכט באַראַנדטע ליפּ, דערביי האָט ער אויסגעמיטן צו קוקן איר אין די אויגן. יאָ, און נאָך עפּעס: ער האָט זיך געהאַלטן צוריקגעצויגן. נישט קאַלט, נאָר רעזערווירט, איינגעהאַלטן. ער האָט נישט דער־מאָנט מיט קיין איין וואָרט דאָס געשעענע. ער האָט אָבער נישט געטון קיין איין שריט דאָס איבערצוחזרן, אָדער אַפילו צוצוקומען נאָענט דערצו. ער האָט זיך געהאַלטן פאַרשלאָסן אין זיך. כאָטש ער האָט נישט פאַרפעלט אַרויסצואווייזן איר זיין טיפן אינטערעס, זיין צוגעהעריגקייט צו איר און זיין זאָרגן וועגן איר.

און זי איז דווקא יאָ גרייט־געווען איבערצוחזרן דאָס געשעענע, מיט דער האָפענונג אויף בעסערע רעזולטאַטן. איר איינגעבוירענע צניעות, די גוטע קינדער־שטוב פון איר יוגנט, האָבן זי געהאַלטן געבונדן אין צוימען. זי האָט זיך אָבער געריסן פון זיי.

איינמאָל, ווען זיי האָבן זיך געפונען אויף אַן אויספלוג אין די בערג, אויף אַ בארג-שפּיץ, האָט זי אים פּראָוואָצירט. זי האָט גענומען זיין האַנט אין אירע און אים געקוקט אין די אויגן אריין:

— ביזט בייז אויף מיר, טייערער? — האָט זי אים געפרעגט.

— אָ, ניין, איך בעט דיך, רעד נישט דערפון.

— פאַרוואָס? מיר זענען ביידע מער נישט קיין קינדער. איך קאָן נישט אויסשטיין דיין באַציאונג צו מיר. דו האָסט זיך געענדערט.

— אָ, געליבטע! איך האָב זיך נישט געענדערט. פאַר־וואָס זאָגסטו אַזוי?

— איך פיל עס יעדן אויגנבליק. איך ווייס, עס איז מיין שולד, — זאָגט זי.

— איך בעט דיך, רעד נישט וועגן דעם.

זי האָט פאַרבויגן דעם קאָפּ, געקוקט אין דער זייט פון ים.

ער האָט איינגעקנייטשט דעם שטערן, געשוויגן אַ מינוט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן ערנסט:

— זאָג, עמיליע, ביסטו זיכער, אַז דו האָסט באמת גע־מאַכט אַ סוף צו אַלץ, וואָס איז געווען ביז איצט? אַז דו ביסט פאַרטיג דערמיט און קאָנסט אָנהייבן אויפסניי?

— איך האָב קיין געוועזן לעבן נישט געהאַט, — האָט עמיליע אים געענטפערט, — מיין לעבן הייבט זיך ערשט אָן פון דיר.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס נישט אַ סוף-מאַכן דערמיט? פּשוט, ווען דו ביסט גרייט איבערצושניידן מיט אַלץ, טאָ וואָס וואַרטן מיר? קום, מיר וועלן פאָרן קיין פּאַריז, איבערגעבן עס אַן אַדוואָקאַט. ער וועט דאָס נויטיגע באַזאָרגן.

זי האָט אַ מינוט געשוויגן אין טראַכטן און אָפּגע־ענטפערט:

— געוויס האָסטו רעכט. געוויס דאַרף מען אַזוי טון. און

איך וועל עס אויך טון. אָבער טרייב מיך נישט אָן, מיין פריינט. איך בעט דיך, טרייב מיך נישט אָן. צי קאָנען מיר דען נישט דערוויל זיין גליקלעך? לאָז עס רייפן.

— דו ביסט נישט פון די פרויען, וואָס קאָנען זיין „דער־ווייל" גליקלעך. דו מוזט האָבן אַ ריינע קאָנטע מיט דיין געוויסן. איך זע דאָך, איך בין גרייט אויף אַלץ, טייערע, — זאָגט ער.

— אָ, רעד נישט אַזוי. איך בעט דיך. שטעל עס נישט אויפן שפּיץ־מעסער. גיב מיר צייט.

— די גאַנצע צייט, וואָס דו דאַרפסט האָבן, — האָט ער איר אָפּגעענטפערט.

זי האָט גערעדט שטיל, געקלערט אין זיך: „איך בין אומגעדולדיג, נישט ער. די גאַנצע שולד איז מיינע".

זי איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט זיך איינגעקאָרטשעט אונטער זיין קינבאַק און אים געשעפּטשעט אין פּנים אַריין מיט הייסן, באַגערנדיגן אָטעם:

— איך האָב דיך ליב.

און זי האָט אַ פאַרהלשטע געזוכט זיינע ליפּן.

זיין קוש איז נישט געווען דאָס, וואָס עס פּלעגט זיין. זי האָט געפילט אין אים די ביטערקייט פונם שטאָך, וואָס איז געבליבן שטעקן אין אים נאָך יענער נאַכט.

זי האָט אַוועקגענומען איר פּנים פון זיינעם און איז שטיל־געוואָרן. פרענק האָט געזען, ווי די טרערן רינען איר איבער אירע בלייכע באַקן.

— ס׳ט עס נישט. איך בעט דיך, — האָט ער זי געבעטן.

— איך האָב פאַרדינט די שטראָף.

— רעד נישט אַזוי, איך האָב דיך ליב.

ער איז צוגעפאַלן צו איר און האָט זיך איר ווידער אינגאַנצן איבערגעגעבן מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן גלויבן, אָן יעדן צוריקהאַלט.

— נעם מיך! איך בין אינגאַנצן דיינע, דיינע, — האָט זי אים מיט ווארעמען אָטעם געשעפּטשעט אין פּנים אַריין.

דעמזעלבן פּאַרנאַכט האָבן זיי בײדע, ווי דאָס ערשטע מאָל, ווידער געטאַנצט אין דער „הײל פון די ים-רויבערס".

עס האָט זיך באַגײט זייער לעבן. עס זענען געוועזן די פרילינגס-טעג פון פאַרליבטע יונגע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן איינער פאַרן אַנדערן אַלץ. פון קיין תּכלית איז מער נישט גערעדט-געוואָרן. קײנמאָל האָט מען מער נישט דערמאָנט דאָס וואָרט „גט", כאָטש בײדע האָבן קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו קלערן וועגן דעם. זי האָט געוואַרט אויף אים, אַז ער זאָל מיט איר אָנהייבן צו רעדן דערפון. ער האָט געוואַרט אויף איר. און צוליב דערדאָזיגער סיבה זענען זיי אין זייער ליבע, אין זייערע אינטימערע באַציאונגען, נישט געקומען מיט קיין איין טריט פאָראויס...

זי פלעגט ליגן גאַנצע נעכט וואַך אויף איר בעלעגער, אויפציטערן מיט אַלע אירע איברים ביי יעדן מינדסטן גערויש, וואָס האָט זיך געהערט פון זיין צימער.

בײ אים זענען יעדן פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, די אויגן געווען צערייגעזונקען אין בלויע ראַנדן, אַזוי ווי ביי אַ שיכּור, אָדער ביי אַ שלאָף-דורשטיגן...

זי פלעגט זיך אויפכאַפּן פונם דרימלדיגן שלאָף, מיט אַ פלאַטערנדיגן ציטער אויסשרעקן די הענט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז נאָענט נעבן איר. ער פלעגט זיך אויפכאַפּן ווילד פון שלאָף, אויפגעוועקט פון אַ ווידערקול פון איר רוף, וואָס האָט אים גערופן. ער פלעגט ליגן און אָפּוואַרטן שעהן-לאַנג, ביז דער רוף וועט זיך איבערהזרן, זיך איבערציינגן, צי עס איז געווען אין דער וואָר אָדער אין חלום.

אַזוי פלעגן זיי ליגן, צוויי לעכצנדיגע לייבער, אָפּגעטײלט איינער פון אַנדערן דורך אַן אָפענער טיר, קיינער האָט זי נישט פאַרמאַכט, נאָר זיי אַליין האָבן צווישן זיך געלעגט אַ פייערדיגע שווערד, אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַט מורא, אַז מיטן אַריבערטרעטן די שוועל פון דער אָפענער טיר וועט די שווערד טויטן דאָס הייליגסטע, דעם איינציגן וועט אין זייער לעבן, — זייער ליבע.

עמיליע האָט פאַרבראַכט נעכט גאַנצע אין צוגרייטן זיך פאַרן אַנטשיידנדיגן שריט, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט מוזן קומען און געבן אַ גאַנץ אַנדערע ווענדונג איר לעבן. זי איז אַלץ נאָך נישט געווען אין זיך זיכער, אַז זי האָט שוין אָפּגעטויט פאַר אַלע צייטן יענעם אומבאַקאַנטן, אומפאַרשטענדלעכן שונא, וואָס לעבט אין איר און וואָס האָט זיך געשטעלט צווישן איר און פרענקן, יענעם נישט-גערופענעם דריטן, וואָס שטייט איבער איר, ווי אַ גזלן, און פאַראַליזירט איר ווילן אינם אַנטשיידנדן מאָמענט. זי האָט געאַרבעט איבער זיך אים צו באַצווינגען זיך געהאַלטן אין איין ראַנגלען מיט אים. זי האָט איינגערעדט אָט יענעם אומבאַקאַנטן אין איר, אַז ער איז זי באַפֿאַלן אין אַ שוואַכער מינוט און זי געקאָנט בינדן מיט די שטרויענע שטריק פון דער אויבנאויפיגער, קאָנווענציאָנעלער, שקרדיגער מאָראַל, וואָס איר גוטע בירגערלעכע דערציאונג האָט אַרויפגעלייגט אויף איר. זי האָט כמעט געגלויבט, אַז איצט, ביים צוריקגעווינען אירע פיזישע און מאָראַלישע קרעפטן, איז זי זיכער אין איר נצחון איבער „אים“. אָבער וויפיל זי האָט נישט געפרואווט אַליין זיך צו שטאַרקן אין איר איבערצייגונג אין דעם נצחון, האָט דער „דריטער“ געוואַגט אַרויסצושטרעקן פון צייט צו צייט זיין קאָפּ. זי האָט אים געפילט, ווי אַ לעבעדיג מעסער, אַריינגעשטאָכן אין איר קערפער, ווי אַ שד, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איר. זי האָט מורא מודה צו זיין, צו אָנערקענען זיין דאָ-זיין.

זי האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן — אפשר איז עס אַ קרענק אַזעלכע? זי האָט דערפון געהערט: „אינערלעכע שטערונגען“ רופט מען עס. נייע היילונגען באַשאַפן נייע קראַנקהייטן. אין איר קרייז, אין ניו-יאָרק, איז לעצטנס זייער פיל גערעדט-געוואָרן וועגן פּסיכאָ-אַנאַליז, פּסיכאָ-פיזיק. עס זענען געקומען אין מאָדע נייע דאָקטוירים. אפשר זיך מישב-זיין מיט אַ דאָקטאָר? זי וועט זיך ווענדן צו סילוויען. סילוויע ווייסט פון די אַלע מאָדערנע הייל-מיטלען. זי איז אַן אָנהענגערין פון דער „קריסטשען סאַיענס“ און האָט זי, עמיליען, נישט

איינמאָל אוועקגעפירט צו א „הייל-זעער”, וועלכער האָט זיך געלאָזט באַצאָלן, ווי א פּראָפעסאָר. סילוויע איז א גרויסע אָנהענגערין פון די אַלע נייע מעטאָדן.

אמת, זי האָט זיך געקווענקלט, זיך געשראָקן פאַר סילוויען. זי, סילוויע, איז אָבער געווען די איינציגע פרוי, וועלכע זי האָט דאָ געקענט, און זי האָט געדאַרפט א פרוי, פאַר וועלכער זי זאָל זיך קאָנען פאַרטרויען און מיט איר זיך מישב-זיין. זי האָט זיך געפילט אַזוי איינזאַם אין דער וועלט.

איין טאָג האָט זי געבעטן פרענקן, אַז ער זאָל זי אָפּפירן קיין מאָנטע-קאַרלאָ און זי דאָרטן לאָזן ביי סילוויען.

סילוויען האָט זי דאָסמאָל שוין אָנגעטראָפן מיט א יונגן איטאַליענישן זינגער, וועלכער איז געווען איר לעצטע „ליבע”. דעם משוגענעם שפּאַניער האָט זי אַוועקגעשיקט. מיט אים איז אַחוץ דער פּאַרטנערשאַפט ביים שפּיל-טיש, נישט געווען וואָס צו מאַכן... שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך אין דער פּאַרטנערשאַפט איז עפּעס קאַליע-געוואָרן. עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט א דריטער צעשטערנדיגער כוח. אָבער סעניאָר סאַלוואַטאָר איז איר איינציגער, ריכטיגער „פלאַם”, וואָס זי האָט געהאַט זינט יאָרן. ריין פּערזענלעך, הויל געפיל, וואָס „רירט-אָן דאָס פּרימיטיווסטע אין איר”. א חוץ אַלעם, איז סעניאָר סאַלוואַטאָר א צווייטער קאַרוזאָ. ער ווערט אונטערדריקט אין דער איטאַליענישער „אָפּערא-קאָמפּאַניע”, מיט וועלכער ער שפּילט אין מאָנטע-קאַרלאָ, צוליב פּראָפעסיאָנעלער קנאה, דורך דער אַלטער מכשפה, דער פּרימאַדאָנע, און איר געליבטן, דעם „מענעדזשער”. ער האָט נישט קיין שאַנס. זי, סילוויע, וועט ווערן זיין אימפּרעסאַריאָ, וועט אים ברענגען מיט זיך קיין אַמעריקע. זי האָט פאַרבינדונגען. זי וועט דורכזעצן וועלטן, אויפצודעקן פאַר אַמעריקע דעם נייעם טענאָר.

סעניאָר סאַלוואַטאָר, וואָס האָט, ווי יעדער טענאָר, געהאַט צו קורצע דיקע פיס און קורצע הענטלעך, האָט אָבער דערפאַר פאַרמאָגט א שפּאָרעוודיג בייכל, אויף וועלכן עס זענען זיך קוים צונויפגעגאַנגען זיינע צו-קורצע הויזן, און אַזוי יונג ווי ער איז, איז

ער שוין באַשאַנקען מיט אַ פליך. ער איז געזעסן דערביי, ווען סילוויע האָט פאַר איר פריינדין אויסגעגאָסן איר האַרץ. אַ חוץ איטאַליעניש, האָט ער קיין וואָרט פון קיין אַנדער שפּראַך נישט פאַרשטאַנען. ער האָט אָבער געוואוסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. סילוויע האָט, אַגב, מיט בולטע זשעסטן פון אירע הענט עמיליען געגעבן אַזוי אין געשפּרעך אָנצוהערענישן אויף אים. דער טענאָר איז דערביי געזעסן, מיט די שוואַרצע, גלאַנ־ציגע, ברענענדיגע אויגן זיינע, געטריי דעם ראָמאַנישן שפּריכוואָרט, אַז „דער בעסטער באַווייז פאַר ליבע איז די ליבע אַליין", האָט ער באַלד אויפן אָרט איבערצייגט עמיליען אין זיין טיפן געפיל צו סילוויען, און אָפּגעגעבן אַן עקזאַמען פון זיין דרומדיגן טעמפּעראַמענט. אַזוי אַז סילוויע האָט אים געמוזט איינשטילן און באַרואיגן, אַזוי ווי מען שטילט־איין אַ פאַרשייט־געוואָרן בוזים־הינטל — מיט פאַר עמיליען אומפאַר־שטענדלעכע איטאַליענישע ווערטער, וואָס זי, סילוויע, האָט זיך, צו עמיליעס איבעררашונג, אַזוי פלינק אויסגעלערנט אין משך פון אַזאַ קורצער צייט. זי האָט אים צוגעוואָרפן אירע אויסמאַסאַזשירטע און אויסמאַניקירטע פינגער פון איר האַנט צום מויל, ווי מען וואַרפט־צו אַ הינטל אַ שטיקל צוקער. יערנפאַלס, האָט עס ביי עמיליען צוגענומען דעם חשק אויסצופירן איר שליחות, צוליב וועלכער זי האָט געמאַכט די רייזע צו איר חברטע, און אָנשטאָט זיך פאַר סילוויען צו פאַרטרויען, האָט זי זיך פאַר איר פאַרשלאָסן. זי האָט זיך געשעמט צו פאַרטרויען פאַר איר חברטע אירע אומגעוויינלעכע סקרופּולן, איר שטאַרקע צניעותדיגקייט.

סילוויע האָט זי באַלד גענומען אין אַ זייט און געוואָלט געוואויר־ווערן „ווי עס גייט צווישן זיי", זי איז געווען „בלוטיג" פאַראינטערעסירט צו וויסן וועגן אַלץ, וואָס קומט־פאָר צווישן איר און פרענקן. זי האָט זיך — זאָגט זי — אינטערעסירט מיט דער „אַפּערע" און וויל וויסן אַלץ, אַלץ... זי האָט אויס־געפרעגט עמיליען וועגן איינצלהייטן, פון וועלכע עמיליע האָט זיך געשעמט. יענע האָט אָבער צודרינגלעך געפרעגט, געוואָלט אַלץ וויסן.

— איך האָף, אַז דו האָסט שוין באַזיגט דיינע בירגער־לעכע סקרופּולן, און דו ציסט נישט אַרויס דעם יונגנמאַן די נשמה. נאָר, ווי געזאָגט, לאָז דיר נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ. נעם עס קאַלט, לייכט, ווי מיר אַלע.

עמיליע האָט וואויל־מיידליש געלאַכט, אָפּענטפערנדיג:

— אין דער הינזיכט האָב איך עפּעס געלערנט. ווי דען אַנדערש?

— דו ווייסט, — זאָגט צו איר סילוויע, — ווען דו האָסט זיך געהאַלטן סנאָביש און ווי אַ צדקת געקוקט אויף אונז פון דער הויך אַראָפּ, האָב איך דיך נישט ליב־געהאַט. איצט רעדסטו דאָך אַנדערש. ביסט געוואָרן אַ לייט.

— אָ, כ'ווייס עס, — ענטפערט איר עמיליע.

— איצט זעסטו שוין אַליין, ווי דו ביסט געווען אויסער דעם פּלאַץ. דו ווייסט אַליין נישט, ווי קאָמיש דו האָסט גע־ווירקט מיט דיין האַלטן־זיך ביז איצט. אַצינד געפעלסטו מיר. אַצינד גראַטוליר איך דיך.

עמיליע האָט געלאַכט.

— עס זעט־אויס, אַז ביז איצט איז נישט געווען דאָס ריכטיגע.

זי האָט געגעבן איר פריינדין די האַנט און פאַרלאָזט פלינק איר וואוינונג.

עמיליע האָט געוואוסט, אַז זי איז באַגאַנגען צום צווייטן מאָל אַ געמיינע פאַלשקייט אין אירע הייליגסטע געפילן. זי האָט זיך געשעמט נאָכן וויזיט ביי סילוויען צו קוקן פרעמדן אין די אויגן. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס זי האָט זיך געפּרואווט פאַרענטפערן:

— און פאַרוואָס נישט? וואָס בין איך דאָס מער פון סיל־וויען? פאַרוואָס נישט מאַכן אַן ענד מיט די אַלע רעשטן פון די שאַבלאָנישע, בירגערלעכע אָפּגעלעבטקייטן? פאַרוואָס נישט נעמען די „אָפּערע" מיט פרעמדן אַזוי ווי זי, סילוויע, נעמט

עס, אָן אַ שווער געמיט, אָן קייטן אויף די הענט? מיט וואָס בין איך דאָס נישט ווי אַנדערע?

זי האָט זיך אָבער דאָך געפילט גליקלעך, וואָס איר ליבע צו פרענקן איז נישט קיין „אַפּערע” און עס איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש, ווי סילוויע מיינט עס. סילוויע און אירס גלייכן וועלן עס קיינמאָל נישט פאַרשטיין, קיינמאָל נישט זיין באַגליקט דערמיט. און מיט אַמאָל איז איר געקומען דער געדאַנק:

— פאַרוואָס עס פאַרלייקענען? פאַרוואָס קעמפן געגן דעם? איז זי נישט גליקלעך דערמיט? מוז זי ווירקלעך ליב-האָבן, ווי יעדע אַנדערע? די ליבע איז נישט קיין מאַשין. יעדער איינער ליבט אויף זיין שטייגער. געזונט צי קראַנק, ווער קאָן משפּטן? ליבע — דאָס איז מיין אייגנס, דער אופן פון מיין פערזענלעכן אויסלעבן זיך. איך האָב זיך ליב צו צערעמאָנירן מיט איר. און מעג עס זיין נאָך „סנאָביש”, „בורזשואַזיש”, „מאָראַליש” — איך וויל עס. איך בין גליקלעך דערמיט. עס איז מיינס. ווער קאָן מיר פאַרווערן?

יאָ, זי האָט איצט דערפילט, אַז זי האָט געזאָגט ליגן. זי האָט זיך אַליין באַליידיגט, פאַרשעמט און אָפּגעלייקנט דאָס הייליגסטע און בעסטע אין איר:

געגן וואָס קעמפט זי? מיט וואָס שעמט זי זיך? מיטן ריינסטן, וואָס זי פאַרמאָגט, — האָט זי זיך געהאַלטן אין איין פרעגן. — פרענק איז אַ קוואַל פון ריינקייט. יעדער באַריר מיט אים לייטערט, הויבט-אויף אַלץ פון זיין טאָג-טעגלעכער גראָקייט און פאַרוואַנדלט דאָס אין יום-טובדיגקייט. פאַרוואָס נישט פאַרוואַנדלען יעדן טאָג אין אַ יום-טוב? אַ גאַנץ לעבן יום-טוב?

עס איז איר ווי אַ ליכט אויפגעגאַנגען אין די אויגן, אַז דאָס וואָס איז געשען מיט איר יענע נאַכט, איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פון קראַנקהייט. פאַרקערט, עס איז געווען אַ סימן פון געזונטקייט און שטאַרקייט, וואָס לעבט אין איר. אַן אינסטינקט האַלט אין איר וואַך, אָפּצוהיטן דאָס הייליגסטע, מיט וועלכן זי איז באַשאָנקען-געוואָרן, פון טרוקענער, הייגטוועלטיגער

זאַכלעכקייט. דערדאָזיגער אינסטינקט אין איר איז אַ גוטער. ער קוואַלט-אַרויס פון איר אינערלעכער ריינקייט און רייכער נאַטור. ער דערהויבט זי צו אַ טאָט פון העכסטן עקסטאַז. פון אייביגן, האַרמאָנישן צוזאַמענגיסן זיך. זייער צוזאַמענקומען ווערט נישט זיין קיין געטראַנק פון דורשט, וואָס שטאַרבט-אָפּ מיט דער זאַטקייט, נאָר אַן אייביג זוכן זיך, אַ טראַגיש פאַרלירן זיך ביים געפינען. יאָ, עס איז דאָ אַזאַ געפיל, ווי ליבע. און מעגן זיי, די היינטוועלטיגע, נאָכמלחמהדיגע, אויסלאַכן, פאַר-שפאָטן און פאַראַכטן דאָזיגע געפיל. באַדויער איך זיי, וואָס זיי זענען, דורך זייער געפאַלנקייט, באַרויבט-געוואָרן דערפון. זיי זענען אומגליקלעכע בעטלערס, וועמענס גאַנצע עקזיסטענץ ווערט אויפגעפרעסן פון איין הונגער-אינסטינקט. זיי זענען קיינמאָל ביי אַ רייך-געדעקטן טיש נישט געזעסן. זיי זענען קיינמאָל נישט זאַט-געווען. זיי ווערן, ווי שקלאַפן, געיאָגט פון זייער הונגער און האָבן נישט קיין צייט אויפצוהויבן די קעפּ פון זייערע קאָריטעס און זען די זון...

זי איז געגאַנגען איבער די מאָנטע-קאַרלער גאַסן אַ פאַר-טרונקענע אין איר גליק. זי האָט געהאַלטן פרענקן אונטער איר אָרעם און האָט די מענטשן געקוקט מיט גליקלעכע אויגן אין פּנים אַריין. זי האָט געוואָלט צו יעדן איינעם זאָגן, צו די מענטשן און צו די אויסטערלישע ביימער אין באָטאַנישן גאָרטן:

— מיר ליבן זיך. איר הערט, מיר ליבן זיך. יאָ, ס'איז פאַראַן אַזאַ געפיל, וואָס הייסט „ליבע”. אַ דאַנק דיר, גאָט, דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך נישט געלאָזט שטאַרבן, איידער איך האָב עס דערקענט!

## קאַפּיטל 14

# דער פאַרלענגערטער אָרעם

ווי אַ באַלוינונג, ווי אַ נישט-דערוואַרטער גענוס, אַ חלק לעולם הבא, שטייט דער העכסטער גענוס, דער סעקסועלער אַקט, אונטער יעדער ליבע. ער שטראַלט-אויס טיילן פון זיך און באַלאָדט מיט זיין אייגנשאַפט טאָג-טעגלעכע איינפאַכע איבער-לעבענישן, וואָס צוויי זיך-זוכנדיגע מענטשן לעבן צוזאַמען דורך.

אָפּטמאָל זענען די שטראַלן פיל שטאַרקער, ווי דער עלע-מענט, פון וועלכן זיי קומען-אַרויס. ביי דעם סעקסועלן איז עס געוויס אַזוי. זיין בליעכץ איז אַ סך מער תאוותדיג, ווי זיין פרוכט. אונזערע חושים, אונזערע מעכאַנישע כלים, זענען צו ערדיש און פאַרשאָלטן צו דעם כעמיש-שטאָפּלעכן, פון וועלכן זיי זענען צונויפגעשטעלט, אַז זיי זאָלן זיין בכוח אויסצולעבן דעם גאַנצן הימליש-אומבאַגרענעצטן גענוס, וואָס דער וועלט-באַשאַף האָט אַריינגעלייגט אין דעם העכסטן עקסטאַז. כדי זיך צו פאַרגיטיגן, שיקט-אַרויס דער גענוס זיינע שטראַלן פיל פריער פאַר דער האַנדלונג. דאָס געשעענע וויברירט נאָך לאַנג אין אונזערע חושים. פון דעם קומען-אויף דאָס בענקען און פאַר-לאַנגען. זיי זענען שפּורן פון אייביגקייט.

ווער זאָגט עס, אַז ליבע לעבט זיך גאָר אויס אין דעם איין-איינציגן סעקסועלן אַקט?

זיי זענען געזעסןביידע אין קינאָ און געקוקט, ווי טשאַרלי טשאַפּלין פירט־אויס זיינע אַקראָבאַטישע שטיק, און זיך געפילט פאַרייניגט אין איין לאַך־ספּאַזמע.

אין די וועלדער, ביים אויסגעפינען פון אומבאַקאַנטע גע־וויקסן, אויף די שפּיצן פון איינזאַמע בערג, ביים אָנבליק פון ווילדע רעשטן פון חרוב־געוואָרענע בערג־שטעט, אין דער חסד־פולער שעה פון זונפאַרגיין, — האָבן זיי געפילט, ווי זייער בלוט וואָלט, דורך אומגעזעענע מאַגנעטישע רערן, וואָס פלעכטן זיך צווישן זיי, אַריבערגעוואַנדערט און זיך געגאָסן דורך די אָדערן פון זייערע קערפּערס. נישט נאָר בלויז אין טאַנץ, אין קאַלטן פרימאָרגן־שווים, נאָר אויך אויף דער נאַקעטער גאַס, צווישן אויטאָמאָביל־סכנות, דורך לייבער־געראַנגל, לויפן, גייען האַנט־ביי־האַנט, האָבן זיי דורכגעלעבט דאָס פילן פון זייער צוזאַמענגעהערן, פון זייער צוזאַמענזיין.

דער דורשט פון צוויי לעכצנדיגע לייבער האָט טויזנטער וועגן פון אויסלעבן זיך. ווער קאָן אָנציילן די אַלע פילונגען, וואָס זייער ליבע האָט, ווי אַ מאַי־רעגן, פאַרשפּרייט און מיט זיי באַפרישט און באַשפּרענקלט זייערע שריט? זי האָט פאַר־שווענדעריש צעגאָסן זוניגע שטראַלן אַרום זיך. זי האָט באַ־שאַפן וואונדער.

דערצו איז נאָך צוגעקומען די טיפע פאַרערונג און דרך־ארץ, וואָס עמיליע האָט געוואונען פאַר פרענקן, אַ פאַרערונג, וואָס איז געקומען פון קנאה.

וואָס לענגער זי איז געווען מיט פרענקן, אַלץ בעסער האָט זי אים דערקענט. זי האָט זיך צוגעהערט צו זיינע גע־שפּרעכן, געוואויר־געוואָרן וועגן דעם טיפן, אומדערשיטערלעכן גלויבן, וואָס עס באַזיצט דער יונגערמאַן. זי האָט געזען זיין גלויבישע גאַנצקייט, זיין קלאָרן, ריינעם כאַראַקטער, וואָס גרע־נעצט מיט פראָסטער נאַאיווקייט, און האָט אים אַלץ מער מקנא־געווען. זי האָט זיך אין אים אָפּגעשפּיגלט און געזען דורך אים איר אומרואיגע נאַטור, איר לויניש געמיט. זי האָט אים מקנא־געווען, אים מיט זיין גויאישקייט, זיין געזונטקייט, און

זיין גאַנצקייט. די קנאה האָט געבראַכט צו פאַרערונג און נאָך עפּעס מער. עס האָט אין איר אויפגעפלאַמט איר יידישער ענטוזיאַזם, איר באַלעבט געמיט, און זי האָט שוין געזען אין דעמדאָזיגן יונגנמאַן עפּעס אויסערגעוויינלעכעס, און האָט אים דאָס איינגערעדט.

פרענק האָט זיך געטיילט מיט איר מיט אַלע זיינע גע־דאַנקען און אידייען. עמיליע איז פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין אַ תּלמידה, וואָס מאַכט דעם רבין. זי האָט אין אים אַריינגעזאָסן גלויבן אין זיינע אייגענע כּוחות. זי איז געווען פון יענע פרויען, וואָס האָבן זיך תּמיד געפונען ביי אויסלייזערס, ביי זעערס, אַ פרוי, וואָס קאָן באַגייסטערן דורך איר צוהאָרכן זיך און פאַרנעמען. איר געהאָרך איז געלעגן אין איר בליק. דער בליק אירער איז געווען פול מיט ווייטאָגדיגן ענטוזיאַזם, מיט אַ פרומען, אומדערשיטערלעכן גלויבן. זי האָט דעם יונגנמאַן, וואָס איז געווען באַלאָדן מיט אַלדאָס־גוטס, וואָס זיין נאַטור און דער־ציאונג האָבן אים מיטגעגעבן אין לעבן אַריין און וואָס איז דאָך אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריגער, — זי האָט אים געהאָלפן אויפבינדן זיינע אייגענע שפּייז־בינדן.

זי האָט איינגערעדט פרענקן, אַז אים דערוואַרט נישט נאָר בלויז אַ קאַריערע פון אַ מענטש מיט אַ גרויסער שאַפנ־דיגער נאַטור, נאָר אַז ער טראָגט אין זיך אַ דערלייזנדיגע שליחות. זי האָט דעמדאָזיגן גלויבן אין אים, איינגערעדט אים נישט נאָר בלויז דורך ענטוזיאַסטישע ווערטער, נאָר פיל מער דורך דעם אינערלעכן געפיל, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין שטילער, פרומער אונטערטעניגקייט. אַ שכינה האָט זיך צעגאָסן איבער איר פּנים, בשעת זי האָט זיך צו אים צוגעהערט, ווען ער האָט זיך מיט איר געטיילט מיט זיינע אידייען. אין דעם איז איר געקומען צו הילף איר יידישער גלויבנס־דורשט. זי האָט געבראַכט פרענקן יענע יידישע ווייבערשע פרומע אונ־טערטעניגקייט, מיט וועלכער אירע באָבעס פלעגן זיך צוהערן, אויף די שוועלן פון פראַנקפורטער געטאָ, צו די תּלמודישע דיספּוטן, וואָס זייערע מענער פירן אין די בתּי־מדרשים.

פרענק האָט געקראָגן די כאַראַקטעריסטישע אַמעריקאַנישע דערציאונג פון זיין סבֿיבֿה. יענע דערציאונג, וועלכע אָנערקענט נאָר איין-איינציגן גאָט, וואָס האָט זיך אויסגעקליבן פאַר זיין היים דאָס געבענטשטע לאַנד אַמעריקע. דער גאָט, וואָס קען נישט קיין מיסטישע פאַרבאָרגענישן, דער גאָט פון פאַרנונפט, פון פּאָזיטיוויזם און זאַכלעכקייט.

די ריטער פון גייסט אין אַמעריקע, די אַמעריקאַנישע וויסנשאַפטלער און פילאָזאָפן, האָבן אָפּגעצאָלט דעם אָפּגאָט מולך, דעם אַמעריקאַנישן פילאַנטראָפּ, פאַרן ביסן ברויט, וואָס ער גיט זיי.

אין קיין שום לאַנד האָט דער מאַטעריעלער וואוילשטאַנד גײַסט אַזוי איינגעשפּאַנט דעם גייסט אין זיין רייטוואָגן, ווי אין אַמעריקע. די אוניווערסיטעטן זענען גרויסע מילן, וואָס מאָלן דורך די קערנער פון גייסט און מאַכן אים פאַרדיי-פעאיג פאַרן מאָגן פון אַרבעטזאַמען „בעביט". נאָר אין אַמעריקע, וואו די אוניווערסיטעטן זענען אויף קעסט ביי די גבֿירים און שטייען פאַרשריבן צוזאַמען מיט אַנדערע צדקה-אויסגאַבן אין זייערע פילאַנטראָפּישע ביכלעך, האָט דער פרייער אַרומשוועבנדיגער גע-דאַנק געקאָנט אַריינגעבראַכט-ווערן אונטער די ענגע ראַמען פון נוצלעכקייט און זאַכלעכקייט. אַלץ וואָס שטאַרצט-אַרויס פון די ראַמען, ווערט אַרומגעשניטן, פאַרניינט, פאַרשאָלטן דורכן שם פון „פּראָספּעריטי". מיטן דאָזיגן תּירוץ ווערן געלעזט אַלע וועלט-רעטענישן, אַלע קשיות פאַרענטפערט.

אינם דאָזיגן גייסט איז פרענק דערצויגן-געוואָרן. זיין קערפּער און נשמה זענען געוואָרן טרענירט, איינגעאיבט נישט פאַר קיין אַנדערן צוועק, ווי פאַר פּראַקטישעס און נוצלעכעס. קיין באַלאַסט פון אַלטע אויסגעגאַנגענע קולטורן. רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע, פאַרלעגענע ירושות זענען אַראָפּגענומען-געוואָרן פון זיינע פּלייצעס. ביי אים איז אַלץ געווען פאַרן איינציגן צוועק: אַרויסצוציען וואָס אַ גרעסערן טכום נוצן און באַקוועמ-לעכקייטן פון זיין פיזישער און גייסטיגער דערציאונג. ער איז געווען געוואוינט פון קינדהייט-אָן זיך צו שטעלן יעדן פרי-

מאָרגן און אָוונט אונטערן קאַלטן טוש, אין די קאַלטסטע ווע־טערן צו מאַכן אין דרויסן זיינע גימנאַסטישע איבונגען, צו לויפן אויף אַלערליי רעדער, אין ווינטער־נעכט איבערצונעכטיגן אין אויפגעשלאָגענע געצעלטן אין וואַלד, אויפן פעלד, וואו ער פלעגט פאַרברענגען, אַלס „באַי־סקויט", מיט זיינע חברים, די „וויקענד" (סוף וואָך) אין „קעמפּס" אין די וועלדער, צווישן די סטאַוון, אין די בערג. האָבן זיך זיינע גלידער אַנטוויקלט אַמילעטיש. אַזוי ווי די פיזישע, אַזוי איז אויך געווען זיין גייסטיגע דערציאונג. לויט די מעטאָדן פון די פּאָזיטיוויסטן ספּענסער און מיל, איז זיין מוח פון קליינערהייט אָן געוואָרן אָנגעשטאָפּט מיט פּאָזיטיוון וויסן, מיט נאַטור־וויסנשאַפט און מאַטעמאַטיק. יעדעס גייסטיק גוטס, וואָס בלאָנדזשעט־אַריין אין די פאַרנעפּלטע ספערן פון מעטאַפיזיק, איז געהאַלטן־געוואָרן ווייט פון אים. זיין פאָטער, דער פּראָפעסאָר, איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דעם געדאַנק פון אַמעריקאַנישער אומ־אָפּהענגיגקייט פון אייראָפּעיִשן דענקען אין דער פילאָזאָפיע, אין דער וויסנשאַפט, דעם געדאַנק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו שטאַרקן ביי דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ זינט דעם מלחמה־אויסברוך. לויט די מעטאָדן פון דער אַמעריקאַנישער דערציאונג, האָט דער פּראָפעסאָר זיין זון געלערנט נאַטור־וויסנ־שאַפט נישט פון ביכער, נאָר פון פּראַקטיק, דורך באַאָבאַכטן די דערשיינונגען פון דער נאַטור אַליין. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין זון אייגענע בינשטאָקן, געהאַלטן אין זיין גאָרטן שטייגן מיט חיות, געהאַט אַן אייגענע כעמישע לאַבּאָראַטאָריע. ווען ער האָט נאָר געהאַט צייט, האָט ער געפירט זיין זון אויף געיעג נאָך זומער־פייגעלעך און אינזעקטן, אָדער ער האָט אים גע־בראַכט צו זיין קאָלעגע, דעם פּראָפעסאָר פון אַסטראָנאָמיע, בּדי פרענק זאָל האָבן די געלעגנהייט צו זען די שטערן פון דעם אַסטראָנאָמישן טורעם, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט געהאַט פּריוואַט ביי זיך איינגעאָרדנט אויבן דאַך פון זיין וואוינונג. פרענק איז אַזוי דערצויגן־געוואָרן, אַז די מעכאַניק פון זיין אופן דענ־קען איז שוין געווען, ווי ביי דער גאַנצער אַמעריקאַנער יוגנט,

איינגאַנצן אונטער דער השפּעה פון דעם פּראַגמאַטיזם, דער פי־לאָזאָפיע פון וויליאַם דזשעימס: יעדע דערפאַרונג, יעדע זאַך, יעדן געדאַנק אָפּצוצוימען, אָפּצוגרענעצן פון די פאַרפירערישע מעטאַפיזישע נעפּלען, וואָס לויערן אַרום אים, און אים לאָזן, ווי דורך אַ ליכט-פּריזמע, אויף דעם איינציגן פאַרנינפטיגן וועג פון פּראַקטישע פאָלגן און האַנדלונגען. צוזאַמען מיט דעם פּאָ־זיטיוון אַמעריקאַנישן פילאָזאָף דיואי, האָט ער געשטעלט יעדע דערוואָרבענע דערפאַרונג אין אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צו דער ערד:

„אונז איז נישט געגעבן-געוואָרן די הערשאַפט פון הימל, נאָר פון דער ערד, און מיר מוזן באַטראַכטן יעדע זאַך פון דעם איינציגן שטאַנדפּונקט, פון איר רעאַלן באַשטאַנד אויף דער ערד. מיר גייען פון שלעכטן צום גוטן. מיט דער מאָס ווערט אַלצדינג געכאַפּט. נישט שלימות איז דער צוועק, נאָר דאָס אייביגע פליסן, דער פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. מיר פאַר־וואַנדלען די ערד אין הימל. לויט פּראָפעסאָר סאַנטאַיאַנא, האָט ער געלערנט, אַז פאַרנונפט איז דער איינציגער יתרון, וואָס מאַכט פון דעם מענטש די העכסטע חיה. דורך פאַרנונפט איז דער מענטש בכוח צו פאַראייניגן די ביידע זייטן פון צווענגל, דעם אימפּולס און די אויפפאַסונג, דורך וועלכע ער גרייפט-אָן און באַהאַלט אַלע דערפאַרונגען.

דערביי איז דאָס דערוואָרבענע געוועזן באַשטראַלט פון אַן אומדערשיטערלעכן בטחון, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער יינגער אַמעריקאַנישער ראַסע.

דער אַמעריקאַנישער בטחון פליסט נישט אַרויס פון טיפן גלויבן (ווי עס איז דער פאַל מיטן יידישן אָפּטימיזם), נאָר ער איז אַ פּראָדוקט פון צוגעוואוינטן וואוילשטאַנד און שטענדיגער שפע, אין וועלכער עס באָדט זיך דורך אַזויפיל דורות דאָס־דאָזיגע פאָלק. דער מענטש אין אַמעריקע איז באַפרייט פון קנאהדיגע שכנים און נקמה-זוכנדיגע פיינט, מיט וועלכע עס איז אַרומגערינגלט יעדעס אַנדערע פאָלק אין דער אַלטער אייראָ־פּע, האָט זיך אין צים אַנטוויקלט אַן אָפּטימיסטישע צוגעוואוינט־

קייט, אַז זיינע פעלדער וועלן שוין שטענדיג בליען, אַז די קוימענס פון זיינע פאַבריקן וועלן זיך שטענדיג רויכער'ן, אַזוי ווי ער איז עס געוואוינט צו זען פון נעכטן און אייערנעכטן. די צוגעוואוינטקייט צו זיין וואוילשטאַנד האָט אַנטוויקלט אין אַמעריקאַנישן כאַראַקטער אַ נישט-אָפּהענגיגקייט פון פרעמדע פאַקטאָרן, וואָס פירט צו אַ חוצפהדיגער פאַרלייקענונג פון יעדער אויטאָריטעט, צו אַ זאָרגלאָזער פאַרשווענדערישקייט, און צו אַ טראָציגער יוגנטלעכער איינגעגלויבטקייט אין די אייגענע כוחות.

דידאָזיגע אַלע אייגנשאַפטן, צי גוט, צי שלעכט, פאַרמירן יעדן אַמעריקאַנישן כאַראַקטער. זיי האָבן אויך געפורעמט פרענקן.

ביי אים איז נאָך צוגעקומען די פוריטאַנישע טראַדיציע פון זיין משפחה און סביבה, די דיסציפּלין פון זיין קלאַס. ער איז אויפגעצויגן-געוואָרן אין דעם גייסט, אַז דער מענטש קומט אויף דער וועלט מיט אַ באַשטימטן חוב, און דאָס איז: איבערצונעמען דאָס פאַראַנענע, אָן יעדן אָפּפרעג, און עס ווייטער צו אַנטוויקלען, דערציען, קולטיווירן דורך זיינע אייגענע קרעפטן און פעאיגקייטן, כדי איבערצוגעבן די ירושה נאָך פיל רייפער און רייכער, ווי ער האָט זי איבערגענומען. און דאָס איז דער צוועק פון לעבן. נישט די שלימות איז דער ציל, נאָר דער אייביגער פּראָצעס פון פאַרבעסערן, פון אַנטוויקלען, אָן יעדער קשיא „נאָך וואָס” און „צו וואָס”.

דורך אָפּרייסן זיך פון זיינע עלטערן, איז פרענק שפּעטער געקומען צו אַן אומאָפּהענגיגקייט פון דענקען, וואָס האָט אים איינצייטיג באַגליקט, אָבער אויך באַאומרואיגט און דורכגעלעכערט זיין האַרץ מיט ספקות.

קינדער, וואָס זענען געוואוינט צו גיין פון זייער יוגנט אויף אָנגעצייכנטע וועגן, וואַקלען זיך, מאַכן זיג-זאַגן, ווען מען לאָזט זיי אַליין. פרענק האָט פאַרלאָזט דעם אָנגעצייכנטן פאַ-

טער-וועג. ער איז אָבער מיט אים געווען פאַרבונדן מיט טויזנטער שנורן. ביי דער גאַנצער אָפגעריסנקייט זיינער איז ער געווען אַ געהאָרכזאַמער זון, און ער האָט נישט געזען, ווי ער גייט אַ בלאָנדזשעדיגער, אַ רעוואָלטירנדיגער, אָבער ער גייט אַלץ אויפן פאָטערס אָנגעצייכנטע ליניעס.

ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט „רעוואָלטירנדיגע" אידייען. אָבער דידאָזיגע אידייען זענען געווען אַ פועל-יוצא פון זיין דערציאונג, פון זיין סביבה, פון דער וועלט-אָנשויאונג, פון וועלכער ער איז אַרויסגעוואָקסן אין „גאָטס אייגן לאַנד, אַמעריקע".

ער האָט געוואָלט געבן דעם אַמעריקאַנישן צופאַסונגס-געדאַנק אַ ווידזשאָנערישן אויסלייז. נישט מאַכן אים פאַר אַ נע-בעכדיגן מחילה-בעטן פאַר דער „פראָספעריטי", נאָר אים אויפ-הויבן צו אַ רעליגיע. ניין, נישט קיין קריכנדיג נאָכמאַכן פון דער אייראָפעיִשער קולטור, נישט קיין פאַרשפעטיגטע ראָמאַנ-טיק. אַמעריקע באַשאַפט אומבאַוואוסט אַ נייע רעליגיע פון מאָדערנעם מענטש. איר טעכניק, איר באַקוועמלעכקייט, נישט איר קולטור, נאָר דווקא איר ציוויליזאַציע, איז דאָס העכסטע, גרעסטע גוטס. וואָס עס פאַרמאָגט די מענטשהייט. זי איז אים-שטאַנד צוצואוואַרפן דער מענטשהייט אַ נייעם רעטונגס-שנור.

ער האָט געטיילט מיט עמיליען זיינע אָנשויאונגען איבער דעם חילוק צווישן דעם שעפערישן און מעכאַנישן שכל, צווישן דער שעפערישער און מעכאַנישער אינטואיציע:

דער מענטש איז די איינציגע אינטעליגענטע חיה, וואָס האָט זיך דעראָבערט שעפערישן שכל און שעפערישע אינטואיציע. אַלע אַנדערע באַשעפענישן זענען נאָר אויסגעריכטעט-געוואָרן מיט געבונדענעם מעכאַנישן „שכל", וועלכן די יצירה האָט זיי מיטגעגעבן (ווי דער דערפינדער דער מאַשין) אויפן וועג, כדי בכוח צו זיין מלחמה צו האַלטן פאַר זייער קורצן קיום מיט אַנדערע באַשעפענישן.

וואָרים, וואָס איז די נאַטור, ווען נישט דער טרעגער פון אַ שוואַרצן, פינסטערן טייוול? ווען נישט אַן אויסראָטנדי-

גער קריג? נישטאָ אין איר קיין שפור פון גערעכטיגקייט, מאָ־ראַל אָדער רחמנות, — אַ פינסטער געזעץ פון וואַלד, אַן אויס־ראַטנדיגע מלחמה טיף אין דער ערד צווישן די וואָרצלען, אַ מלחמה אין דער לופטן צווישן די צווייגן פון בוים, אַ פרעסן איינס דאָס אַנדערע. די מלחמה גרייכט ביז טיף אין ים. קיין שום טייוולשע פאַנטאַזיע איז נישט אימשטאַנד אויסצוטראַכטן די אַכזריות, די גרויזאַמקייט פון דער נאַטור. די אינזעקטן פרעסן נישט נאָר בלויז איינס דאָס אַנדערע, נאָר עס זענען נאָך דאָ אַזעלכע, וואָס וואַרפן־אַרויס דעם ברי פון די בייכער פון פרעמדע מוטערס און פאַרלייגן דאָרט זייער אייגענע זרע, כדי אויסצוברייען זייער נאָכקום. עס איז אַ „קאַץ־און־מויז־שפיל". וואָס איז דער חילוק, צי דער מענטש איז יאָ אונטערגעוואָרפן צו די געזעצן פון דער נאַטור, אָדער נישט? מיר האַלטן זיך דאָך אין איין באַפרייען פון איר. די מענטשלעכע געטלעכקייט הייבט זיך אָן פון ערשטן אויפבראָך, פון ערשטן אויסלייז פון די קלעמען פון דער נאַטור, פון פאַרלענגערן דעם אָרעם. גע־וויס שטעקן מיר נאָך אין מיטן, אומבאַהאָלפן, אָפּהענגיג, אָבער מיר גייען אויפן וועג פון באַפרייאונג. יעדן טאָג, יעדע רגע מאַכן מיר אַ טריט פאָרויס. דער גאַנצער מענטשלעכער געדאַנק איז געווענדעט צו איין איינציגן צוועק: זיך צו באַפרייען פון די פינסטערע נעגל פון דער נאַטור. און מיר באַפרייען זיך. יעדער פאָרשריט, טאָקע דער ריין־מעכאַנישער, איז אַן אַרויס־רייסן זיך פון אירע נעגל. דאָס איז אונזער וועג צו שלימות. מיר פאָרשן־אויס אונזער מהות, און מיר פאַרבעסערן עס. נעכטן האָבן מיר זיך נאָכנישט געקאָנט היילן פון פאָקן, היינט קאָנען מיר. מאָרגן וועלן מיר קאָנען צושטעלן פאַר אונזערע אָפּגע־שוואַכטע אברים די אויספעלנדיגע כעמישע שטאָפן און די אָפּ־געשוואַכטע אברים באַנייען. פונקט ווי מיר קאָנען שוין היינט אַנטוויקלען אָדער איבערבייטן בײַ קינדער קראַנקע דריזן. וואָס איז, אַז מיר באַשטייען פון צוזאַמענגעשטעלטע כעמישע שטאָפן, וועלכע לעזן זיך אויף נאָך אַ געוויסער צייט, ווען דאָס קיכל ווערט קאַליע? זיי צעפאַלן און פאַרוואַנדלען זיך אין אַנדערע

פאָרמען, אַזוי ווי יעדער אַנדערער כעמישער שטאָף. דאָס פרעגט נישט אָפּ אונזער חשיבות. וואָרים אַ חוץ די כעמישע שטאָפן, באַזיצן מיר נאָך עפּעס אַזעלכעס, וואָס מיר קאָנען עס נישט אַרונטערברענגען אונטער קיין שום מאַטעריע. דאָס איז די פאַרנונפט, און די פאַרנונפט האָט אונז געלערנט אונזער אייגענעם מהות. דורך איר בעסערן מיר אויס אונזער אייגענעם מאַטעריע-באַשטאַנד. מיר ערזעצן די צעפאַלנדיגע שטאָפן דורך אַנדערע. מיר וועלן אין דער צוקונפט גאָרנישט זיין אָפּהענגיג פון זיי. נעכטן האָבן מיר נישט געקאָנט פליען, היינט פליען מיר. מאָרגן וועלן מיר זיין בכוח אויסצוזוכן פאַר אונז אין קאָסמאָס נייע וועלט-פּלאַנעטן, וואָס האָבן אַרום זיך אַזעלכע גאַזן און אַטמאָספערן, אין וועלכע מיר וועלן קאָנען לעבן אונטער אַנדערע שטאָפּלעכע באַדינגונגען, ווי די, אונטער וועלכע מיר זענען געצוואונגען צו לעבן אויפן קלאָגלעכן פּלאַנעט, וואָס הייסט „ערד”. מיר וועלן קאָנען טוישן אונזער לעבנס-אופן, אַזוי ווי עס וועט אונז געפעלן.

ניין, דאָס איז נישט קיין פאַנטאַזיע. דאָס ליגט אין דער דערגרייכונג פון אונזער אַנטוויקלונג. אין הונדערט יאָר אַרום, אין טויזנט יאָר, אין צען טויזנט יאָר, — ווער קאָן אַוועקשטעלן אַ גרענעץ פאַר אונזערע מעגלעכקייטן? פון ווערים האָבן מיר זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון מענטש. מיר זעבען, צוגלייך מיט אַנדערע ווערים, געווען צווישן די שוואַרצע צוואַנגען פון דער נאַטור, און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון איר, אַריינגעבראַכט אָרדנונג, גערעכטיגקייט. מיר האָבן איר געגעבן אַ מאָראַל. בלינד איז זי, און מיר האָבן איר געגעבן אויגן. פאָרלויפיג זענען מיר נאָר די איינציגע, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון די געזעצן פון דער נאַטור, זיך געמאַכט אומאָפּהענגיג פון איר. יעדער אַנטוויקלונגס-אַקט, יעדער פאָרגעשריטענער טריט צו ציוויליזאַציע, צו דעם וועג פון אונזער אומאָפּהענגיגקייט, איז אַ געטלעכער אַקט. פאַר אים באַדאַרף מען האָבן די געטלעכע התפעלות. מיט רעליגיעזער פרומקייט באַדאַרפן מיר נאָכפאָלגן, מאַכן פאַר אונזער אייגנס, יעדן נייעם

פאָרשריט, יעדע נייע ענדערונג, יעדע נייע פאַרבעסערונג פון אונזער מאַשין, און נישט פאַראַכטן זיי.

און דערפאַר, ווייל אַמעריקע איז דאָס לאַנד, וואָס האָט מער פון אַלע לענדער אַנטוויקלט איר ציוויליזאַציע, דאָס הייסט, די מאַשין, — איז עס דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, און די אַמערי-קאַנער זענען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק. עס איז, דורך זיין פאָרשריט, מער פון די אַנדערע לענדער מסוגל צו גיין פאָרויס און אָנצואווייזן די מענטשן דעם וועג צו דערלייזונג. אַמערי-קעס באַפעלקערונג, וואָס איז געקומען פון אַלע טיילן פון דער וועלט, האָט דורך קרייצונג און צונויפמישונג פון פאַרשידענע ראַסעס און פעלקערשאַפטן געשאַפן אַ מענטשן-טיפ, וואָס איז פעאיג מער פון אַנדערע פעלקער צו שאַפנדיגע מעשים. דער אַמעריקאַנישער קאָנטינענט, רייך אין קלימאַטן, פון דעם הייסן דרום ביז צו די שניי-מדבריות פון אַלאַסקאַ, פאַרבן-רייך אין לאַנדשאַפט, געבענטשט מיט שפע, איז געווען און איז נאָך ווייטער דער צוגעפאַסטער באָדן, אויף וועלכן עס האָט געקאָנט אַנטוויקלען זיינע כוחות דאָס יינגע, קרעפטיגע אַמעריקאַנישע פאָלק און דערגרייכן דעם שפיץ פון אַזאַ ציוויליזאַציע, אַז אַלע פעלקער, מיט קללות אויף די ליפן, געפרעסן פון קנאה, גייען דאָך בלינדערהייט נאָך נאָך איר. ניין, אַמעריקע האָט זיך נישט וואָס צו שעמען מיט איר ציוויליזאַציע. אָנשטאָט זיך צו פאַרטיידיגן און זיך קליין צו מאַכן, באַדאַרף זי זיין שטאָלץ אויף איר, אויפהויבן זי צו אַ רעליגיעזן מיטאָס, ווייל זי איז דער איינציגער וועג פאַר אונזער באַפרייאונג.

די געדאַנקען זיינע האָט פרענק געפּרואווט אויסדריקן אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם (דעם חשק צו שרייבן האָט ער שוין געהאַט פון לאַנג. דאָס איז געווען דער גרעסטער שאַנד-פלעק, וואָס ער האָט געקאָנט ברענגען אויף זיין משפחה. צו ווערן אַ „שרייבער"). ער האָט זיין ערשטן פּרואוו פאַרעפנטלעכט פאַר עמיליען. „דער אָנהייב" האָט ער אים גערופן. די גע-בורט פון דער ערשטער מענטשלעכער אידייע. דעם מענטשנס אַרויסשייד פון דער חיהשער וועלט. די געבורט פון געדאַנק

ביים מענטש, אַז ער קאָן פאַרבעסערן די נאַטור, מאַכן לענגער זיין קורצן אָרעם אין קאַמף מיט די חיות, — אַז דער אָפּגע-בראָכענער צווייג, וואָס וואַלגערט זיך ביי זיינע פיס, דער שטיין, איבער וועלכן ער פאַלט, קאָנען אים דינען פאַר אַ צייטווייליגן צוגאָב-אבר. ער שטייט און קוקט אויפן צווייג. הונדערטער מאָל איז ער פאַרבייגעקראָכן אַרום אים און זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי אים. איצט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער קוקט אויפן צווייג, און אַ חשק שיילט זיך אַרויס זייער מטושטש אין זיין באַוואוסטזיין, אָנצונעמען דעם צווייג. ער פּרוּווט עס הונדערטער מאָל — צוערשט מיטן נאָענטסטן, מיט די ציין, דערנאָך מיט די צווייטע צום לייכטסטן צוגעפּאַסטע אברים — די פאָדערשטע צוויי לאַפּעס, וואָס ער האָט זיך זינט אַ גע-וויסער צייט אויסגעלערנט צו האַלטן אַרויסגעשטרעקט אין דער לופטן, נישט צו באַרירן די ערד מיט זיי. ער טאַפּט עס אָן מיט די לאַפּעס און לאָזט עס פאַלן הונדערטער מאָל, טויזנטער מאָל. טיילמאָל קאָן ער עס אָננעמען, האַלטן אַ ווײַלע. ער לאַכט-אויף, אָבער ער קלערט קיינמאָל גאָרנישט דערביי. ס'איז אַ שפּיל. איינמאָל אָבער, ווען ער האָט זיך געשפּילט מיטן צווייג, האָט זיך אַרויסגעשיילט, ווי פון דער טונקעלער נאַכט אַרויס, אַ געדאַנק ביי אים. ער קעמפט מיט די שאָטנס אַרום אים. נאָר וואָס אַ מאָל קלערט עס זיך מער אויף. עס פאַכט זיך אַריין אין אַ ראַם. דער אימפּולס פון דעם געדאַנק פאַר-איייניגט זיך מיט אַ באַגריף. עס ווערט געבוירן אין אים אַ באַוואוסטזיין. ער שאַפט זיך דערפון אַן איינהייט-אידייע. די-דאָזיגע אידייע פאַרלאַנגט איר אויספיר. זי גיסט זיך אַריין אין די חושים, באַפעלט זיי זיך צו האַלטן גרייט. זי רופט זיי צום מושטיר, צום אויספּרואוו. די האַנט שטרעקט זיך אַרויס באָכאַמאָל, אומגעלומפּערט און מיט שרעק. איצט מאַכט ער דעם פּרואוו אָנצונעמען דעם צווייג שוין מיט באַוואוסטזיין, צו אַ געוויסן צוועק. צום ערשטן מאָל געלינגט עס נישט. די האַנט פאַלט אין דער זייט. דאָס אויג איז נאָך נישט צוגעפּאַסט צו צילן מיט אַ האַנט-אויסשטרעק. די אידייע, וואָס האָט זיך איצט

שוין פאַרקערפערט אין אַ ווילן, לאָזט אָבער נישט אָפּ. אַלע אברים זענען אָנגעגאָסן מיטן דאָזיגן ווילן, און זיי זענען אייג־געשפּאַנט דורך פּאַרמיטלונגס-בענדער און מוזן געהאָרכן. די האַנט שטרעקט זיך אויס, די פינגער בויגן זיך, און אָט האַלט ער שוין שטאַרק און מעכטיג דעם צווייג. ער קוקט אויף אים. אַ פאַרוואונדערונג ליגט אין די אויגן. אַ לאַכן, צוזאַמען מיט אַ שרעק, באַפאַלט דעם מענטש. פּלוצים געשעט עפּעס. דער חוש-הריח, וואָס איז אַנטוויקלט צומבעסטן, דערפילט אַ באַקאַנטן געשמאַק, דער חוש פון אויער פאַרנעמט אַ שאַרך פון די בלע־טער. מיטאַמאָל ווערט אַלץ פאַרגעסן. אַלע אברים ווערן אָנגע־גאָסן מיט שרעק, אַן אומרו קומט אין די אויגן. אַ בילד שטייט אין זכרון: אַ חיה צערייסט אַ מענטשן-לייב. דאָס געזעענע רופט-אַרויס אַ חידערקלאַנג. די חושים אַרבעטן איצט שנעלער. אויס געוואוינהייט רייסן זיך די פיס פון באָדן, ווי זיי האָבן געטון נעכטן און אייערנעכטן, ווי עס האָבן געטון פריער אַלע אַנדערע פאַר אים.

אָבער דאָ געשעט עפּעס. זיין בליק פאַלט אויפן שטיק האָלץ, וואָס ליגט פאַר אים. אַ ווייטע, שווערע דערמאָנונג דרייט זיך אַריין אין זיין באַוואוסטזיין. ער דערמאָנט זיך די שפּיל. איצט העלפט שוין צו די נויט. זי שאַפט דעם געדאַנק. דער ווילן ווערט אָנגעגליט. די אברים באַוועגן זיך פיל געשיק־טער. איצט כאַפּט ער דעם צווייג מיט דעם גאַנצן אימפּעט. ער אַנטלויפט נישט. ער שטייט אַנטקעגן דער אַרויסקריכנדיגער חיה מיט אַ פאַרלענגערטן אָרעם. דער מענטש האָט באַזיגט די נאַטור! זיין ערשטער אַרויסטריט!

אָט האָסטו ווידער אַ גרענעץ, דורך וועלכער מיר קאָנען נישט דורכשפּרייזן בלויז מיט אונזערע חושים. מיר מוזן דאָ רופן צו הילף אַ העכער, אַן אומאָפּהענגיג וועזן, וואָס שטייט מחוץ אונזערע חושים, כדי מיר זאָלן פאַרשטיין דעם מענטשנס ערשטע טריט. געוויס האָט ער עס נישט געטון מיט אייגענע כוחות. אַ געטלעכקייט איז אים געשטאַנען צוקאָפּנס, האָט באַ־רירט זיין האַנט און געגעבן אים דעם ערשטן אימפּולס. אויב

נישט, פאַרוואָס האָבן עס נאָך ביזן היינטיגן טאָג אַנדערע נישט נאָכגעטון?

דעם מענטשנס אַרויסטריט אויפן וועג פון ציוויליזאַציע איז געווען אַ געטלעכער אַקט. עס איז די העכסטע עטישע טאַט. אַז דו ווילסט, איז עס אונזער אמונה.

— וואָס פאַרשטייסטו אונטער די ווערטער: „געטלעכער אַקט“, „געטלעכקייט“? — פרעגט זי אים.

— יעדעס מאָל, ווען איך שטיי פאַר אַ זאַך, וואָס איך קאָן נישט באַגרייפן מיט מיין שכל, רוף איך עס אָן אַ געטלעכער אַקט. איך רוף עס אַזוי, ווייל איך האָב נישט קיין אַנדערן נאָמען דערפאַר. און יעדעס מאָל, ווען איך קום-צו צו אַ גרענעץ, וואָס איך קאָן נישט דורכשפּרינגען, ווי דאָ ביים ערשטן מענטשלעכן אַרויסטריט, שטיי איך אַ דערציטערטער פאַר דעם, וואָס איז פאַרהוילן פאַר מיר, — אָבער נישט קיין פאַרלוירענער. פאַרקערט, איך האָב דאָס געפיל, אַזוי ווי איך וואָלט געהערט צו וועמען. איך בין ווי אַריינגענומען אין אַ היים, אונטער עמיצנס רשות, נישט אַרויסגעוואָרפן אויף הפקר פאַר די ווינטן און חיות. און איך ווער שטאָלץ, וואָס איך געהער צו יענעם טייל פון דער בריאה, וואָס איז אַרויסגענומען-געוואָרן פון דער קללה פון גולם, צו ווערן אַ שותף פון מעשה בראשית. דאָס גיט מיר מיין חשיבות. אָבער עס לייגט צו דערזעלבער צייט אויף מיר אַרויף דעם חוב צו טראָגן דעם צלם-אלוהים, צו זיין אַ מיטהעלפער, אַ ווייטערדיגער באַשאַפער. אַ באַשאַפנס, וואָס שאַפט, אַ לעבן וואָס געבוירט. מיטן כוח, וואָס עס האָט דערוואָרבן פאַר מיר מיין עלטער-עלטער זיידע, דורך זיין פאַרלענגערן דעם אָרעם, בין איך געוואָרן אַ שותף צו מעשה בראשית. דאָס איז אונזער שליחות. אויב דו ווילסט, איז עס מיין אמונה.

— אַלץ איז ביי דיר אַזוי זיכער, אַזוי פעסט, ווי עס וואָלט קיין איין שטרויכלונג נישט געווען פאַרפלאָנטערט אַרום דיינע פיס. מיט די פרעמדע וואָלטן מיר זיך שוין געקאָנט אַן עצה געבן. וואָס טוט מען אָבער מיט די אָפּגרונטן, וואָס זענען

אין אונז? מיט די געפאַרן, וואָס לויערן אין אונז אַליין? מיר ווייסן נישט, צי מיר באַזיצן טאַקע די בכורה, דעם ווילן צום ציל, אפשר זענען מיר אַזוי, ווי די אַנדערע באַשעפענישן, געפענטעטע? באַוועגלעכע גולמס. וואָס מען האָט פאַר זיי נאָר געלאָזט אַביסל לענגער דעם שנור, דרייען מיר זיך אין אונזער אייגענעם פאַרכּישופטן ראָד, אין אַ זיג-זאַגישן לאַבירינט. מיר זענען נאָך נישט זיכער מיט אונזער גאַנצער ציוויליזאַציע. צי האָבן מיר טאַקע געמאַכט אַ שריט פאָרויס? אונזער ציוויליזאַציע האָט נאָר אונזער שטייג אייבגעצ־דנט מיט מאָדערנע איינריכטונגען. זי האָט אָבער נישט צעבראָכן די קייטן. די קייטן אויף אונזערע אברים זענען נישט פון דרויסן. אונזערע אַלע חושים, אינסטינקטן, אַלץ וואָס טרייבט-אָן מיט אונזער לעבן, ווילן, מעשים, זענען באַזעצט מיט נישט-גוטע, וואָס שטייען מחוץ אונזער קאָנטראָל. טיילמאָל כאַפּט מיך אָן אַ שרעק פאַר די געפאַרן, וואָס לעבן אין מיר אַליין. בין איך אַ פרייער מענטש? למשל, כאָטש מיין אויפפירן זיך לעצטנס? — זי האָט זיך פאַרשעמט, אָפּגעהאַקט, דערנאָך צוגעלייגט:

— יאָ, דיר איז דאָ וואָס מקנא צו זיין, געליבטער.

ער האָט זי אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס און זי צוגעפירט צום אויטאָ, זאָגנדיג איר:

— דאָס שיינע, דאָס טראַגישע אין אונז איז דווקא אונזער אינערלעכע געשטערטקייט, אונזער קאַמף מיט זיך אַליין. איבער די קעפּ פון אַלע רוחות גייען מיר צו אונזער זיג. געוויס, געוויס, מיין קינד, שטעקן מיר נאָך, ווי עמבריאָנען אין בלוטקישנס, טיף אינם קישן פון דער נאַטור-נאַכט, מיט אַלע אירע רוחות-רעות... געוויס וואַיען-אַרויס נאָך פון דער פינסטער אַלע שוין אויסגעפאָרשטע און נאָך נישט אויסגעפאָרשטע כּוחות. זיי שטרעקן-אויס זייערע לאַפּעס און ווילן אונז ווידער אַריינציען אין זייער רשות, פון וועלכן מיר באַפרייען זיך. אָבער הערט זיך נישט איין צו זייער קלאָגשטימע. אונזערע רעדער זענען

געלאָזט-געוואָרן אין גאַנג דורך דעם ערשטן שטויס. און איבער אַלע מכשולים טרעטן מיר אויס דעם וועג אין דער אומענדלעכ-קייט. וואָרים נישט די שלימות איז דער עיקר, עמיליע, נאָר דער גאַנג צו איר...

זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט אונטער זיינע שטאַרקע אָרעמס און געטראַכט זיך:

— אין דידאָזיגע אָרעמס איז גוט צו רוען. מען איז גע-שיצט אין זיי.

צומאָרגנס האָט זי אים דערציילט פון אַ בילד, וואָס זי האָט געזען אין דער נאַכט פון זייער געשפּרעך אין חלום: ער, פרענק, איז געשטאַנען אויף אַ שפּיץ-באַרג, באַגאָסן מיט רויטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. די בערג אַרום זענען אַלע פאַרוואַנדלט-געוואָרן אין פּלאַטפאָרמען. אויף זיי זענען געווען פאַרזאַמלט אומצייליקע מענטשן. פרענק האָט גע-פּרעדיקט פאַר זיי.

— ניין, קיין זונטאָג-פּריידיקער וויל איך נישט זיין! — האָט פרענק געלאַכט, ווען זי האָט אים דערציילט איר חלום.

— אַ זונטאָג-פּריידיקער נישט, אָבער אַ באַזונדערער פון גאָט, צי דו ווילסט עס יאָ, צי נישט, זיין בעפאַנגענער.

— אפשר האָסטו רעכט. מיר דאַכט זיך, אַז דו אויך.

— קאָן זיין. איז עס גוט אָדער שלעכט, פרענק?

## קאַפּיטל 15

## איבער די בוחות

איינמאָל אין אָוונט, ווען זיי זענען ביידע געזעסן ביים לאָמפּ אין דעם קליינעם זאַל, וואָס דער האָטעל האָט געהאַט פאַר זיינע געסט, און האָבן געלעזן, האָט פרענק באַמערקט דריי טיפע שטריכן אין עמיליעס הויכן, שיינעם האַלז, און ווי איר האַלז-הויט אונטן ביי דעם גריבעלע האָט אָנגעהויבן שלאַפעריג צו ווערן. אָבער מערקווירדיג. אַנשטאָט עס זאָל אים אומאָנגענעם באַרירן, האָט ער זיך, דורך דערדאָזיגער אַנטדעקונג, געפילט באַגליקט. אין זיין באַגערן נאָך איר האָבן זיך איצט אַריינגעגאָסן נייע קוואַלן. אַן אומפאַרלאָשן רחמנות-געפיל צו איר האָט ווי אַ חיה געטרונקען זיין בלוט. אַ ווייטאָגדיגע פרייד האָט זיך געשטעלט אויף זיין פנים מיט אַ באַגליקטן שמייכל, ווען ער האָט מיט זיין דורשטיגן בליק געטרונקען עמיליען, פון די אין צוואַנג-געבראַכטע געקרייזלטע לאַנגע האָר ביז צו די שפּיץ-פינגער פון אירע פיס.

אַ קינדערשער פאַרלאַנג האָט אים באַהערשט, אַ פאַרלאַנג נאָך דעם נישט מעגלעכן און נישט דאָ-געוועזענעם, אַ וואונטש, וואָס איז געווען אַ חרפה און אַ בושה אים צו ברענגען אויפן געדאַנק: צו ווערן געבוירן פון דערדאָזיגער פרוי, דורכצוגיין דורך איר אינערלעכקייט... זיין צוגעבונדן צו איר דורך דער

נאָענטסטער, אינטימסטער בלוט-קרובהשאַפט אויף אַלע, אַלע אייביגקייטן.

דער אַזוי אויסטערלישער משונהדיגער פאַרלאַנג איז גע־קומען אַנגעצונדן, ווי אַ בליץ, אין אַלע חושים. דאָס גע־ווינטשטע איז, דורך זיין הייס באַגערן, געוואָרן אויך דערפילט און האָט אָנגענומען רעאַלע פאָרמען. און ער איז איצט אינ־גאַנצן געווען גאַזעסן פון דער אידייע. ער האָט זיך נישט געקאָנט קאָנטראָלירן. צום ערשטן מאָל האָט ער אַרויסגעתיזן זיין ליידנשאַפט אין אַן עפנטלעכן אָרט. ער האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט, באַרירט זי, געקוקט אויף איר מיט פרייד:

— אָ, געליבטע! איך ליב דיך, איך ליב דיך. איך גיי־אויס נאָך דיר! — האָט ער איר געשעפטשעט אין אויער אַריין.

זי האָט זיך געדרויסלט און אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע בורשטין-אויגן.

— וואָס איז דיר? — האָט זי אים געפרעגט.

אירע אויגן האָבן אים שטענדיג באַרואיגט. זי האָט גע־קענט מוטעריש קוקן, מיט צער און פרייד צוזאַמענגעמישט. אירע אויגן האָבן באַזאַנפטיגט זיין געמיט און אים אַריינגע־בראַכט אין אַ צושטאַנד פון מנוחהדיגער שלימות, אין וועלכן מען וויל שוין גאָרנישט.

זיין פרייד האָט זי אָנגעשטעקט. זי האָט געמוזט דער־פילן, וואָס ס'גייט-אָן אין אים. פאַר גליק איז זי טרויעריג-גע־וואָרן. זי האָט ווידער אויפגעעפנט אירע אויגן און שטום און לאַנג אים אָנגעקוקט, אַזוי ווי אַ שטומע, קראַנקע הויז-חיה, וואָס קאָן נישט רעדן און בעטלט הילף דורך דעם בליק.

זי האָט אַראָפגעלאָזט דעם קאָפּ און געטראַכט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ רעכט זי האָט דערויף. פאַרוואָס קומט איר דאָס?

זי האָט אַרויסגעפילט זיין פאַרלאַנג נאָך איר, וואָס האָט איצט אַרויסגעשריגן פון אים. זי איז שוין מיד-געוואָרן צו לעבן אין ספקות, געוואָלט וואָס גיכער די ענד, האָט זי זיך אָפּ־גערופן:

— וואָס ווילסטו איך זאָל טון?

— גאָר נישט, טייערע. נאָר קוקן אויף דיר.

— קום-אַרויף אין דער הויך, צו אונז, — האָט זי גע־זאָגט אין דער שטיל, און זיך געפּרוּווט אויפהייבן.

— ניין, איך וויל דאָ זיצן. עס איז נישטאָ קיינער. איך וויל טרינקען אַ „וויסקי"-סאָדע, — האָט ער געזאָגט אין גע־לעכטער און האָט באַשטעלט ביים קעלנער.

איצט האָט ער פאַרלאַנגט פון איר, אַז זי זאָל אים דער־ציילן אַלצדינג פון איר קינדהייט, זי זאָל אים דערציילן פון איר טאַטע-מאַמעס שטוב. ער האָט געוואָלט וויסן פון אירע הברטעס, פון איר טאָג-טעגלעכן לעבן ביז איצט. אַלץ, אַלץ האָט אים אינטערעסירט. שפּעטער האָט ער זי געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל אים מאַכן באַקאַנט מיט אַלע דעטאַלן פון איר חתונה-געהאַטן לעבן. מיט איר באַציאונג צו איר מאַן, צו איר קינד.

זי האָט גאָרנישט פאַרהוילן פאַר אים. פאַרקערט, זי האָט זיך אַליין געפּרוּווט מאַכן קלאָר די סיטואַציע, אין וועלכער זי געפינט זיך. זיין אויפמערקזאַם שווייגנדיג צוהערן זיך האָט צוגעהאָלפן דערצו.

ער איז געוואָרן אינגאַנצן אויער.

זי האָט אים פאַרטרויט די טיפסטע נשמה-עינוים, וואָס זי האָט איבערגעלעבט מיט איר מאַן, — ווי ער האָט זי באַ־האַנדלט, ווי אַן אייגנטום, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפן, און וואָס באַלאַנגט צו אים, אָן יעדן אָפּפרעג, ער האָט זי נישט געפרעגט, צי זי איז דערביי מיט איר נשמה... דאָס האָט זי דערנידעריגט, און ס'האָט זיך געזאַמלט אין איר האַרץ האַס און צאָרן. אָבער איר האַס און צאָרן זענען געוועזן צו שוואַך געגן דער מאַכט, וואָס ער האָט געהאַט איבער איר דורך דעם געזעצלעכן רעכט.

ביז זי איז אַנטלאָפן פון אים.

זי האָט פּלוצים אָפּגעהאַקט, זיך פאַרקלערט און אויפגע־

הויבן איר בליק צו פרענקן. אין דעם בליק איז איצט געלעגן אומרו און געוואַלטיגע שרעק.

— וואָס איז דיר? — האָט ער זי געפרעגט, אָנבעמענדיג זי ביי דער האַנט.

— איך ווייס נישט, אויב דו וועסט מיך פאַרשטיין. ס'איז דאָך גאָריש. אַ חוץ עקל האָב איך דאָך נישט קיין אַנדער געפיל פאַר אים, און דאָך, וואָס זענען דאָס דידאָזיגע כוחות, וואָס פענטשען מיך? איך פיל זיך גאָך אַלץ ווי אַ שול-מיידל, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ ברוגז, אַנטלאָפן פון שול אויף אַ טאָג, אויף צוויי. דער לערער קאָן קומען יעדן אויגנבליק און מיך צוריקפירן אין שול. דאָס גאַנצע לעבן געגאַנגען אין שול, קיין איין טאָג נישט געהאַט פריי.

— וואָס רעדסטו?! דו ביסט דאָך פריי. דו ביסט דאָך מיט מיר.

— געוויס, געוויס פיל איך זיך פריי. דו זעסט דאָך, — האָט זי געזאָגט צו פרענקן. — עס דאַכט זיך מיר אָבער, אַז ער קאָן זיך באַווייזן יעדן אויגנבליק אין אייראָפּע, היינט אָדער מאָרגן, מיך אויפזוכן און מיטנעמען מיט זיך. גאָט! (זי האָט פאַרשטעלט אירע אויגן מיט די הענט).

— אָבער, אום גאָטס ווילן, וואָס רעדסטו?

— דאָס ערגסטע איז דאָס, וואָס ער מאַכט זיך גאָר נישט פון מיינע רייד. ער באַטראַכט אַלע מיינע שריט פאַר קינדיש-קייטן, וועלכע מען נעמט נישט ערנסט. ווען ער זאָל אַפילו געוואוויר-ווערן, אַז מיר זענען צוזאַמען, וועט ער עס נישט אָננעמען פאַר אַ געשעענעם פאַקט. ער קאָן זיך אַריינקומען צו אונז מיט זיין גזלניש שמייכעלע און מיך פרעגן, וואָס איך טו דאָ, מיך אָננעמען ביי דער האַנט און ווי אַ קינד מיך אַרויס-פירן מיט זיך. אָפּטמאָל חלומט זיך מיר דאָס. איך שווידער ביים געדאַנק. איך האָב מורא דערפאַר.

פרענק איז געוואָרן בלייך:

— און דו וואָלסט געגאַנגען מיט אים, איצט, היינט? — האָט ער זי געפרעגט.

זי האָט געקלערט אַ ווײַלע, זיך צוגעבויגן צו אים, און געזאָגט מיט אַ ווײַבעריש חנדל:

— כ׳וואָלט געזוכט בײַ דיר שוץ.

ער האָט פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך און אויפגע-הויבן זײַן שטימע העכער, ווי געוויינלעך:

— דו האָסט מיר ביז איצט נישט געגעבן קיין איין באַ-ווײַז, אַז איך האָב דערויף אַ רעכט. דו ביסט געווען טויב צו אַלע מײַנע רייד. דו האָסט מיר נישט געגעבן קיין באַפולמעכ-טיגונג, אַז איך האָב אַ רעכט זיך אָנצונעמען פאַר דיר.

ווי יעדעס מאָל, ווען מען האָט געשריגן אויף איר, זיך געבייזערט, זענען איר אויך היינט, אומבאַוואוסט, אָן אַ קאָנ-טראָל, געקומען טרערן אין די אויגן, — אַ געוואוינהייט פון איר קינדהייט.

— איך בעט דיך, הער-אויף! כ׳קאָן עס נישט איבער-טראָגן.

ער האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט. זי האָט געפילט אַ ווייטאָג, און ווי פאַרענטפערנדיג זיך פאַר זײַן ברוטאַליש-קייט, האָט ער צוגעלייגט:

— איך האָב דיך געבעטן אַזויפיל מאָל, אַז דו זאָלסט מיך באַפולמעכטיגן, אויב דו ביסט נאָר גרייט דערצו, אָנצו-הייבן שריט וועגן דײַן גט.

— גרייט בין איך געוויס, צו יעדער מינוט, — האָט זי געענטפערט, — איך בין שוין געווען גרייט נאָך פאַראַיאָרן. כ׳בין באַלד דעם ערשטן טאָג נאָך אונזער חתונה געווען אי-בערלעך געשיידט פון אים.

— און פאַרוואָס נישט מאַכן קיין רעאַלע שריט דער-צו? — פרעגט זי פרענק.

— גאָט, עס זענען געווען אַזויפיל מניעות, אויסערלעכע און אינערלעכע! צוערשט דעם שטרענגן פאָטערס: „טו עס נאָך מײַן טויט״. דידאָזיגע ווערטער האָבן אַרײַנגעדרונגען ווי אַ בלײַערנע קויל אין מײַן פלייש און זענען דאָרט געבליבן שטעקן. שפּעטער דאָס קינד, — זײַן קינד, מיט וועלכן כ׳האָב

נישט קיין שום שייכות. דערנאָך איז שוין גישט געווען צוליב וואָס. כ'האָב געמיינט, אַז כ'האָב שוין נישט פאַר וואָס צו לעבן. מיינע געפילן זענען געוואָרן אָפּגעטויט, מיין ענערגיע געליימט. ער האָט דערפון געצויגן נוצן, מיך צוגעוואוינט צו פאַרשקלאַפונג. ווי אַזוי האָב איך געלעבט?

— אָבער איצט, איצט? — האָט ער כמעט ווי גע־שריגן.

— יאָ, איצט איז אַנדערש. איצט האָב איך פאַר וואָס צו לעבן, פאַר וואָס צו קעמפן, מיין געליבטער, מיין איינציגער צוועק און ציל! מיין אַלץ! פילסטו עס דען נישט?

— פאַרוואָס נישט אָנהייבן אַצינד די שריט? אויף וואָס וואַרטן? — האָט ער געפרעגט.

— געוויס, געוויס. אָבער לאָז מיר נאָר אַביסל צייט. צ ייט. איך מוז זיך צוזאַמענעמען. איך מוז זיך היילן פון דער לאַנגער, לאַנגער קראַנקהייט. איך בין אַזוי קראַנק־גע־ווען, אַזוי קראַנק, און דו היילסט מיך, — האָט זי געזאָגט צו אים און געקוקט אים אין די אויגן אַריין מיט איר קוועלנ־דיגן בליק, וואָס האָט געקאָנט שטילן אַלע זיינע דורשטן און דערפילן אַלע פאַרלאַנגען.

— איך וועל דיר געבן, וויפל צייט דו פאַרלאַנגסט נאָר. אָבער ווי לאַנג? — האָט ער צוגעלייגט פאַר זיך. ער האָט ווייטער גענומען אויף זיך דעם עול פון דינען איר מיט וואַרטן.

זיי איז שוין ביידען געווען באַוואוסט דער פאַקט, אַז זי, עמיליע, האָט אַ פאַרשאָלטענע לאָיאַלע נאַטור, און אַז אַזוי לאַנג, ווי זי געהערט אָפיציעל צו אַן אַנדערן מאַן, וועט פון זייער צוזאַמענזיין גאָרנישט אַרויסקומען. איבערלעך ביי זיך באַטראַכט זי דאָס פאַר אַ זינד. זי איז, מיט איר גאַנצער פרייהייט, געפאַנגען דורך קאָנווענציאָנעלע פאָרמולעס און זיטן. דער שאָטן פון איר מאַן שטייט שטענדיג צוקאָפּנס פון איר בעט און דראָט איר מיט דער מאַכט פון דעם יורידישן רעכט, וואָס ער האָט איבער איר. כדי זיך צו באַפרייען פון דער

שרעק, מוז מען זי באַזיגן דורך מעשים. אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן זיך נישט פאַרבינדן דורך דעם לעצטן און איינציגן באַנד, וואָס בינדט אַ מאַן מיט אַ פרוי, וועלן פרעמדע, נישט-געקרופענע מיוואָלים הערשן איבער זיי. און זייער גאַנץ צו-זאַמענזיין שטייט אין אַ סכנה. זיי האָבן דאָס געוואוסט. און דאָך האָבן זיי זיך געשראָקן פאַרן לעצטן סוד, וואָס שטייט צווישן זיי, אַז ער זאָל, צווישן די פיל איבערראַשונגען, אויך נישט טראָגן מיט זיך דעם טויט פון דעם הייליגסטן, וואָס זיי פאַרמאָגן — פון זייער ליבע. פרענק, ווי יונג ער איז געווען, האָט געאַנט, אַז יעדער פרואוו אָנצואווענדן געוואַלט געגן איר ווילן מוז פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע. ער וועט, צוזאַמען מיטן באַצווינגען זי, פאַרוואונדן טויטלעך איר צוטרוי-געפיל צו אים. און דאָס טאָג-טעגלעכע צוזאַמענזיין מיט איר איז גע-וואָרן פאַר אים אַזאַ לעבנס-באַדינג, ווי לופט, ווי וואַסער, — מער ווי דער פאַרלאַנג צו באַזיצן זי קערפערלעך. און ער האָט עס מורא-געהאַט איינצושטעלן פאַר אַלע גליקן אין דער וועלט. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט איר. זי האָט זיך געבאָדן אין אַנגסטן פון שרעק, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי קאָן אים פאַרלירן דורך איר עקשנות. אָבער וויפל זיי האָבן דעם גן-עדן, וואָס זיי פאַרמאָגן, נישט פאַרצוימט איינער פאַרן אַנדערן מיט שווערדן, וואָס זיי האָבן זיך אַליין אויס-געהאַמערט, איז אָבער די לוסט, וואָס האָט אַרויסגעשפּיגלט פונם גן-עדן, מיט אַלע אירע ניואַנסן, געווען אַ סך שטאַרקער פון צוימען און שטרויכלונגען... דאָ איז נאָך צוגעקומען דער רייץ פון פאַרבאָטענער פרוכט. זיי זענען אויסגעגאַנגען פון דורשט נאָך זייער אייגן געטראַנק. דער טאָג האָט געבראַכט הילף און פאַרגעסנהייט דורך די טויזנטער ניואַנסן פון גליק-לעכקייט, וואָס זייער ליבע האָט אָפּגעשפּיגלט אויף זייערע טעגלעכע מעשים. די אָפּשטראַלונג פון זייער אינערלעכן ליכט האָט אַלץ באַגאָסן מיט אַ פריידיגער ליכטיגקייט. אַ באַריר מיט דער האַנט, אַ צוזאַמען גענאָסענער זון-אונטערגאַנג, אַ קאָנצערט, אַ שווים אין ים, אַ בשותפותדיג דורכגעווינטש-ווערן אויף

די בערג, אַ שמועס וועגן זייער צוקונפטיגן לעבן, אַ פּאָר־שטעלונג וועגן דעם, וואָס עס שטייט זיי פאָר: פּאַריז, איטאַליע, לאַנגע, לאַנגע יאָרן פון אַ צוקונפטיגן צוזאַמענלעבן — ווער קאָן מעסטן די גליקלעכקייט, וואָס דאָס געפיל פון צוגעהעריגקייט גיט־אַרויס פון זיך?

אָבער די נעכט? די נעכט זענען געוואָרן פאַרוואַנדלט אין הונגעריגע וועלף, וואָס האָבן געפרעסן זייערע הערצער, זייערע יונגע לעבנס. וואַנט־ביי־וואַנט, אָפּגעשיידט דורך אַן אָפּענער, גלעזערנער טיר, זענען זיי געלעגן אויסגעצויגן דורך דעם זיסן חרם, וואָס זיי האָבן געלייגט אויף זיך... זיי האָבן געטרונקען יעדן מינדסטן גערויש, יעדן קלאַנג, יעדע באַוועגונג, וואָס האָט זיך געהערט פון צימער צו צימער.

די נאַכט איז דאָס געוויין פון טאָג, זיין שאָטן. זי לייטערט נישט די געשעענישן, זי באַטונקלט זיי. עס פאַלן־אָפּ אין דער נאַכט אַלע דורך אונזער דערציאונג און קולטור דערוואָרבענע פּענטעס, וואָס האַלטן געפאַנגען אין ראַמען אונזער ליידנשאַפט און אונזערע אינסטינקטן. עס שיילט זיך אַרויס דער נאַקעטער פרימיטיוו, אונטער וועלכן מיר זענען אונטערגעוואָרפן. דער געראַנגל קומט־פאָר אין אונז, אָן דעם אַריינמיש פון פרעמדע כּוחות. וויפיל מאָל איז זי געלעגן אַ דורשטיגע, האָט אויפגעשנופט יעדע באַוועגונג, וואָס האָט זיך געהערט פון דער צווייטער זייט? וויפיל מאָל האָט זי אַרויסגעשטרעקט אירע הענט אין דעם שאָטנדיגן ים, וואָס האָט אָנגעפילט דעם חלל? זי האָט אויפגעזוכט מיט הונגעריגן געהער זיין אָטעם, צי ער באַוועגט זיך נישט, צי ער קומט נישט. „גאָט, פאַרוואָס קומט ער נישט, און נעמט נישט מיט כּח דאָס, וואָס איז זיינס?" וויפיל מאָל האָט זי שוין אויפגעעפנט דאָס מויל, כּדי אים צו רופן? און ער, דאָרטן אינעווייניג, האָט דורך זיין אויסגעשליפענעם כאַראַקטער באַוויזן די גבורה צו שטילן דעם דורשט פון זיין פאַרלאַנג מיט זיין אייגן בלוט, און צו זעטיגן זיין הונגער מיט זיין אייגן פליישׁ...

אַזוי זענען זיי ביידע געלעגן געבונדענע דורך נישט־

געזעענע שטריק, וואָס זיי האָבן אַליין געוואָרפן אויף זיך, געפּאַ־געגנע פון גאָט... ביז זיי האָבן זיך פאַרשיכורט מיט זייער אייגן בלוט...

זיי זענען געפאַלן אונטער דער לאַסט און שוואַך־גע־וואָרן.

זיי האָבן זיך געפונען אויף די בערג. זיי האָבן פאַר־בלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער געגנט. זיי זענען געוועזן אויף אַן אַלטן פאַרלאָזענעם וועג, וועלכער האָט געפירט אין אַ חרוב־געוואָרענער, האַלב־איינגעפאַלענער באַרג־שטאָט אַריין. דער וועג איז געווען אַ שלעכטער — אייגנטלעך נישט קיין וועג, נאָר אַן אויסגעטריקנטע קאַרעטע פון אַן אַנטלאָפענעם טייך, אָנגע־וואָרפן פול מיט שטיינער.

זיי זענען אַראָפּ פון אויטאָמאָביל, ווייל דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז קאַליע־געוואָרן און זיי האָבן נישט געקאָנט ווייטער פאָרן. פרענק האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ראָק, איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן אויטאָמאָביל. דערווייל האָט זיך דער הימל פאַרצויגן מיט וואָלקנס. פרענק האָט געמיינט, אַז עס וועט רעגענען, און אַז זיי זאָלן בעסער זוכן באַצייטנס אַ שוץ. ער ווייסט נישט, אויב זיין אויטאָמאָ־ביל וועט זיי קאָנען נאָר איינגאַנצן אַהיימברענגען. ער האָט איבערגעלאָזט דעם אויטאָמאָביל און אַוועקגעפירט עמי־ליען צום נאָענטסטן הייזל, וואָס זיי האָבן געפונען אויפן וועג.

עס איז געווען דאָס הייזל פון אַן איטאַליעניש איינזאַ־מען באַרג־פאַרמער. אַן אָרים שטיקל לאַנד, אַוועקגערויבט פון די פעלזיגע בערג, באַזייט מיט שטיינער. נאָר צווישן די שטיי־נער האָבן, ווי אָרימע קינדער אין אַ שמוציגן הויף, אַרומגע־בלאָנדזשעט שיטער־אויפגעגאַנגענע רויטע און ווייסע נעלקן, אויסגעקלאַפּטע פון ווינט. דער רעגן איז שוין געשטאַנען אין דער לופט. דער הימל איז געווען שוואַרץ פאַרכמאַרעט, אומ־דערבאַרימלעך בייז.

פרענק האָט אַריינגעפירט עמיליען אונטער דעם נידעריג־ליגנדיגן באַלקן. אַ פינסטערניש האָט פאַרקלעפּט אירע אויגן, אַ שווערער געריך האָט פאַרמאַכט איר אָטעם. פּאַמעלעך שניידט זיך אַרויס פון דער פינסטערניש אַ וואַנט, באַהאָנגען מיט הייליגע בילדער. שרעקלעכע, אין עינוים־געפּייניגטע מענטשן... אַלץ איז שוואַרץ, אַזוי ווי דער גאַנצער הימל וואָלט געווען איין גרויסער אינקוויזיציע־קעלער...

אַ פרוי מיט אַ פּנים, ווי איינע פון די געפּייניגטע אויף די הייליגע בילדער, אין שמאַטעס, אין לאַטעס. אַרומגערינגלט מיט דערשראָקענע, שמוציגע קינדער. זיי קוקן אויף די אַריינגעקומענע פאַרוואונדערט און מיט שרעק. פינקלדיגע קינדער־אויגן שיינען־אַרויס, ווי פּייערלעך, פון די שוואַרצע ווינקלען. די פרוי בעט מיט אַ טרויעריגן קרעכץ דאָ צו פאַרברענגען. עמיליען ווערט ענג. אין האַלז שטיקט איר.

— בעסער אין דרויסן, אין רעגן.

אין דעם מיט בלעך און אַלטע רעדער אָנגעלייגטן הויף שטייט אַ פייגנבוים מיט אויסגעשפּרייטע בלעטערדיגע צווייגן, וועלכע באַדאַכן שאָטנדיג אַן אַלטאַנקע. קריכנדיגע באַבלעך־פלאַנצונגען, וועלכע זענען צוגעהאָפטן צו אַרומגעצויגענע דראָטן, בילדן צוויי ווענט פון דער אַלטאַנקע. אַ דריטע וואַנט איז מיט בלעכן פון בענזין „שעל". די זייט צום אָפּגרונט איז באַהאָנגען מיט ראָגאָזשעס, וועלכע דער ווינט רייסט איצט אַכזריותדיג.

דאָ וויל זי איבערוואַרטן דעם רעגן, אויף דער באַנק ביים פייגנבוים.

דער רעגן גיסט נאָך נישט. עס הערשט די שטילקייט פון פאַר אַ שטורעם. דער ים גלאַנצט־אָפּ מיט אַ גרינעם, געשליפענעם אָפּשיין. דאָרט ווייט אין ים ליגט דער שוואַרצער הימל. די גאַנצע וועלט איז אַנידערגעדריקט, צוזאַמענגעקוועטשט אונטער אים. אונטער דעם שוואַרצן וואָלקן־קערפּער, אין וועלכן עס האָט זיך פאַרוואַנדלט דער הימל, קומען־פאַר אויסטערלישע פאַרבאָרגענע זאַכן. בליצן שיסן־אַרויס, צעשפּאַלטן דעם הימל און צעררייסן אים אין שטיקלעך. אַ סעקונדע באַלייכטן זיי די

וועלט, און באַלד ווידער ליגט זי נאָך אַ מער פינסטערע.

אַ מעכטיגער שטורמווינט גייט איבער די בערג. עס דאַכט זיך, אַז ער וואַרפט אַלץ אום און מאַכט־אָן אַ מוראדיגן חורבן אין ים. מען זעט פונדאַנען, ווי עס הויבן זיך ריזיגע, גרינ־געשליפענע כוואַליעס איבער דער אויבערפלאַך פון ים. מיט־אַמאָל טראָגט זיך פון דעם באַרג אַנטקעגנאיבער אַ שטויב־וואָלקן, צוזאַמען מיט אַן אויסגעלייזטן דונער. אין שטויב־נעפּל — אַ סטאַדע שוואַרצע שעפּסן מיט ציגן, וועלכע קעמפן און פאַלן מיט זייערע דינע פיסלעך און הערנער געגן ווינט. מיט טויט־אַנגסט אין זייערע בהמהשע פּרצופּער זוכן זיי אַן אָנהאַלט, ווייזן אַן עקשנותדיגן ווידערשטאַנד. ווילן אָנגרייפן מיט זייערע שאַרף־ביינערדיגע טריט אין אַ שפּאַלט, אין אַ פּאַרוואָקסענעם בוים־וואָרצל. אַ טייל גליינגט עס. אַנדערע וואַלגערן זיך, ווי שפּענדלעך, אין דער ווינט־כמאַרע, ביים אָפּגרונט פון באַרג.

עמיליע ציטערט. פרענק הילט זי איין אין זיין ראָק, וואָס ער האָט האַלב אַראָפּגענומען פון זיך. עמיליע ווערט זיך. זי וויל, ער זאָל זיך זעצן לעבן איר. זי טוליעט זיך אין אים אַריין. ניין, זי האָט שוין מער נישט קיין אַנגסט. זי שמייכלט אים אין פּנים אַריין.

— פון דיינע אָרעמס וועט מיך אַפילו דער ווינט נישט אַוועקטראָגן.

דער ווינט האָט אָבער אַוועקגעטראָגן איינע פון די ווענט פון דער אַלטאַנקע, די וואַנט פון ראָגאָזשעס. פאַר זיי אַנט־פּלעקט זיך אַ טיפער אָפּגרונט, ביי וועמענס ראַנד זיי זיצן. עס הערן זיך באַשיינפּערלעך קולות. עס זענען נישט קיין קולות פון לעבעדיגע ברואים. עס זענען קולות פון דומם און צמחים, פון שטיינער און ביינער, פון גראָזן און ביימער, וועל־כע רופן אין מאָמענטן פון געפאַר. דידאָזיגע קולות האָבן אָבער אַ צויבערנדיגע קראַפט. עס דאַכט זיך איר, אַז דאָס רופן זיי צו איר, אַז עס שטרעקן זיך אויס פון דער שוואַר־צער טיפעניש הענט צו איר, ווילן זי אָנגרייפן. זי האַלט זיך פעסט אָן פרענקן. אַ לעבעדיגער גראַבים איז זיין שטאַרקער

קערפער, א גראניט אָנגעגאָסן מיט מענערישקייט. די האַלדז זיך שטאַרק ארומגעקלאַמערט ארום זיין אָרעם. זיינע מוסקולן זענען ווי אויסגעהאַמערטער שטאָל. דערביי אַזוי עלאַסטיש. וואָרעם און מענטשלעך-לעבעדיג, אַזוי ווי דערדאָזיגער אָרעם האָלט געווען א לעבעדיג וועזן פאַר זיך אליין, מיט אן אייגענער נשמה.

— גאָט, וואָס פארא זאכן עס קאָן אויפטון אזא מענטשלעכער אָרעם! — טראַכט זי זיך.

די ערשטע טראָפּנס פאַלן שטאַרק, מיט קרעפטיגן אימפּעט, ווי וואַסער-שפּיזן. נעמט ער זי ארום, ווי מען נעמט א קינד אַ קליינס, און לעגט זי אָן צו זיין נאָענטסטער זייט, פאַרדעקט זי מיטן האַלב-אויסגעטוענעם ראָק.

עמיליע האָט גערן געהאַט זיך צוצוהערן צום גאַנג פון זיין האַרץ. עס איז געווען, אַזוי ווי זי וואָלט געהערט די טריט פון זיין צייט... מיט איר פּנים, אויגן און אויער אויף זיין ברוסט, האָט זי זיך איינגעהערט צו דעם רעגלמעסיגן, געזונטן טיק-טאַק. איצט איז מער נישטאָ דאָס אויסגעהאַמערטע שטאָל פון זיין האַנט. עס איז געווען די שטימע פון זיין בלוט, צו וועלכן זי האָט זיך צוגעהערט. דער גאַנצער אינערלעכער, פאַרבאָרגענער אינהאַלט מיט אַלע אומבאַוואוסטע, פאַרהוילענע וועלטן, וואָס לעבן אין אים, האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר איר דורך דעם קלאַפּן פון זיין האַרץ. זי האָט געהערט, ווי עס באַוועגן זיך די רעדער פון אן אויסטערלישער, אייגענער מאַשין, וואָס וואוינט אין אים. עס האָט זי ארומגענומען א שרעק פאַר די סוד-סודות, וואָס זענען דאָרט אינצווייניג אין אים. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער קאָסמאָס, דער חלל מיט אַלע זיינע אומבאַגרייפלעכע ווייטקייטן און טיפקייטן, דער שטורעם אויפן ים, דער הוראַגאַן אויף די בערג, זענען איצט נישט אינדרויסן פון איר, נאָר דער וועלט-רוים מיט אַלע זיינע שטורעמס און ווינטן איז אינעווייניג אינעם שטאָלענעם געביי, וואָס זי קלאַמערט-אָרום מיט אירע אייגענע הענט... און עס האָט זיך דערוועקט אין איר אן אומבאַגרייפ-

לעכער חשק נישט בלויז זיך צוצוהערן פון דרויסן צום אָטע־מען פון פרעמדן קערפּער, נאָר צו זיין אין אים אינעווייניג, זיך צוזאַמענצוגיסן מיט אים, ווערן איין אויסגעמישט, נישט־שיידבאַר גאַנצעס מיט אים...

מיטאַמאָל איז זי געוואָרן זיכער אין עפּעס. זי האָט טיף אַריינגעקוקט אין זיך. אַלע ווידערשפּעניגע כּוחות, וואָס האָבן געלעבט אין איר, פון איר אַליין אומאָפּהענגיג, זענען מיט־אַמאָל געוואָרן פאַרשטומט, פאַרטריבן אין זייערע לעבער אַריין. זי איז געוואָרן אויפגעפלאַמט פון איין איינציגן ווילן: צו ווערן אַ טייל פון אים און פלאַטערן צוזאַמען מיט אַלע ווינטיגע שטורעמס, וואָס לעבן אין אים. דערדאָזיגער ווילן איז גע־וואָרן לעבעדיג אויף איר הויט. ער איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף אירע פינגער. און זי האָט עס אים געגעבן צו וויסן דורך דעם נאָגענדיגן באַריר מיט איר הויט איבער זיינער...

— וואָס איז דער מער? — האָט ער זי געפרעגט. — איז דיר קאַלט?

— איך וויל דיך, איינגאַנצן, איינגאַנצן, — האָט זי אים געשעפּטשעט אין אויער אַריין.

ער האָט זי אָנגעקוקט דערשראָקן.

— קינד!

— איך וויל אויסגיין אין דיינע אָרעמס, טייערער...

זיי האָבן ביידע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און זענען גע־וואָרן ערנסט.

דער רעגן האָט אָנגעהויבן צו גיסן שטאַרקער און האָט דורכגעבראָכן דאָס געוועב פון די פייגנבלעטער, וואָס איז גע־האַנגען איבער זיי.

— וועסט זיך פאַרקילן. מיר מוזן אַריינגיין אינעווייניג,— האָט ער צו איר געזאָגט.

און איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט זיך צו ווערן

האָט ער זי שוין געטראָגן, ווי אַ קליין קינד, אין שטוב אַריין.

אין שטוב איז איצט געווען נאָך טונקעלער און נאָך שטיקנדיגער. די פּאַרמערין האָט זיך מיט די דערשראָקענע קינדער און אַ פּאָר הויז-חיות איינגעזאַמלט אין אַ ווינקעלע, ביי די הייליגע בילדער, און זיך איינגעקנאָטן אין איין קנויל. דורך די קליינע פענסטערלעך האָט זי געזען אַ שוואַרצע כמאַרע, וועלכע איז פון צייט-צו-צייט געוואָרן אויפגעריסן דורך אַרויסגעשאָסענע בליצן-שפּיזן.

פרענק און עמיליע האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי דער אָפענער טיר אויף אַ בענקל. זי האָט זיך געשעמט פאַר דער פרוי און די קינדער אַרויסצואווייזן ליבע צו פרענקן. זיי זענען געזעסן איינער נעבן אַנדערן. זי האָט געהאַלטן זיין האַנט אין אירער. איר דורשטיגער פאַרלאַנג האָט זיך איינגעגנבֿן קאָנצענטרירט אויף איין אָרט, אין איר ווייכער האַנט. איר האַנט איז געוואָרן ווי אַן אָפּן, וואַרעם מויל, אירע פינגער — חיהשע צונגען. זי האָט דורך אירע פינגער-שפּיצן אַריינגעגאָסן איר דורשטיגן פאַרלאַנג אין זיין פלייש אַריין...

דעם אויטאָ האָבן זיי געמוזט איבערלאָזן. זיי זענען געגאַנגען איבערן באַרג צופוס אַהיים. ווען אַ וואָגן איז גאָר-נישט געווען צו טראַכטן. דער וועג איז געווען מוראדיג שלעכט. נאָכן שטורמדיגן רעגן האָבן זיך געשאַפן קאַלוזשעס מיט וואַסער און אויסגעריסענע לעכער. פרענק האָט זי איבער אַ האַלבן וועג געטראָגן. איר קערפּער איז געווען גליענדיג וואַרעם און האָט געשלאָגן מיט זיין דורשטיגן אָטעם דורך די פייכט-געוואָרענע דינע קליידער אירע. ווען זי האָט אים אַרומגעהאַלזט מיט אירע ווייך-געוואָרענע הענט, האָט זי צוגעבויגן איר מויל צו זיינעם.

— איך וויל אויסגיין אין דיינע אָרעמס, טייערער!

אַז זיי זענען אַראָפּגעקומען אין טאָל, איז אַ גן-עדנשע

בלויקייט געשטאַנען אין דער לופט. דער הימל איבערן ים איז געווען איבערגעצויגן מיט זילבערנע פאַרהאַנגען, וועלכע האָבן זיך אויפגעהויבן איינער איבער דעם אַנדערן און אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגענע וועגן.

זיי זענען געגאַנגען איבער זיי אין דער בלויקייט אַריין...

שפּעטער, אין אָוונט, איז ער געשטאַנען אַ נאַקעטער הינטער איר טיר און האָט געוואַרט אויף עפּעס. ער האָט אויפגענומען יעדן שאָרך, וואָס האָט זיך געהערט פון הינטער איר טיר, דאָס קניקסן און קנאַקן פון איר זיידענע וועש, דאָס גיסן פון וואַסער, דעם פאַרפום-ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן דורך די שפּאַלטן.

זיין האַרץ האָט געקלאַפּט אין אַנגסטיגער דערוואַרטונג, ענדלעך האָט זיך אויסגעלאָשן דער שטראַל ליכט, וואָס האָט זיך געלויכטן ביי איר.

ווי אַ שטאַרקע, קאַציגע חיה האָט ער זיך געשאַרט, אָן רעש. ער איז צו צו איר בעט, און באַלד האָט אַ ווייכער, וואַרעמער, לעבעדיגער, מיט פאַרפומען געטראָגענער אָטעם אַרומגענומען אים און אַריינגענומען אין דער פאַרהוילנסטער מוטערלעכקייט...

נאָר עס איז עפּעס געשען, וואָס איך ווייס, אַז עס וועט מיר זיין שווער צו מאַכן גלויבלעך. עמיליע האָט ביים באַריר פון איר הויט מיט זיינער דערפילט ווידער דעם גערוך פון אַ פרעמדן מאַנספּאַרשוין, צו וועלכן זי איז נישט געוואוינט.

ביז איצט איז זי נאָר געווען צוגעוואוינט צו אַ גערוך, וועלכער פלעגט זי פאַרשיכורן אין אַזעלכע עקסטאַטישע מאָמענטן... איצט, ביים דערשפּיר פון אַ פאַר איר נאָך אומבאַקאַנטן, פרעמדן גערוך, האָט עפּעס געגעבן אַ בלאָז אויף איר. אַן אײַנגערלעכע קראַפט, איבער וועלכער זי האָט נישט געהאַט קיין קאָנטראָל, האָט זי באַמעכטיגט. עס איז געווען אַזוי, ווי אין

איר וואָלט (אָן איר אָנטייל) פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן כּוחות, וואָס זענען פאַרזען מיט אַן אייגענעם אויטאָנאָמען ווילן, און איין כּוח האָט באַזיגט דעם אַנדערן. נאָך איז זי פול מיטן ווילן אויסצופירן זיין און איר רצון. אָבער זי איז שוין נישט מער קיין האַרינטע איבער זיך. דער כּוח האָט פּאַראַליזירט אַלע אירע פאַרלאַנגען.:. פרענק האָט געפּרואווט אָנצוואווענדן געוואַלט... אָבער דער כּוח, וואָס האָט איצט דאָמינירט אין איר, האָט געגעבן אירע שוואַכע ווייבערשע אברים אַזאַ פיזישע מאַכט, וואָס זיי האָבן ביז איצט נישט געקענט. עס איז געווען די קראַפט, וואָס דער מענטש האַלט באַהאַלטן אין פאַרהוילטע רעזערוואוואַרן פאַר מאָמענטן פון גרעסטער געפאַר, אַ קראַפט וואָס שטעלט זיך צום דינסט ביים ראַנד פון אונטערגיין...

פרענק האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי עס נעמט אים ווער אָן ביים רוקן און וואַרפט אים אָפּ פון איר. עס זענען געווען אירע צוויי קליינע ווייבערשע אָרעמס, וואָס האָבן, ווי אויס־טערליש איידל אויסגעהאַמערטע אינסטרומענטן, אים אָפּגעשטויסן פון זיך...

## קאַפּיטל 16

# אַ ווידוי ביינאַכט

זי איז געלעגן אין בעט. דער טיי־רוויזן־קאָליר פון איר הויט און נאַכט־וועש האָט, ווי קרענקלעכע נאַכט־ליכט, אַריינ־געשימערט אין פינסטערן חלל פון דער שטוב. שוואַרצער פון דער נאַכט זענען געווען אירע האָר אויף דעם ווייסן קישן. איר פנים האָט זי באַהאַלטן אין קישן און שטיל געוויינט — אָן אָפּגעריסן יאָמערן, ווי טראָפּנס וואַסער גיסן זיך פון אַן איינזאַמער רינע.

פרענק איז געזעסן אויפן ראַנד פון בעט, געהאַלטן איר האַנט אין זיינער, איר געגלעט די האָר, און געפּרואווט זי צו באַרואיגן. דאָס רחמנות אויף איר האָט אים געבראָטן, ווי אַ וואָקף. ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי נאָענט־פאַרבונדן מיט איר, ווי איצט. אַזוי ווי דאָס וואָס איז געשען צווישן זיי פאַר אַ ווײַלע, וואָלט דווקא געווען דער הייליגסטער און אינטימסטער אַקט, וואָס האָט זיי פאַרבונדן אויף אַלע אייביגקייטן. ער האָט געפילט איצט, אַז דאָס פאַרבינדעניש מיט איר איז נישט מער קיין ערדישעס. וואָס עס זאָל נישט געשען צווישן זיי, באַלאַנגען זיי צוזאַמען.

דאָס רחמנות צו איר האָט אים אַזוי באַוועלטיגט, אַז ער האָט זיך נישט נאָר געפילט גרייט פאַר איר צו טון אַלצדינג, נאָר אויך צו ברענגען פאַר איר זיין לעבן, ווי אַ ליכט.

ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון, כדי זי צו טרייסטן, איר לייכטער צו מאכן.

— אָבער, אום גאָטס ווילן, עמיליע טייערע! דאָס איז דאָך מיין שולד. כ'בעט דיך, זיי מיר מוחל. איך קאָן עס נישט אויסהאַלטן. איך בין געווען ברוטאַל. קאָנסטו מיר מוחל־זיין, עמיליע טייערע?

די טרערן האָבן פארשטיקט איר מויל. זי האָט פון איר פינסטערניש ארויסגעשיקט איר האַנט, געזוכט זיינע, זי צוגע־נומען צו זיך און באַדעקט זי מיט טרערן און מיט קושן.

— אום גאָטס ווילן, וואָס איז דען געשען? עס איז דאָך גאָרנישט געשען! איך האָב דיך איבערגעשראָקן, דאָס איז אַלץ. זיי מיר מוחל.

— ניין, ניין, ניין! — האָט זי געכליפּעט. — נישט דו — איך, איך, אַלץ איך.

— אָבער באַרואיג זיך, קינד. וואָס איז דען געשען? פאַרוואָס קאָנען מיר נישט אַזוי לעבן? מיר איז גענוג נאָר צו קוקן אויף דיר, צו זיין נעבן דיר, צו הערן דיין שטים. נעבן דיר, בלויז נעבן דיר. מיט דיר צו אָטעמען צוזאַמען די לופט, טייערע — מיין גאַנץ לעבן!

— אָ, הער־אויף, פרענק! איך וויל שטאַרבן.

— ניין, ניין! — האָט ער גערופן.

ער האָט אריינגעגראָבן זיין פּנים אין אירע האָר, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער ווערט אריינגענומען אין אַלע מוטערלעכקייטן...

ענדלעך האָט זי זיך באַרואיגט. זי האָט געקוקט מיט אירע גרויסע אויגן אין דער נאַכט אריין. פרענק האָט בעזען דעם חלף־גלאַנץ אין זיי. איר פּנים איז געווען אויסערגעוויינ־לעך בלייך... זי האָט גערעדט צו זיך אַליין, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָפּגעבן אַליין אַ דין־וחשבון. ער האָט איר נישט געשטערט מיט קיין איין וואָרט. ער איז שוין געוואָרן שטיל, ווי די נאַכט, וואָס איז געלעגן אין שטיבל.

— אָבער פאַרוואָס בין איך אַנדערש, ווי די איבערי־

גע? — האָט זי זיך געפרעגט. — וואָס פאַראַ חרמות זענען דאָס געוואָרן אַרויפגעלייגט אויף מיר? איך קאָן דאָך נישט גלויבן, אַז עס האָט עפּעס צו טון מיט אים דאָרטן. אַזוי היסטעריש בין איך נאָך נישט. איך גלויב נישט אין כּישוף. געוויס איז עס אַ רעזולטאַט פון מיין דערציאונג. פון קינדהייטאָן בין איך געוואָרן דערצויגן צו גיין אַ געפּענטעטע אין קייטן; דורך מיין פאָטערס טיראַנישער הערשאַפט אין דער שטוב. ער האָט פאַרקנעכט אַלץ אַרום מיט זיין שווייגן, מיט זיין אויסגעזעצטער צייט פאַר אַלצדינג. דורך מיין מוטערס אָנתנאַימדיגער אונטערטעניגקייט צו אים האָט זי אויך אונז געמאַכט צו אים אונטערטעניג. זיין וואָרט האָט געגאָלטן ווי די חכמה אַליין. אָבער אַזוי זענען דאָך אויך דערצויגן געוואָרן מיליאָנען אַנדערע פרויען. און אַלע אַנדערע איינגעפלאַנצטע גוטע מעלות האָב איך דאָך שוין לאַנג אַרויסגעריסן פון מיר מיטן וואָרצל. פאַרוואָס קאָן איך נישט באַזיגן דידאָזיגע נאַרישקייט אין מיר? איך בין דאָך אינערלעך אַ פרייער מענטש? איך האָב דאָך שוין לאַנג מיט יענעם אַלע באַנדן צעריסן. איך האָב דאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין פרייד אין מיין לעבן — גלויב מיר, גלויב מיר. איך האָב דאָך געמיינט, אַז אַלץ איז שוין געשטאָרבן אין מיר. דו נאָר, דו אַליין, ביזסט מיין ערשטע און איינציגע פרייד.

— עמיליע טייערע! איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז דו האָסט אַ פאַרשאָלטענע לאָיאַלע נאַטור. עס זענען דאָ אַזעלכע נאַטורן, וואָס קאָנען נישט ברענגען איבער זיך אַריבערצוטרעטן אַ שליאַבאַן, אויף וועלכן עס שטייט אויפגעשריבן דאָס וואָרט „פאַרבאָטן". כּל-זמן דו וועסט נישט זיין געזעצלעך באַפרייט פון דיין מאַן, וועסטו זיך זעליש פילן שטענדיג פאַרקנסט צו אים. דאָס איז נאָר אַן אויסערלעכע פאָרמאַליטעט. אָבער עס זעט-אויס, אַז זי האָט אַ ווירקונג אויף דיר. וואָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס דו האָסט ביז איצט נישט געטון קיין שריט וועגן דיין גט? זאָג מיר, עמיליע.

— דערפאַר, ווייל איך האָב נישט געפונען די ריכטיגע

פאָרם. איך קאָן נאָך אַלץ נישט פועלן ביי מיר צו נעמען די שולד אויף זיך, וואָס ער פאַרלאַנגט דורכאויס, און איצט דאָך געוויס. ער האָט דאָך איצט אַן אורזאַך. נישט דערפאַר, ווייל איך שעם זיך מיט מיין ליבע צו דיר, פרענק; איך קאָן זי אויסשרייען אין די גאַסן. איך בין שטאָלץ אויף איר. עס איז צוליב דער פאַרשאָלטענער שרעק פאַר דער עפנטלעכקייט, פאַר די באַקאַנטע און געזעלשאַפט. נישט צוליב מיר. ניין, ניין. איך בין אויף אַלץ גרייט. עס איז צוליב מיין טאָכטער. איך וויל נישט, אַז זי זאָל זיך שעמען מיט מיר, מיך פאַרלייקענען פאַר פריינט און באַקאַנטע. איך ווייס. איך ווייס, אַז עס איז קליין, אָרים, ‏‏‏‏ׄנאַריש. איך קאָן מיר אָבער נישט העלפן. מיין פאַר־שאָלטענע דערציאונג איז אין דעם שולדיג. איך מוז האָבן צייט זיך צו באַזיגן. אפשר וועט זיך אויך געפינען אַן אַנ־דערער אויסוועג. דאָס איז די איינציגע אורזאַך פון מיין אָפּהאַלט. קיין אַנדערע איז נישטאָ.

— אָבער קינד, דאָס זענען דאָך אַלץ אויסערלעכע זאַכן! צו וואָס נעמסטו דיר אַזוי צום האַרצן? זענען מיר דען נישט גליקלעך דערווייל, עמיליע?

— געוויס, געוויס, — זאָגט זי אין זיך, — אָבער איך האָב מורא, אַז דאָס איז נישט בלויז אויסערלעך. דאָס שרעקט מיך.

— וואָס מיינסטו, קינד?

— אָ, איך ווייס נישט, וואָס איך מיין. טייַלמאָל, ווען איך ליג ביינאַכט, (אַי, די נאַכט! זי וואַרפט־אַרויס פון זיך אַזעלכע שוואַרצע כּוחות!), ווען איך וויל זיך אָפּגעבן דין־וחשבון וועגן דעם געפיל, וואָס האָט זיך געשטעלט צווישן אונז, האָב איך מורא, פרענק, אַז די סיבה איז אַ טיפערע, אַן אינערלעכע, וואָס העגנט־צוזאַמען מיט מיין גורל אַלס פרוי, אַלס מוטער. יאָ, אַלס מוטער. פרענק, איך האָב מורא, אַז איך האָב זיך אַליין נישט געקענט, אַז איך האָב נישט מער קיין רעכט אויף ליבע, אַז איך האָב שוין געהאַט מיין לעבן. איך קום מיר פאָר, אַזוי ווי איך וואָלט צוגעגנבעט ביי וועמען אַ

לעבן, וואָס געהערט נישט מיר. איך באַלאַנג צו מיין חתונה-געהאַטן לעבן.

— וואָס רעדסטו? איך פאַרשטיי דיך גאָרנישט, עמיליע.

— פרענק, איך האָב מורא, אַז צווישן אונז ליגט אַ גרענעץ, וואָס מיר וועלן קיינמאָל נישט קאָנען איבערטרעטן. איך האָב מורא, אַז חתונה-האָבן, קינדער-האָבן איז עפּעס מער, ווי אַ צופעליגע צונויפמישונג פון צוויי אינדיווידואומס. עס איז דאָ אין דעם עפּעס אומפאַרשטענדלעכעס. דו הערסט, פרענק? עס האָט אין זיך עפּעס פאַרשאָלטנס... אייביגס. איך קאָן זיך נישט אַרויסרייסן דערפון. איך רייס עס און רייס עס, און קאָן נישט. עס איז שטאַרקער פון מיר. איך בין דערצו פאַרקנעכט-געוואָרן, אָן מיין ווילן. פרענק, איך האָב געבראַכט אַ מענטש אויף דער וועלט. מיין חתונה-האָבן האָט דורך דעם געהאַט אַ צוועק!

ער איז פאַרשטיינערט געבליבן זיצן, ווי ער וואָלט גע-ווען באַקומען אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ. ער האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן. ער האָט געוואָלט אויפשרייען און נישט געקאָנט. ענדלעך האָט ער עס געבראַכט איבער זיך און געזאָגט אין אַ הייזעריגן טאָן:

— דו האָסט דאָך שטענדיג געזאָגט, אַז דיין חתונה-האָבן, דיין גאַנץ לעבן ביז איצט איז געווען אַ טעות.

זי האָט זיך צוערשט דערשראָקן פאַר זיין שטים. די שטים איז איר געווען אינגאַנצן פרעמד. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַזוי ווי די נאַכט, די פינסטערניש אין איר שטוב, האָבן פלוצים אָנגעהויבן צו רעדן. זי איז געווען אין דעם מאָמענט מער דערשראָקן פון זיין שטים, ווי פון עצם פאַקט אַליין.

זי האָט זיך איינגעהאַלטן אַ ווײַלע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געוועזן געזאַמלט. באַלד איז זי געקומען צו זיך:

— יאָ, געוויס איז עס געווען אַ טעות, פרענק. איך האָב עס שטענדיג געזאָגט, און כ'זאָג עס נאָך איצט. איך האָב זיך געוועהרט געגן דעם, איך האָב געקעמפט געגן דעם,

צי איז אָבער דער טעות נישט שטאַרקער פון מיר ? מיין גאַנץ לעבן איז דאָך געווען אַ טעות. דאָס, וואָס איך בין געבוירן-געוואָרן אַ פרוי, איך בין נישט צוגעפּאַסט דערצו. אָבער דאָך בין איך עס. וואָס קאָן איך מיר העלפן ? מיין גורל איז שטאַרקער פון מיר. ער האָט מיך געשפּאַנט אין קייטן. איך האָב זיך געוועהרט, כ'האָב נישט געוואָלט האָבן קיין קינד, און דאָך האָב איך עס געהאַט. דו פאַרשטייסט, איך האָב געבראַכט אַ מענטש אויף דער וועלט. איז מיין קינד אויך אַ טעות ?

ער איז אין דעם מאָמענט געוואָרן מער אייפערזיכטיג אויף איר צוגעהעריגקייט צו איר קינד, ווי צו איר מאַן, ער האָט דערפילט די קרובהשאַפט פון איר צו איר טאָכטער, — אַ קרובהשאַפט, אין וועלכער ער וועט קיינמאָל נישט שטיין צו איר. און דורכדעם איז ער פון איר, מיטאַמאָל, פון אַלע בונדן אָפּגעשניטן, ווי אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס.

— דו האָסט אימער געזאָגט, אַז דיין קינד-האָבן איז געווען אַ ריין-אומגעוואונטשענער צופאַל, ווי ווען מען פאַלט און צעבריכט אַ פוס. דו האָסט עס נישט געוואָלט האָבן, דו האָסט זיך געוועהרט געגן דעם. יאָ, געוועהרט זיך, און דו האָסט נישט קיין געפיל צו דיין טאָכטער, זי באַלאַנגט אויסשליסלעך צו איר פאָטער, און זי איז שטענדיג געשטאַנען אויף זיין זייט. דו האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט נישט צו איר קיין באַציאונג, דו געהערסט זיך גאָר נישט אָן מיט איר. איז עס אמת, צי נישט ?

— אמת, אמת, פרענק ! איך האָב פאַרלייקנט מיין קינד, ווי איך האָב זיך אַליין פאַרלייקנט, מיין גאַנצע באַשערטקייט פאַרלייקנט. איך האָב געקעמפט געגן דעם, געוויס. אָבער דו זעסט דאָך, אַז איך בין באַזיגט-געוואָרן. וואָס בין איך געווען ? נאָר אַן אויסערלעכער שליח, וואָס האָט געבראַכט מיט זיין ווילן, אָדער געגן זיין ווילן, אַ קינד אויף דער וועלט, און ווייטער גאָר נישט. ווייסטו, וואָס עס הייסט ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט ? קאָן איך באַשטימען, קאָנטראָלירן מיינע

געפילן צו מיין קינד, אָפּפּאַסן באַציאונגען? עס איז דאָך געווען אַ ליגן. איך האָב זיך דאָך אַליין גענאַרט. עס איז דאָך פון מיין אייגן לייב. מעג זי זיין פרעמד, שלעכט און מיך פיינט־האָבן, אָבער איך ליג דאָך אַ געבונדענע פאַר איר, אַ געבונדענע דורך מיין באַשערטקייט, צו אירע פיס, און זי קאָן טון מיט מיר, וואָס זי וויל. איצט האָב איך עס דערפילט. איצט איז עס צוריקגעקומען צו מיר מיט דער גאַנצער עלע־מענטאַרער געוואַלט. איך האָב דאָך געשפּילט קאָמעדיע ביז איצט. פרענק נישט פאַר דיר. פאַר דיר האָב איך געהאַלט זיין ערלעך, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן! צו דיר בין איך גע־ווען ערלעך. נאָר איך האָב זיך אַליין אָפּגענאַרט. איך נעם די גאַנצע שולד אויף מיר. עס איז מיין שולד, און איך וועל דערפאַר טייער באַצאָלן. איך באַצאָל שוין איצט. דער משפט האָט זיך שוין אָנגעהויבן. נאָר נישט וועגן מיר וויל איך איצט רעדן, וועגן מיר שפּעטער. ניין, וועגן מיין קינד, וואָס איך האָב פאַרלייקנט, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַ טעות. האָרך מיך אויס: ווייסטו, וואָס עס הייסט האָבן אַ קינד? ווייסטו, וואָס עס הייסט זיין אַ ווייב? האָרך־אויס, האָרך־אויס. איך קאָן עס דיר פאַרטרויען. צי לאָזט זיך דאָ רעגולירן אַ באַציאונג צווישן מוטער און קינד לויט גוט אָדער שלעכט, לויט צוניי־גונג אָדער אָבנייגונג? אַנטשליסן דען דאָ די כאַראַקטערן? אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַן עלעמענטאַרער קראַפט, וועלכע מען קאָן נישט קאָנטראָלירן, וועלכע שטייט אויסער דיין ווילן. אָט דידאָזיגע קראַפט האַלט מיך אין אירע נעגל און לאָזט מיך נישט צו צו דיר, מיין איינציגער, אמתער ערשטער פריינט. דידאָזיגע קראַפט איז שטענדיג געשטאַנען איבער מיין קאָפּ מיט אַ קאַנטשיק, און מיך פון קינדהייט־אָן געבונדן מיט אי־רע שטריק. ווי אַלט בין איך דען געווען אינגאַנצן? — צוועלף צי דרייצן יאָר. ניין, נישט אַמאָל אַזויפיל. איך זע עס פאַר מיר. איך זע עס שטענדיג. איך קאָן קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם הערלעכן טאָג, ווי איך בין געשטאַנען אין מיין אויס־געניייטן באַטיסטענעם יום־טוב־קליידל, ווי אַ קליין מלאכל, און

זיך געשפּילט מיט מיין באַל. איך האָב געמיינט, אַז איך האָב פליגל, אַז איך קאָן פליען פון איין צווייג צו דעם אַנדערן אַזוי לייכט ווי די פייגל, פרייגעלאָזט פון יעדער צוגעהעריג-קייט צו ערד, צו גורל, צו אומשטאַנד. און פּלוצים איז עס מיך מיטאַמאָל, ווי אַ גזלן, באַפאַלן און אַרויפגעצוואונגען אויף מיר דעם ווייבערשן גורל. און אַזוי האַלט ער מיך גע-פּענטעט ביזן היינטיגן טאָג, איבער מיין גאַנץ לעבן... מיין גאַנצע יוגנט איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער ווייבער-שער פאַרשקלאַפונג. איך האָב געוואָלט אָן דעם פאַרגעסן. זיין מיט די יינגלעך צוגלייך, אין טעניס שפּילן, אין ראָד פאָרן. איז דער גורל געקומען און האָט מיך דערמאָנט, מיר געבונדן הענט און פיס, ווי אַ קאַלב, און מיך געוואָרפן אין בעט אַריין, אַ צעבלוטיגטע, פאַרוואונדעטע חיה...

— איך ווייס נישט, ווי זיי טוען עס היינט, די יונגוואַרג. איך ווייס נישט. איך ווייס נישט, צי בין איך אַן אויסנאַם. איך בין אין די הענט פון ווייבערשן גורל. ווען ער קומט, מוז איך אים האָרכן. אַזוי איז געווען מיין גאַנצע יוגנט. שפּעטער איז געקומען דאָס חתונה-האָבן. איך האָב געוואוסט, וואָס דאָס איז. געוויס, געוויס. מען האָט געלעזן אין געהיים פאַרבאָטענע ביכער, הינטער די רוקנס פון די שטרענגע על-טערן, ביי דעם באַהאַלטענעם גאַז-ליכט, אין שלאָפצימער, האַלבע נעכט. מען האָט געמיינט, אַז מען ווייסט. אָבער, דאָס זענען דאָך געווען נישט מער ווי ווערטער, הוילע, פּוסטע ווער-טער. איך האָב געהערט צו מיין מאַן אָן האַרץ, אָן ליבע און לעבן. ווי אַן אָפּקומעניש האָב איך עס באַטראַכט, ווי אַ בייזע פליכט, פון וועלכער מען קאָן זיך נישט באַפרייען. נישט בלויז דערפאַר, וואָס איך בין געווען צו-יונג, צו-אומדערפאַרן, צו-אומבאַוואוסט, אַליין אויפצונעמען דעם גאַנצן שלל פון גע-פילן, וואָס עס ברענגט די איבערלעבעניש, נאָר דער עיקר וואָס עס איז געווען פאַר מיר אַ מוז-זאַך, אַ פאַרפליכטונג צו מיין גורל. אויב נישט, וועלן קומען יענע גזלנים, וואָס איך פיל, ווי זיי שטייען שטענדיג הינטער מיין רוקן, מיט די שטריק

אין די הענט, און וועלן בינדן מיינע הענט און פיס, ווי זיי האָבן עס געטון צום ערשטן מאָל אין יענעם פרילינג-זונטאָג, אין מיין פאָטערס גאָרטן, ווען כ'בין אַ קליין מיידל געווען. דערדאָזיגער זונטאָג איז מיר שטענדיג געשטאַנען פאַר די אויגן... מיין חתונה-האָבן האָב איך באַטראַכט נישט פאַר אַ באַשערט גליק, נאָר פאַר אַ באַשערטע פליכט, פון וועלכער מען קאָן זיך נישט אָפּזאָגן. איך האָב דאָ גאָרנישט וואָס אַריינצורעדן, איך דאַרף נאָר געהאָרכן. מיינע עלטערן זענען געשטאַנען אין אַ פאַרשווערונג מיט מיין גורל געגן מיר. איצט האָבן זיי מיך אינגאַנצן איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ מאַן. וואָס איז דער חילוק, וועלכער מאַן, דער אָדער אַן אַנדערער? איך האָב נישט קיין אויסוועג, קיין ברירה. איך בין אין זיינע הענט. ער איז געהאָרן אייגער פון יענע גזלנים, וואָס שטייען הינטער מיר מיט די שטריק אין די הענט. און ער קאָן, ביי יעדן מאָל אַנטגעגנשטעלן זיך געגן זיין ווילן, רופן די גזלנים מיך צו בינדן און מיך אונטערוואַרפן אונטער איה. אַזוי האָב איך געטון זיין רצון, אַן איבערגעגעבענער קרבן.

אַז איך האָב זיך ענדלעך באַפרייט פון די אַנגסטיגע קינדישע חלומות, אַז איך האָב זיך אַרויסגעקראָגן פון די שטריק פון די גזלנים, און מיין ווילן, מיין אייגן אייגזען האָבן מיר אָנגעהויבן צו וואַקסן, האָב איך זיך מער נישט געשראָקן פאַר מיין מאַן. די גזלנים מיט זייערע שטריק זענען מער נישט געווען קיין סטראַשונעק פאַר מיר. איז געקומען אַן אַנדערער, אַ טויזנט, אַ מיליאָן-פאַך מער ווירקנדיגער פאַקטאָר, האָט מיך געבונדן צו מיין ווייבערשן גורל מיט גאַנץ אַנדערע שטריק, מיט שטריק, וואָס מ'האָט ליב, צוזאַמען מיט דער שאַרפקייט זייערער, וואָס שניידט זיך אַריין אין לייב, מיטן בלוט, וואָס פליסט פון די הענט, מיטן סם, וואָס הייסט מוטערלעכקייט. כ'בין טראָגענדיג-געוואָרן. איך האָב שוין דערנאָך אַליין, מיט גוטן ווילן, מיט זיסן חשק, אויסגעשטרעקט מיין האַלז אָנצוטון דעם כאָמעט פון מוטערלעכקייט.

ווי זיס איז געווען די פליכט און די דערוואַרטונג! אַ

מלאך-המות מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד איז געשטאַנען ביים אויסגאַנג פון וועג. אַלע שוואַרצע, אַנגסטיגע כוחות זענען אויפגעשטאַנען דענסטמאָל צו שטעלן זיך אויף מיין וועג איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל שטאַרבן ביים קינד-האָבן. איך האָב זיך שוין געזען אַ טויטע, און געציילט די חדשים, די טעג, וויפל איך האָב נאָך צו לעבן. נאָר אין איינס בין איך געווען זיכער: אַז איך וועל נישט לאָזן פאַלן דעם טייערן אוצר, וואָס מען האָט מיר אָנפאַרטרויט אין מיינע הענט, צו ברענגען אים אויף דער וועלט. איך וועל אים צוטראָגן ביז צום ראַנד פון אויסוועג. איך וועל מיטן לעצטן אָטעם צוקומען צום ענד פון וועג. איך וועל מיט די לעצטע כוחות אַרויסשטרעקן אין לעבן אַריין דאָס, וואָס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן, און דערנאָך וועל איך אַנידערפאַלן, און אַלץ וועט זיך ענדיגן.

איך ווייס נישט, צי איך האָב געקלערט אין דער הויך דידאָזיגע געדאַנקען. איך האָב זיי אָבער געהאַט אין מיין בלוט. אַזוי בין איך צוגעגאַנגען צום ענד פון מיין טראָגן. עפּעס ענלעכעס איז עס טאַקע געווען. איך בין דורך אַ נס געבליבן לעבן. דריי מעת-לעת האָט געדויערט דאָס צו-קינד-גיין. אַלץ איז געווען אין מיר צו-שמאָל, צו-ענג. מיין בעקן האָט געשטערט. אין דער קליניק, וואו איך בין געלעגן, איז פאַרגעקומען אַ קאָנסוליום פון אַלע באַרימטע דאָקטוירים (מיין פאָטער איז געווען באַזואוסט, געוועזן פרעזידענט פון אַ באַרימטן האָספּיטאַל). זיי האָבן זיך נישט געקאָנט מיט מיר קיין עצה-געבן. ווי איך בין שפּעטער געוואויר-געוואָרן, איז געווען אַ פראַגע: אָדער איך, אָדער דאָס קינד. איך ווייס נישט, אויף וואָס זיי האָבן זיך אַנטשלאָסן. זיי האָבן מיר קיינמאָל נישט פאַרטרויט. און אפשר האָבן זיי זיך נישט געקענט אַנטשליסן, און זיי האָבן עס איבערגעלאָזט צו דער באַשערטקייט. איך ווייס נאָר, אַז איך האָב זיך געפונען דורך דריי מעת-לעת אין אַ ברענענדיגער פינסטערניש. יאָ, ווי אומפאַרשטענדלעך דאָס איז! און דאָך איז עס אַזוי געווען: פינסטער אַרום, און

פון דער פינסטערניש האָבן פונקען געשלאָגן. איך ווייס נישט. צי זיי האָבן מיר איינגעגעבן שלאָף־געטראַנק, צי נישט. יעדנ־פאַלס, בין איך נישט געשלאָפן. איך האָב געוואוסט פון אַלץ, וואָס קומט־פאָר, כאָטש איך האָב זיך גאָרנישט געפונען אויף דער ערד, אין דער וועלט. נאָר אין אַ פינסטערן, פינקלדיגן טונעל. איך בין געגאַנגען אין דעמדאָזיגן טונעל, שווער, בלוטיג, פאַרוואונדעט, אָבער איך בין געגאַנגען, מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעעפנט פאַר מיינע אויגן אַ טיפער אָפּגרונט. איך וויל אַריבערשפרינגען דעמדאָזיגן אָפּגרונט. איך מוז, איך מוז. איך ווייס עס מיט מיין גאַנצן באַוואוסטזיין. עס איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג. כדי צוצוקומען צום ראַנד פון טונעל, מוז איך אַריבערשפרינגען דעם פייערדיגן אָפּגרונט. אָבער איך קאָן נישט. מיינע פיס זענען געליימט. איך ווייס, אַז איך וועל אַריינפאַלן. אָט שטיי איך ביים ראַנד פון אָפּגרונט. איך וויל אַריבערשפרינגען, נאָר איך געטרוי זיך נישט. איך פיל, אַז עס איז נישט פאַר מיינע כוחות. איך בעט זיך אָפּ ביי זיי. ביי וועמען? ביי די גזלנים, וואָס שטייען מיט די ריטער איבער מיין לייב און שמייסן מיך אַריבערצושפרינגען. איך בעט זיך אָפּ: נישט איצט, אַביסעלע שפּעטער. איך וועל זאַמלען כוחות. דער אָפּגרונט רוקט זיך אָפּ אויף צען, צוואַנציג שריט. אָט די צען, צוואַנציג שריט גיי איך. איך קריך מיט די לעצטע כוחות, ביז איך קום ווידער אָן צום ראַנד פון אָפּגרונט. איך ווייס, אַז איך וועל אים נישט אויסמיידן. נאָר איך בעט זיך ווייטער אָפּ.

אזוי גייען אַוועק דריי טעג מיט דריי נעכט. דער גוטער אַלטער דר. זילבערט, אונזער הויז־פריינט און הויז־דאָקטאָר, דעם טאַטנס אַ שול־קאָלעגע, זיצט נעבן מיין בעט, שרייט מיר אין אויער אַריין:

— עמיליע! עמיליע! דאָ קאָן קיינער גאָרנישט העלפן. דו מוזסט עס אַליין טון. נאָר דו, נאָר דו!

איך הער זיין שטים, דעם גוטן דר. זילבערטס. איך הער זי. געוויס, געוויס ווייס איך, אַז קיינער קאָן נישט העלפן,

אַז איך מוז אַריבערשפּרינגען דעם אָפּגרונט. איך קאָן אים אָבער נישט ענטפערן, אַז איך קאָן נישט. כאָטש איך ענטפער, איך רעד. איך רעד מיט אַלע מיינע אברים, נאָר זיי הערן מיך נישט.

מיטאַמאָל שטייט ווידער דער אָפּגרונט פאַר מיינע פיס. איך שטיי גאַנץ נאָענט, אויף דעם דינסטן שפּיץ פון זיין ראַנד. איצט איז שוין נישטאָ קיין צוריק. איך פיל עס. דער וועג האָט זיך געענדיגט. איצט בלייבט גאָרנישט מער איבער, נאָר אַריבערצושפּרינגען. אָבער... וואָס „אָבער"? דאָס ווייס איך נישט. איך ווייס, אַז עס איז נישטאָ קיין „אָבער".

עס ווערט שטיל אַרום מיר. אַלע האַלטן-איין דעם אָטעם, עפענען-אויף זייערע אויגן. אויך די גזלנים אַרום מיר האָבן באַהאַלטן זייערע ריטער און שווייגן. זיי וואַרטן-אָפּ מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. איך שפּרייט-אויס די הענט. איך ווייס, אַז איך וועל עס טון. יאָ, איך וועל עס טון. לאָזט מיר נאָר דעם אָטעם כאַפּן. איך זאַמל מיינע קרעפטן. און מיטאַמאָל, מיט איין געוואַלטיגן אויסגעשריי, וואַרף איך זיך מיט מיין גאַנצן אימפּעט איבערן אָפּגרונט.

אַזוי וועל איך זיך איצט וואַרפן. איך ווייס מיין פליכט. איך ווייס, אַז איך האָב געשפּילט קאָמעדיע מיט אַלעם, מיט אַלע, מיט מיין אייגן קינד, מיט דיר, מיין איינציגע, ערשטע פרייד!

די לעצטע ווערטער האָט זי קוים אַרויסגעשטויסן אין אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם געוויין-געוועער, און האָט זיך געוואָרפן מיטן פנים אין קישן אַריין.

— הער-אויף! הער-אויף! דו ביסט הייליג!

ער האָט נישט געוואוסט, אַז ער קניט פאַר איר, און זיין קאָפּ איז נידעריג געבויגן, נאָר זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „מוטער!"

## קאַפּיטל 17

# צווישן פעלד-בלומען

אויפן צווייטן טאָג, איידער עמיליע האָט זיך נאָך געהאַט אויפגעהויבן, איז פרענק אַוועק באַגיינען ברענגען זיין אויטאָ. ער האָט איר איבערגעלאָזט אַ צעטעלע, אין וועלכן ער האָט איר געלאָזט וויסן, אַז ער גייט אין די בערג נאָך זיין אויטאָ, און אַז ער ווייסט נישט, ווי לאַנג ער וועט דאָרט פאַרבלייבן. זי זאָל זיך נישט באַאומרואיגן, אויב ער וועט זיך זאַמען אַ פּאָר טעג, ווייל ער וויל, אויבן אין די בערג, פאַרענדיגן זיינעם אַן אויפזאַץ, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן.

עמיליע האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ שרעקלעכן קאָפּ-ווייטאָג, און איז געווען צופרידן, וואָס פרענק האָט געהאַט דאָס פיינע געפיל זי צו לאָזן אַליין אויף אַ פּאָר טעג. תּמיד ווייסט ער אויסצומיידן זי, ווען מען דאַרף.

וואָס וועט איצט זיין? געוויס איז אַלץ אויס. אָבער וואָס איז אויס? ווי אַזוי וועט אויסזען דאָס „זיין אויס״? דאָס האָט זי זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן...

ערשט איצט האָט זי באַגריפן, וואָס עס איז געשען מיט איר די נאַכט, און ס׳האָט זי אַרומגענומען אַ שרעק. „וואָס האָב איך געטון? — האָט זי זיך געפרעגט. — איך האָב מיין אייגן לעבן, ווי מיט אַ מעסער, אונטערגעשניטן, פאַרוואָס? פאַרוואָס?״.

אין איר האָט זיך שוין איינגעגאַנצן צוריק אויפגעוועקט די פרוי, די געליבטע. איר אינערלעכער לעבנס־ווילן און לעבנס־וואונטש האָבן שוין צוריק באַהערשט אַלע אירע חושים און געפילן. אַלץ איבעריגע איז געווען טויטע ווערטער, דערשטיקט אונטער דעם לעבנס־צאַפּל פון איר ווייבערישקייט. זי האָט באין אופן נישט געקאָנט שלום־מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז אַלץ איז שוין אויס. זי האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט...

זי האָט נישט געקאָנט אַליין איינזיצן אין שטוב. די איינזאַמקייט האָט, ווי מיט אַ שנור, אַרומגעצויגן איר האַלז. זי איז אַרויס אין דרויסן. ערשט אין דרויסן האָט זי זיך באַרואיגט. ערשט אינדרויסן האָט זי געקאָנט זיך באַהערשן און דעם געשריי אין איר.

דער פרישער, געזאַלצענער, מיט אויסטער־געשמאַק אָנגעפילטער ים־ריח האָט זי געקרעפטיגט. באָדן זיך האָט זי נישט געוואָלט. זי האָט זיך געשראָקן פאַרן גרויסן ים, צו זיין מיט אים איינע אַליין אָן פרענקן. זי האָט זיך געלאָזט גיין, אָן אַ צוועק, אין דער וועלט. די זון האָט זי וואַרים אַרומגענומען. דער ים־ווינט האָט זי געקילט און געמאַכט זי אָן אַלץ פאַרגעסן.

הינטער דעם האָטעל האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע אַלייע פון אַקאַציע־ביימער. די ווייס־באַשטויבטע בלעטלעך פון די אַקאַציע־הענגלעך האָבן באַשיינט דעם וועג, געגעבן אים אַ פאַנטאַסטישן אָנבליק, ווי ער וואָלט געפירט אין אַ גן־עדן אַריין.

איצט, ווי זי גייט אַזוי איבערן וועג, איז איר ריכטיגע סיטואַציע געוואָרן אַוועקגערוקט פון איר. זי מיינט, אַז זי חלומט, וויל נישט וויסן און געדענקען דאָס געשעענע. זי גייט, ווי אין שלאָף. זי געפינט זיך אינם פראַכטפולן בלומען־גאָרטן, הינטערן האָטעל. דערדאָזיגער גאָרטן איז פאַרפלאַנצט אויפן געל־זאַמדיגן ברעג, וואָס מען האָט אַרויסגעריסן פון די נעגל פון ים, צווישן נאַקעטע פעלזן, מיט שטעגעלעך באַדעקטע מיט מושל און שטיינדלעך.

אינם דאָזיגן גאָרטן האָט עמיליע שטענדיג גערן געהאַט

אַרומצובלאָנדזשן, אָן יעדן צוועק, ווען זי איז געווען אַליין. אויס געוואוינהייט האָבן זי אויך איצט פאַרפירט אירע טריט אַהין.

עס איז שוין געווען הויכער פרילינג. אַלץ איז באַגאָסן מיט זון. די בלומען-וועלט, אין מנוחהדיגער האַרמאָניע איז צוגעקומען צו איר שלימות, אַזוי ווי זי וואָלט דערגרייכט די צייט פון „באחרית הימים״ — אַ פאָלקאָמענהייט, וואָס וועט דערגרייט-ווערן אין דער ווייטסטער צוקונפט. צווייגן פון פאַרשידענע פרוכט-ביימער טאַנצן אין דער לופט, באַדעקטע מיט קאָלירן-רייכע בליטן. איבער די אַלטע ציגל-ווענט קריכן בליענדיגע אַרבעס-שטענגלעך. די ליכט-פאַרב פון די „ראָדאָדענדרעס״ צווישן אַ קרעפטיגער גרינקייט ווירקן אויסטערליש יום-טובדיג און פרום.

עמיליע פילט זיך, דורך דעם יום-טוב פון גאָרטן, אַרויס-גענומען פון איר טעגלעכער ראַם און איבערגעטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט. זי איז אויך בלומיג, בלוטיג-בליענדיג... אומבאַ-וואוסט פירט זי מיט איר האַנט איבער מיט טוי באַפרישטע מאַרגאַריטקעס, וואָס וואַקסן אויף די ראַנדן פון גאָרטן-וועג. זי שרעקט-איבער אַרבעטזאַמע בינען, וואָס זוכן אין דער פינסטערניש פון די קעלכן זיסקייטן... האַסטיג נעמט זי צוריק איר האַנט, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט ביי די פּאַנאַ דער-געבליטע רויזן-שטאַנגען, וואָס האָבן זיך שוין אַרויסגעהוילט מיט זייערע געקאַרבטע, איידעלע, קרעפטיגע בלעטער פון די פאַרשלאָסענע קנאָספּן.

גאָרנישט האָט אַזוי גערירט איר געמיט, ווי די איידעלע, בלאַסע געלקייט פון דער טיי-רויז, אירע שלאַנקע, קערבדיגע לייב-בלעטלעך און די פליישיגע, אויסגעטאָקטע ראַנדן-ליפּן. אַ געפיל פון אינערלעכער ריינקייט האָט זי אַרומגענומען, ווען זי איז געקומען אין באַריר מיט פרישע, אויף די שטאַנגען נאָך הענגנדיגע רויזן. זי האָט שטענדיג געפילט אַ נאָענטע שייכות צו זיי. זי האָט אָבער נאָך קיינמאָל נישט אַזוי געפילט

די אינערלעכע נאָענטקייט צו רויזן, ווי אַצינד. אַ מינוט איז עס געווען, ווי עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי האָט זיך פאַרדינט, דורך עפּעס אַ טאַט, דעם צוזאַמענהאַנג מיט בלומען, און צו זיין באַרעכטיגט זיך צו געפינען אין זייער נאָענטקייט, צו באַרירן מיט איר האַנט די פרישע, קינדישע לייבלעכקייט פון די בלעטלעך און צו קילן איר הייסן שטערן מיט דער טוי-באַנעצטקייט, וואָס האַלט זיך אויף די אויפגעעפנטע רויזן-ליפּן. זי האָט זיך נישט געקאָנט העלפן נישט אָפּצורייסן איינע פון די פאַרמאַכטע בלומען און האָט זי צוגעפירט צו איר מויל. קיין געדאַנק איז איר נישט געקומען מער אויפן זינען, קיין חרטה-געפיל האָט זי נישט מער באַאומרואיגט. קיין זכרון האָט זי נישט באַשווערט. אַלץ איז געווען אָועקגעשוואומען, אָפּגע-שווענקט מיטן שטורעם, וואָס איז דורך דער נאַכט אַדורך איר לייב. איר גאַנץ פאַרגאַנגען לעבן, איר צוקונפט, אַלץ, אַלץ.

איר הימל איז געווען קלאָר, אָן איין וואָלקנדל. זי האָט געהאַט די באַגאַבונג אין אויסערגעוויינלעכע מינוטן צו בלייבן הענגען אין דער לופטן אָן צייט און רוים, אָן יעדן אויסער-לעכן איינפלוס, צו צעשטערן אַרום זיך יעדן צוציענדיגן קערפּער און צו קריכן, ווי דורך אַ טונעל, דורך דעם איי-גענעם הינטערוועג.

אין אַזעלכע מאָמענטן איז זי צו אַלץ געווען אַפּאַטיש, צו דעם נאָענטסטן און בלוטיגסטן. עס איז איר גאָרנישט אָנגע-גאַנגען, וואָס עס וועט אין אַ מינוט שפּעטער געשען מיט איר. זי האָט געקאָנט אַרויסרייסן דעמדאָזיגן מאָמענט פון דער אַריינגעוועבטער געגנוואַרט מיט אַלע דורכלויפנדיגע געשעענישן, זיך באַשאַפן אַן אינזל, אויף וועלכן זי האָט זיך געראַטעוועט. זי האָט געקאָנט דעמדאָזיגן מאָמענט איינהאַלטן שעהן, טעג, וואָכן און זיך אויסלעבן אויף אים, ווי אַ פּרינצעסין אין איר פאַרשלאָסענעם שלאָס.

אין אַזעלכע מאָמענטן איז זי ווי פאַרשטיינערט-געוואָרן. אירע חושים זענען פאַר גאָרנישט עפּעס אַנדערש וואַך-געווען, ווי נאָר פאַר דעם אוממיטלבאַרסטן, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט.

איצט האָט זי זיך געפונען אַריינגעכישופט אין אַ שפּעדיגן פעלד פון שפּראָצונגען, געוויקסן, בלומען, און זי האָט זיך באַוואויגן צווישן זיי, ווי יעדער זשומענדיגער אינזעקט.

בלומען זענען געווען איר שוואַכקייט פון איר קינדהייט אָן. נישט די קולטיווירטע, די געפלעגטע, נאָר די דאָרפישע, די פּויערשע, לאָנקעדיגע.

זי האָט זיי געקאָנט אַנטפּלעקן פון די טיפענישן פון די גרעזער אַרויס. זיי זענען אַליין געקומען צו איר, ווי זיי וואָלטן זיך געפילט אין נאָענטער קרובהשאַפט מיט איר...

זי האָט זיך געפונען אויפן פעלד, ביים ראַנד פון שטאָטישן וועלדל, אין וועלכן זי איז געגאַנגען אַזוי אָפט מיט פרענקן. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געזאַמלט די קאָרן-בלימלעך, וואָס זענען איר געקומען אַנטקעגן. יעדעס פליענדיגע, רויט-פאַרשאַרטע מאָן-קעפּל, ווילדע פאַרגעס-מיך-נישט און ברידערלעך, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין פעלד, און ווי גערופן פון איר אינסטינקט, צו איר געקומען... ווייסע, רויטע „קנעפּלעך" און „פּריזקעלעך". זי האָט זיי אָפּגעריסן און פאַרפלאָכטן מיט פעדער-גראָז-בלעטער און באַשפּרענקלט מיט מאַרגאַריטקעס און מיט רויטן מאָן. באַלד האָט זי דערשמעקט עפּעס היימישעס. עפּעס אַזוינס, וואָס האָט איר דערמאָנט אירע קינדער-יאָרן אין מאַמעס שטוב: געל-ווייסן רומיאַנעק, מיט וועלכן „ענט אַננאַ" פלעגט איר, אַלס קינד, וואַשן דעם קאָפּ. זי האָט דערפילט דעם געשמאַק פונם זונטאָגדיגן פּוטערקוכן, וואָס מען האָט געבאַקן ביי זיי אינדערהיים. און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז צוריק פאַרוואַנדלט-געוואָרן אין אַ קינד. נאָך גאָרנישט איז געשען מיט איר. זי געפינט זיך אויף אַ שפּאַציר-גאַנג אין גאָרטן, אין דרויסן אין ברוקלין, און זי גייט אָנגעטון אין איר אויסגעוואַשענעם, גלאַט-אויסגעפּרעסטן זונטאָגדיגן ווייסן באַטיסטן קליידל. זי גייט נישט, נאָר זי פליט. אירע הענטלעך זענען פאַרוואַנדלט אין פליגעלעך, ווי דעמאָלט, ווען זי איז אַ קינד געווען.

ענדלעך האָט זי זיך געפונען ביים ראַנד פון וואַלד, געגנ-

איבער דעם זאַמדיגן ברעג, פּנים-צו-פּנים מיטן ים-שפּיגל. ווילדע אַסטער-שטעכעכצן האָבן זיך צוגעקלעפּט צו איר קלייד און זאָקן. זי האָט געפילט, אַז עפּעס שטעכט זי אין אירע פיס. זי האָט נישט פעסטגעשטעלט, וואָס דאָס איז.

דער הימל איז געווען לויכטנדיג בלוי, און אויך פון איין שטיק מאַטעריע, אַזוי ווי די בלישטשענדיגע שיפּן-הויט פון ים.

זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער ראַנד פון דעם נאָדלביימער-וואַלד, אויף וועלכן זי זיצט, איז דער סוף פון דער וועלט. דער ים, וואָס געפינט זיך פאַר איר, מיטן הענגענדיגן הימל איבער אים, איז דער אָנהייב פון אַ צווייטער וועלט. אַן אָנהייב פון אַ קאָסמאָס, וואָס האָט מיט אונזערן גאָרנישט קיין שייכות. ער איז ריינער, לויטערער, אומבאַפלעקטער, איינפאַכער, און פון מענטשלעכע ליידן אַ באַפרייטער. אַהין געהערן נאָר יענע באַשעפענישן, וועלכע האָבן זיך אויסגעטון פון אַלץ, אַלע קליידער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, און מיט זיי — אַלע אינטערעסן פון לעבן.

זי באַלאַנגט שוין אַהין. זי איז אַ באַשעפעניש פונם ים-קאָסמאָס. זי איז אַ קליינער הויך, אַ לעבעדיגער טראָפּן, וואָס איז דורך אַ טעות דאָ אַהערגעטריבן-געוואָרן, אַריינגעפלייצט אין אַ פרעמדן קערפּער. איצט איז זי, נאָך אַזאַ לאַנגן וואַנדערן, ענדלעך צוריקגעקומען און דערזען פאַר זיך איר אייגנטלעכע היים, וואוהין זי געהער־ט. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס זי געפינט זיך איצט דאָ. זי איז צוליב דעם צוועק געגאַנגען איבערן וועלדל, אויף דעם איינזאַמען פּלאַץ, וואו קיין מענטש קאָן זי נישט באַמערקן. עס איז אויך נישטאָ קיינער. דער איינציג-ריכטיגער און נויטיגער שריט, וואָס זי באַדאַרף טון, איז אַריבערשפּרייזן די גרענעץ צווישן ערד און ים און אַריינטרעטן אין דעם קאָסמאָס, וואוהין זי געהערט. עס איז אויך לייכט, נאַטירלעך. זי באַדאַרף זיך נאָר צונויפנעמען, דורכקומען דעם צוגעוואוינטן פּחד, וואָס זי האָט. זי מוז עס דאָך טון. דאָס וועט זי נישט אויסמיידן. נאָך אַ טריט, נאָך אַ טריט. זי וועט מוזן אַריבערשפּרייזן די גרענעץ.

זי דערמאָנט זיך, אַז זי האָט זיך שוין געפונען אַמאָל אין אַן ענלעכן צושטאַנד. דענסטמאָל האָט זי אָפּגעשלעפּט, זיך געפּוילט, ווי איצט, ביז זי האָט אויך זיך צונויפגענומען און איז אַריבערגעשפּרונגען די גרענעץ. איצט דאַרף זי עס אויך טון. נאָך איין מינוט, זי וועט נאָר זאַמלען אָטעם...

דער ווייטאָג פון שטעכיגן אַסטער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן מיט זיין שאַרפער נאָדל-שטעכעכץ אין איר לעבעדיג לייב, האָט זי אויפגעוועקט פון איר זעלבסטמערדערישן חלום. אַ פּחד איז זי באַפאַלן. און דערדאָזיגער פּחד האָט זיך געשטעלט, ווי אַ שטעכיגע צוים, צווישן די צוויי וועלטן, וואָס אויף זייער גרענעץ איז זי געשטאַנען.

אירע געפילן און אינסטינקטן האָבן, נאָך דער הפסקה פון אָפּרו, אָנגעהויבן קרעפטיגער צו אַרבעטן. דאָס ערשטע, וואָס זי האָט זיך געפרעגט, איז געווען פרענק:

— וואָס טוט זיך מיט אים? וואו געפינט ער זיך?

און זי האָט זיך געוואונדערט, וואָס זי האָט ביז איצט נישט געקלערט וועגן אים. ער איז אין די בערג. אליין... וואָס האָט ער געמיינט מיט די ווערטער: „באַאומרואיג זיך נישט, ווען כ'וועל נישט באַלד אַהיימקומען"?

גאָט!

זי איז מיט דער גאַנצער קראַפט, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, צוריק אַריין אין האָטעל. זי האָט זיך מיט אַלע מיטלען געהאַלטן אין שפּאַן נישט צו ווערן היסטעריש. זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון פרעגן וועמען וועגן דעם אָרט, וואו זיי האָבן געלאָזט דעם אויטאָמאָביל, כדי נישט אַרויסצורופן קיין אויפמערקזאַמקייט. זי האָט נאָר געפרעגט ביים מיידל, וואָס האָט זי באַדינט, ווען פרענק האָט פאַרלאָזט דעם האָטעל.

— גאַנץ פרי, איידער עס איז געווען נאָך ווער אויף אין הויז.

— האָט ער עפּעס איבערגעלאָזט?

— זי ווייסט נישט. נאָר זי קאָן זיך נאָכפרעגן ביים נאַכטדינער.

— ניין, מען דאַרף נישט.

זי איז, ווי יעדן טאָג, אַראָפּגעגאַנגען אין האָטעל-רעס־טאָראַן, אַוועקגעזעצט זיך ביי איר טישל איינע אַליין. זי האָט זיך איבערגעלייגט, וואָס צו טון.

נעמען אַן אויטאָמאָביל און אויפזוכן פרענקן אין די בערג? אפשר וויל ער גאָרנישט געשטערט-זיין? ניין, זי וועט נישט פאָרן. זי וועט עס איבערלאָזן צום גורל. אַליין קאָן זי אָבער נישט זיין. די אומרואיגקייט, די אַנגסטיגע אימה נעמען זי ווידער אַרום, ווי מיט אָנגעגליטע צוואַנגען. ווידער ווערט איר ענג אַרום האַלז. עס פעלט איר אויס לופט. זי פאַרלאָזט אומבאַמערקט דעם טיש. זי גייט שנעל צוריק אין איר צימער אַריין און וואַרפט-אַריין אַ בליק אין זיין צימער דורך דער אויפגעעפנטער טיר, ווי איינער, וואָס וויל באַגיין אַ גנבה.

אַלע זאַכן ליגן דאָרטן, אַזוי ווי ער האָט זיי געלאָזט.

דאָס באַרואיגט זי און באַאומרואיגט זי גלייכצייטיג. ניין, נאָר נישט ווערן היסטעריש. זי וועט עס איבערלאָזן צום גורל. אַזוי ווי דער גורל וועט פסקענען, וועט זי אָננעמען דעם פסק. איצט איז גאָרנישטאָ וואָס מער צו טון, נאָר זיך אַוועקזעצן און וואַרטן אויפן פסק-דין.

און זי זיצט ביי זיך אין צימער און קוקט-אַרויס צום ים. דער ים שטייט, ווי אַן אָפענע טיר, און פאַרבעט אַריינ־צוקומען. ניין, זי קאָן נישט קוקן היינט אויפן ים. זיין רואיג־וויגנדיגע, גלאַנציגע שופן-אויבערפלאַך דענערווירט זי. עס דע־נערווירט זי זיין רעגלמעסיגער קינדערשער אָטעם. עס דענער־ווירט זי דער מילכיגער נעפל, וועלכער ליגט אין ענד פון האָריזאָנט און פאַרשטעלט, ווי מיט אַ פאָרהאַנג, אַלץ וואָס געפינט זיך הינטער אים. אַ רואיגער גזלן, וואָס לאַדט-איין מיט זיין שמייכל אין טויט אַריין. זי קערט זיך אָפּ פון ים. זי וויל זיך זוכן אַ באַשעפטיגונג. זי ברענגט אין אָרדענונג די בלומען אויף איר טואַלעט-טיש. זי וויל לעזן, אָדער גאָר עפּעס פאַרריכטן.

זי זיצט אַ ווײַלע. מיטאַמאָל פּאַקט זי די איינזאַמקייט.

אַזוי ווי עס וואָלט איר נאָכגעגאַנגען אַ ווילדע קאַץ טריט-בײַ-טריט. אַ צוגעשמידטער שאָטן ווערט זי, די איינזאַמקייט, און מאַנט, מאָנט:

— וואָס וועט איצט זיין?

זי זעט זיך, ווי מיט אַ רוט צוריקגעטריבן אין דעם ענגן ווינקל, וואוהין זי געהער: בײַ איר מאַן „אין דער היים", אָוונט בײַם ליכט. אין זייער סאַלאָן. זי קאָן איצט הערן זיין הוסטן בײַם ציגאַר-רויכערן. לעצטנס איז אים דאָס רויכערן שווער אָנגעקומען. דאָך האָט ער עס נישט אויפגעגעבן. ער איז פאַרטיפט אין זיין צייטונג. זי זעט זיין קנאָכיגן פּנים. לעצטנס איז עס געוואָרן געלבלעך. די שלאַבעריגע פאַלדן זענען ווי לויז-געזיאָרענע לעדער-באַדעקעכץ אויף די טאָוולען פון אַ בוך. און כּדי זיך צו פייניגן פאַר אַ באַגאַנגענער זינד, וויל זי דעם ביטערן געטראַנק אויסטרינקען אינגאַנצן. זי ברענגט-אויף מיט אַ וואויל-טועדיגן ווייטאָג אין זכּרון דעם אויסגאַנג, מיט וועלכן די סצענעס פלעגן זיך ענדיגן... דאָס איבעררעאַשן בײַ דער טיר, דאָס אָננעמען זי בײַ דער האַנט: „קאָן איך צו דיר אַריינקומען?"

— גאָט! גאָט! אָבער דאָס קאָן דאָך נישט ווייטער זיין! עס קאָן דאָך איצט מער אַזוי נישט זיין! און דאָך וועט אַזוי זיין, צו דעם פירט עס. עס זעט-אויס, אַז ערגעץ-וואו פאַרבאָרגן, אינערלעך, וויל זי עס, ווינטשט דאָס מיט איר גאַנצן חשק, אַז זי האָט דערצו געפירט.

— אָבער ניין, ניין. עס איז דאָך אַ ליגן! — ווערט זי זיך, — איך האָב דאָך זיך געעקלט פון אים, און נאָך יעדן מאָל זיין מיט אים האָב איך זיך געפילט דערנידעריגט און אומריין, און ווי צו באַגיין זעלבסטמאָרד... ניין, קיינמאָל, קיינמאָל וועט עס מער נישט זיין! — שרייט זי אויס.

און כּדי נאָך שטאַרקער צו מאַכן דעם באַשלוס, ברענגט זי דעם געדאַנק אויף פרענקן.

אָבער זי פילט, אַז זי האָט שוין מער נישט קיין רעכט צו ברענגען פרענקן אין צוזאַמענהאַנג מיט איר. איר לעבן

און זיין לעבן גייען שוין באַזונדער. ווי עס זאָל נישט זיין, צעטיילן זיי זיך. איר ווייטערדיג לעבן איז שוין אָן אים, אליין.

איצט פּאַקט זי דאָס געשעענע מיט זיין גאַנצער געוואַלט. די איינזאַמקייט שטעלט זיך נעבן איר, ביי איר זייט. אויף קיין איין מינוט וועט די איינזאַמקייט זי שוין נישט מער פאַרלאָזן. אזוי וועט עס שוין זיין. אַ מינוט פילט זי, אַז זי פאַלט אין די אָרעמס פון היסטעריע. עס שטיקט זי ביים האַלז. זי וויל אויפשרייען. איצט ערשט ווייסט זי, וואָס עס איז געשען.

— אָבער גאָט! עס קאָן דאָך נישט זיין אַזוי. פאַרוואָס, פאַרוואָס האָב איך אים אַוועקגעשטויסן?

שוים זעצט פון איר מויל. „וואָס, וואָס גייט מיך אַלץ אָן? ווער איז די וועלט? ווער איז מיין מאַן? ווער מיין קינד? — פרעמדע! שטענדיג געווען פרעמדע! כ'האָב דאָך קיינמאָל נישט געפילט צו מיין טאָכטער קיין ס'מן פון אייגנס, פון פער־זענלעכעס. ס'איז געווען אַן אָנגעוואָרפענע, אַרויפגענויטע צו־געהעריגקייט דורך אַ פרעמדן ווילן. צום ערשטן מאָל פיל איך מיין פּערזענלעך גליק. איז דאָך דאָס געפיל צו פרענקן מיין אייגנס, האָט אַ שייכות מיט מיר. ווער זאָגט מיר, אַז כ'וועל נאָך אין לעבן עפּעס אַזוינס געפינען? איך האָב דאָך קיינמאָל נישט געקענט קיין ליבע: ליידנשאַפט, זנות, זינד. יאָ, זנות מיט מיין אייגענעם מאַן! אָט דאָס איז עס, וואָס ציט מיך צו אים — די זנות! — האָט זי זיך געשלאָגן מיט דער רוט. — „קראַנקהאַפטיגעס האָט מיך געצויגן צו אים. און דערנאָך האָב איך זיך יעדעס מאָל געפילט באַשמוצט. אָבער דאָס דאָ, מיין געפיל צו פרענקן, איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס איז דאָך ליבע. צום ערשטן מאָל און צום לעצטן מאָל אין מיין לעבן. אמתע, ריינע ליבע, וואָס לייטערט מיך אויס, וואָס מאַכט מיך איידעלער, בעסער, שענער. פאַרוואָס גיב איך דאָס אַוועק? פאַרוואָס וואַרף איך דאָס אַוועק מיט מיינע הענט? פאַר אַ העכערער מאָראַל? פאַר מיין קינד? פאַר מיין מאַן? ניין, דאָס

זענען נאָר פולע תירוצים: איך וואַרף דיך אַוועק, פרענק, צוליב אויסגעלאַסענע זינד, צוליב פאַרקנעכטעטע, פאַרשעמטע זינד, וואָס מיין קראַנקע נאַטור שלעפּט מיך צו זיי, ווי אַ...״

זי האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר דידאָזיגע ווערטער:

— גאָט, איך ווער דאָך משוגע! וואָס קלער איך? וואָס רעד איך?

זי האָט געהאַט מורא זיך צו רירן פון איר אָרט, כדי איר פּנים זאָל איר נישט פאַלן אין שפּיגל. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז איר פּנים האָט זיך איר געענדערט און מוז האָבן אַצינד דעם אָנבליק פון אַ מכשפה.

— איך קאָן דאָך משוגע־ווערן! „עמיליע, האַלט דיך! עמיליע, האַלט דיך!״ — האָט זי אַליין צו זיך גערעדט. — איך מוז עפּעס טון! איך מוז עפּעס אויסזוכן זיך צו באַשעפ־טיגן. וואָס קאָן איך טון?

עס פאַלט איר עפּעס איין.

— איך וועל שרייבן אַ בריוו צו סילוויען. וואָס זאָל איך איר שרייבן? וואָס עס זאָל נישט זיין.

און זי האָט גענומען טינט און פּעדער און אָנגעשריבן פאָלגנדיגן בריוו צו סילוויען. זי האָט אַ סעקונדע פריער דער־פון נישט געטראַכט און נישט געוואוסט, וואָס זי וועט איר שרייבן. נאָר דער בריוו איז, פון זיך אַליין, אָט ווי אַרויסגע־קומען:

„סילוויע!

„איך ווייס, אַז דו וועסט מיך נישט פאַרשטיין, אַז דו וועסט מיך באַטראַכטן, ווען דו וועסט האָבן דורכגעלייענט דעם בריוו, פאַר אַ קרענקלעכע און אומנאַטירלעכע, ווי דו האָסט מיך געהאַלטן ביז איצט. מיין בריוו צו דיר וועט, פון מיין שטאַנדפּונקט, בלייבן אומגיצלעך און וועט דיר נאָר העלפן זיך צו אַמוזירן איבער מיר. אפשר אויך מאַכן מיך פאַר אַ שפּאַט־ציל פאַר דיינע פריינט. ווען איך שרייב דיר אָבער דאָך, איז עס דערפאַר, ווייל כ׳וויל צורעכטמאַכן אַ טעות, אַ העסלעכן געמיינעם, נידערטרעכטיגן טעות, אין וועלכן כ׳האָב דיך פאַר־

פירט. און דאָס נאָר צוליב דעם, ווייל כ׳האָב נישט געהאַלט אויסקוקן אין דיינע אויגן לעכערלעך און אַנדערש. ווי אַלע, ווי די גאַנצע וועלט. דער טעות, אין וועלכן כ׳האָב דיך אַריינגעפירט, איז בנוגע די באַציאונגען צווישן פרענקן און מיר. האָבנדיג מורא נישט אויסצוקוקן אין דיינע אויגן לעכערלעך, האָב איך שטום צוגעגעבן, אַז צווישן פרענקן און מיר באַשטייען קערפּערלעכע, סעקסועלע באַציאונגען, וואָס איז אין דיינע אויגן, וועלכע זעען דער וועלטס אויגן, אַזוי נאַטירלעך, אַז זיי דאַרפן פאָרקומען צווישן צוויי זיך-ליבנדיגע געזונטע מענטשן, ווי אַן ערשטער און איינציגער באַווייז פון זייער ליבע. איך וויל דעמדאָזיגן פעלער פאַרריכטן און דיר זאָגן: „ניין, צווישן פרענקן און מיר באַשטייען נישט קיין געשלעכטלעכע באַציאונגען”. נישט דערפאַר, ווייל עס האָט אונז אויסגעפעלט ליבע צו דער טאַט, אָדער ווייל מיר האָבן נישט געהאַט גענוג מוט „אויסצוגיסן” זיך איינער דעם אַנדערן, ווי דו רופסט עס. פאַרקערט, עס איז דערפאַר, ווייל אונזער ליבע איז צו-טיף, צו-ערלעך, צו-דורערנדיג, אַז מיר זאָלן זי אויסגעניסן דורך דעמדאָזיגן אַקט. אונזער ליבע איז אויסגעשפּרייט איבער אונזער לעבן, אַזוי ווי די אַטמאָספערע, די לופט, ווי די זון. מיר געניסן זיך איינער דעם אַנדערן יעדן אויגנבליק פון אונזער זיין, אין אונזער בליקן, אין אונזער באַטראַכטן די נאַטור. פון דעם קלענסטן בלימל ביז צום גרויסן ים — אַלץ פאַראייניגט אונז. אונזערע נאַרישסטע, טאָג-טעגלעכע געשפּרעכן פילן-אויס די גרויסע פאַרלאַנגען פון אונזער ליבע און שטילן אונזערע טיפסטע דורשטן. אונזער ליבע איז צו-גרויס, צו-רייך, צו-הערלעך, אַז מיר זאָלן זי קאָנען אַריינקנעטן אין איין-איינציג קיכל און עס אויפעסן... אויך האָט אונז נישט געפעלט קיין מוט. פאַרקערט, נאָר טאַקע צוליב דעם, ווייל מיר פאַרמאָגן ביידע דעם אומבאַצוואונגענעם קוראַזש צו זיין אַנדערש ווי אַלע, זיך צו שטעלן אַנטקעגן דעם לויפנדיגן שטראָם, האָבן מיר געקאָנט באַווייזן דעמדאָזיגן נס: צו באַשיצן אונזער טייערן אוצר, אונזער ליבע, פונם אָנגענומע-

נעם מנהג „אויסצוגעניסן“ איינער דעם אַנדערן, צו אַנטפּלעקן אַלע סודות, אויסצוגעבן זיך און דערנאָך זיך אַוועקצוואַרפן, ווי אויסגענוצטע שאָלן, פון וועלכע עס איז אויפגעגעסן געוואָרן דער יאָדער... איך מוז דיר זאָגן, אַז צו דעם געהערן כּוחות. און מיר האָבן דעמדאָזיגן נס געקאָנט באַווייזן נאָר דורך דער הילף פון דער מאָראַלישער קראַפט, וואָס לעבט אין פרענקן. מיין אָנטייל אין דעם איז געווען נישטיג און קליין. פּאַרקערט, מיינע אינערלעכע שלעכטע נייגונגען, מיין זינדיג לעבן ביז צו מיין ליבע, האָבן מיר געשטערט זיך צו דער הייבן אויף דערדאָזיגער הייך. נאָר זיין טיפער, אויסגעאיידלטער כאַראַקטער האָט אויף מיר געווירקט, האָט מיך אויסגעאיידלט, אַז איך זאָל זיין אימשטאַנד צו דערפילן, צו דערזען די אויפגאַבע, וואָס ליגט אויף מיר. ווי לעכערלעך עס זאָל נישט אויסקומען ביי דיר, מוז איך דיר זאָגן, אַז איך האַלט, אַז די פרוי, אַלס אַזעלכע, איז נישט קיין אומאָפּהענגיגע באַשעפעניש פאַר זיך אַליין, וואָס איז געקומען צופעליג אין לעבן אַריין און באַלאַנגט אויסשליסלעך צו אירע אייגן-איינגעזעענע נוצן און צוועקן. די יצירה האָט איבערגעגעבן דער פרוי, און דווקא נאָר דער מענטשן-פרוי, דער מענטשן-מוטער אַ העכערע באַשערטקייט. און ווי דאָס זאָל ביי דיר נישט קלינגען ראָמאַנטיש, האַלט איך די פרוי פאַר אַ כּוהנטע, אין וועמענס הענט עס איז געוואָרן איבערגעגעבן די באַשערטקייט פונם מענטשלעכן מין. מיט דעמדאָזיגן געפיל, מיט דערדאָזיגער ריינקייט האָט מיך באַשאָנקען מיין ליבע צו פרענקן. איז דאָס נישט זעלטן און וואונדערבאַר, אַז דווקא מיין „אומגעזעצלעכע“ ליבע האָט מיך געקאָנט דערהויבן, אַז איך זאָל דערזען די הויכע אויפגאַבע, וואָס ליגט אויף מיר, אַלס פרוי, און צו געבן דורך דעם מיין געצוואונגענעם חתונה-געהאַט לעבן, וואָס איך האָב באַטראַכט פאַר אַ זינד, אַ באַרעכטיגונג און אַ העכערן אינהאַלט !...

„דאָס איז דער אומשאַצבאַרער אוצר, וואָס כ'האָב געפונען אין מיין ליבע. גלויב מיר, אַז איך שרייב דיר דאָס אַלץ

ניט דערפאַר, ווייל איך וויל זיך שטעלן העכער פאַר אַנדערע, אָדער ווען דאָס קאַפּיטעל גענומען אַנצוהערן. איך האָב דיר מיט מיין שרייבן געוואָלט זאָגן וועגן דעם גרויסן גליק, וואָס איך האָב געפונען אין מיין ליבע. דאָסדאָזיגע גליק מאַכט מיך פאַרן רייכסטן מענטש אויף דער וועלט. און עס אַרט מיך ניט, וואָס עס זאָל ניט געשען מיט מיר, וואָס עס זאָל זיך ניט אויסלאָזן מיט מיין ליבע. איך קוק צו מיט אַנגסט, ווי מיר גייען ביידע, פרענק און איך, מיט שנעלע טריט צו אַ שטייפער, שפּיציגער וואַנט. יאָ, מיר ביידע, פרענק און איך, זעען, ווי מיר ווערן אַריינגעיאָגט אין אַן ענגן לאָך אַריין. דאָרט מוז זיך אַלץ ענדיגן. מיר זעען דאָס, און מיר קאָנען זיך ניט העלפן. און דאָך גייען מיר צו דעם ראַנד פון אונזער ענד מיט געזאַנג. גאָר־ניט קאָן מיר מער געשען, ווייל איך האָב ליב. יאָ, סילוויע! עס איז דאָ ליבע אויף דער וועלט, וואָס מאַכט ניט נאָר גליקלעך, נאָר וואָס איידלט־אויס און דערהויבט דאָס לעבן צו אַ העכערער מדרגה און ווייזט די זאַכן פון אַן אַנדערער זייט, אין זייער אמתדיגן, זוניגן פנים. און מען זעט זיי, די היינטוועלטיגע, נאָך אַזוי לאַכן דערפון, באַדויער איך זיי, וואָס זיי זענען פאַראורטיילט צו וועגעטירן אין דער זאַמדיגער ניכטערקייט, אין וועלכער זיי האָבן זיך אַליין אַריינגעצוימט. איך דאַנק גאָט, וואָס ער האָט מיר געגעבן צו דערקענען דאָס געפיל פון ליבע און דעם מוט זיך צו באַקענען דערצו...״

דערדאָזיגער בריוו האָט ערשט געגעבן אַן אויסלאָר צו איר צער, וועלכער האָט זיך אויפגעלעזט אין שטילע, לאַנגע טרערן־שנורן, וואָס האָבן אַרויסגעקוואַלט אין פולע טראָפּנס פון אירע אויגן..

# קאַפּיטל 18

## „וועסטהאַרדי"

די זאַך איז דאָך געווען אַזוי קלאָר און אויבן-אויף: די פרוי באַלאַנגט צו איר מאַן, צו איר קינד, צו איר היים. נישט נאָר געזעצלעך, נאָר אינערלעך. מיט אַלץ אין איר איז זי טיף אַריינגעוואָרצלט אין איר צוגעהעריגקייט. די איינציגע קאָנסעקווענץ, וואָס איז געווען צו ציען פון אירע רייד, איז ווי צום שנעלסטן זיך אַליין צו באַפרייען פון דער אומפרוכטבאַרער ליידנשאַפט צו עמיליען און צו העלפן איר אַרויסצואוויקלען זיך פון די שפינוועבס. אין וועלכע זי האָט זיך אַליין פאַרוויקלט. דאָס איז דאָך געווען אַזוי לאָגיש, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין איינקלאַנג מיט זיין כאַראַקטער, מיט זיין דערציאונג, מיט זיין גלויבן און זיין פירן-זיך ביז איצט; צו בויגן דעם קאָפּ פאַר נויטיקייטן, אָנצונעמען דאָס נוצלעכע פאַרן העכסטן אמת, און דאָס פראַקטישע פאַר דעם איינציג-באַרעכטיגטן אויסגאַנג פון אַלע סיטואַציעס.

ביז איצט האָט עס געגאָלטן, און אַזוי איז עס נוצלעך און גערעכט-געווען. און דאָ, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, שטייט ער, פרענק, פאַר אַ רעטעניש, פאַר אַ וואַנט, אין וועלכער עס קומט כאָטש אויס געזונטערהייט זיך מיט דעם קאָפּ דורכצוזעצן. די סיטואַציע איז דאָך אַזוי קלאָר. און פאַרוואָס

קאָן ער נישט ציען פון איר די נויטיגע, די איינציג-בארעכטיגטע קאָנסעקווענץ: צו פארלאָזן דידאָזיגע פרוי און צו גיין זיין וועג:

א גאַנצן טאָג אין פרענק געווען אין די בערג, האָט זיך טויזנט מאָל איבערגעלייגט די לאַגע (עס איז נישט געווען וואָס זיך איבערצולייגן), און האָט צום ערשטן מאָל נישט געקאָנט אָפּמאַכן ביי זיך צו גיין אין וועג. צו וועלכן עס האָט אים מחייב-געווען זיין שכל.

ער האָט זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשלאָגן אין א סענטימענט, וואָס האָט געמאַכט צונישט זיין „אויסגעהאַמערטן כאַראַקטער", זיין „אויסגעגליטע וועלט-אַנשויאונג", וואָס האָבן זיך אזוי לאַנג אויסגעקאָוועט אויף די פייערן פון די דורות.

אַלץ איז געוואָרן צערונען, ווי שפינוועבס. א קראַמפּ, טויזנט מאָל שטאַרקער פון דער גאַנצער דורות-לאַנגער טרעניררונג און דערציאונג, האָט אים ווי א פעדעמל פון ווינט אריינגענומען, און זיך מיט אים געשפּילט. אַן אומפארשטענדלעכע ליבע צו א פרוי, וואָס איז מיט טויזנטער קניפּן פארבונדן גאַנץ נאַטירלעך צו איר משפחה, און האָט, צוליב א נארישער הויז-קריגעריי, זיך געמאַכט א ברוגז מיט דער היים.

און דערביי האָט נישט די גרויסע ליידנשאַפט צו באַזיצן די פרוי געשפּילט די הויפּט-ראָל אין זיין באַציאונג צו איר, נאָר עפּעס א נארישער אומפארשטענדלעכער און אומנאַטירלעכער פארלאַנג צו פילן זיך פארוואַנדט מיט איר, צו זיין מיט איר פארבונדן דורך קינדיש-מוטערלעכער אָנגעהעריגקייט... א פארלאַנג, וואָס איז נישט נאָר א שאַנד צו דערציילן פאַר מענטשן, נאָר קרענקלעך פאַר זיך אַליין עס קלאָר צו מאַכן. א באַדערפעניש צו זיין נאָענט נעבן איר, צו עסן מיט איר ביי איין טיש, צו וואוינען מיט איר אונטער איין דאַך, צו אָטעמען דיזעלבע לופט, וואָס זי, און צו געניסן צוזאַמען די טויזנטער קליינע טאָג-טעגלעכע פריידן, אָנצולענען טיילמאָל דעם קאָפּ אויף איר ברוסט אין שעהן פון נויט און חסד, צו באַרירן די הויט פון אירע הענט און לאָזן אויף זיך רינען די וואַרימע, גלאַטע גשמהדיגקייט, וואָס גיסט זיך, ווי לעבן, פון

אירע פינגער-שפּיצן, צו ווערן באַפרייט פון אַלע פאַרלאַנגען און אומרוען דורך דעם באַרואיגענדן זאַנפטיגן מוטער-בליק פון אירע בורשטין-אויגן.

דריי טעג האָט ער געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פאַרבלייבן אין די בערג און נישט אַהיימצוקומען פריער, סיידן ווען ער וועט שוין האָבן אָרויסגעשלאָגן פון זיך די קינדישע קרענקלעכע נאַרישקייט און וועט זיין גרייט צו האַנדלען. ער האָט געוואוסט גאַנץ גענוי, וואָס צו טון. און איז געווען זיכער אין זיך, גאַנץ זיכער, אַז ער וועט סוף-כל-סוף מנצח זיין די נאַרישקייטן, זיך אין די הענט נעמען מיט דער קראַפט פון אייגענער דיסציפּלין, מיט וועלכער זיינע אברים זענען צוגעוואוינט צו געהאָרכן דעם שכל-הישר. זיינע אינסטינקטן וועלן שוין דאָס מאָל, אויס געוואוינהייט, אויך טון דאָס נויטיגע און ריכטיגע.

דאָס נויטיגע און ריכטיגע איז געווען: צו העלפן דערדאָזיגער פרוי ווי צום שנעלסטן צוריקצוקומען צו איר משפחה. ער דאַרף עס טון. נאָר שוין די ערשטע נאַכט, דעם ערשטן אָוונט, ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ פרעמד אָרט, אין אַ קליינעם באַרג-האָטעל, צווישן פרעמדע מענטשן, אָנגעטון אין ווינטער-ספּאָרט-קליידער, וועלכע האָבן גערעדט פון „סקיי״-געציעג און פון האַרטע און ווייכע שניי-פעלדער, איז אים באַפאַלן אַן עסנדיגע בענקשאַפט צו אָט דער פרוי. אַ בענקשאַפט צו הערן איר ווייכע, קלינגענדיגע שטימע, וואָס ווען זי רעדט, דאַכט זיך, אַז יעדעס וואָרט באַקומט אין איר מויל דעם ריכטיגן ווערט און וואָג; אַ בענקשאַפט צו זען דעם גלאַנץ פון אירע האָר, צו ווערן פאַרנומען דורך איר שאָטן און דופט, צו קוקן אויף איר נאַקעטן, לאַנגן האַלז, אויף איר לאַנגן קין; אַ בענקשאַפט צו זען איר פיגור, איר מאַיעסטעטישע ווייבערשע פיגור, אין דער ווייסער בלוזע, באַהאָנגען מיט צירונג, און דער עיקר — צו ווערן געזען, צו ווערן אריינגענומען אינם חסדיגן בליק פון אירע אויגן.

די נאַכט האָט אים די ליידנשאַפט נאָך איר געפּאַקט מיט אַזאַ געוואַלט, אַז ער האָט נישט געקאָנט איינליגן אין בעט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיין ווייטערדיג לעבן אָן איר איז אוממעגלעך. נישט אַפילו אויף איין טאָג. עס האָט זיך אים געגלוסט שוין איצט אין דער נאַכט צוריק, צוריק צו איר. עס האָבן זיך אים אויסגעחיזן און אויסגעדאַכט טויזנטער אומגליקן. ער האָט פאַרשאָלטן זיין קאַלטקייט און זיין גזלנישע רואיגקייט.

— ווי אַזוי האָב איך זי געקאָנט פאַרלאָזן אין דערדאָזיגער סיטואַציע? ווי אַזוי? ווי אַזוי? וואָס פאַרא מיינונג האָט זי וועגן מיר? וואָס פאַרא געפיל קאָן זי האָבן צו מיר? און דאָס איז דאָך די איינציגע פרוי, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן, וועלכע טראָגט מיין ביסל באַשערט גליק, מיין פרייד אויף דער ערד אין איר בליק, אין אירע הענט, מיין נשמה איז דאָך אין אירע הענט. וואָס אַרט עס מיך, אַז זי האָט אַ געפיל צו איר מאַן, צו איר טאָכטער? זי מעג אַלץ, זי קאָן אַלץ. זי איז רייך גענוג און קאָן אויסטיילן ליבע און צוגעהעריגקייט אי פאַר זיי, אי פאַר מיר. און איך וויל גאָרנישט פון דערדאָזיגער פרוי! דאָס איינציגע, וואָס איך וויל, וואָס איך וואונטש, איז: אייביגע, נישט־איבערגעריסענע צוגעהעריגקייט צו איר. זי האָט מיך געבוירן פון איר לייב און פלייש...

ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעמדאָזיגן געדאַנק. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, זיך געוואָרפן אין די קליידער אַריין און איז אַרויס אין דרויסן.

די נאַכט אין די בערג.

די בערג זענען געשטאַנען אין אַ ווייסער שאָטנקייט, ווי אומגעווינלעכע ברואים, וואָס זענען אַראָפּגעקומען פון אַן אַנדערן פּלאַנעט, אויסגעצויגן זיך מיט זייערע לאַפּעס אויף אַ גרויסן שטח. וואָרים די בערג האָבן געהאַט לעבן און האָבן געאָטעמט. די גרויסע שטערן אינם נאַכט־הימל, די געשליפענע עלעקטרישקייט, וואָס האָט זיך געריבן און געפינקלט אין דער

לופּט, האָט געהאַט לעבן. און אַלץ איז געווען באַגאָסן מיט אײן אָנפילנדיגן, אַלץ אַרומנעמענדיגן צטערדיגן וועזן. די פרוי, צו וועלכער ער האָט געבענקט איז געלעגן אויסגעשפּרייט אין איר גאַנצער נאַקעטקייט איבער דער וועלט און האָט געאָטעמט איר אָטעם־דופט...

ער איז אַראָפּ אויף די „סקיס" פון די בערג. אַ פּאָר שעה האָט ער נאָך פאַרבראַכט ביי זיין קראַנקן אויטאָמאָביל.

עס איז נאָך געווען ליכטיג, ווען ער איז אַראָפּגעקומען אין האָטעל.

— האַלאָ, עמיליע! — האָט ער, אַריינפאָרנדיג מיט זיין אויטאָמאָביל אין האָטעל־הויף, גערופן.

זי איז געשטאַנען ביים פענסטער פון איר צימער, צו וועלכן עס האָט זי גערופן דער גערויש פון זיין אויטאָ.

— ווי גייט עס דיר? — האָט ער געפרעגט פריילעך, — איך בין געווען נאָך דעם וואָגן. געווען נאָר אַ קלייניגקייט צו פאַרריכטן, אַ שרייבל. שטעל דיר פאָר, אַז נישט ווייט פון דאָרט געפינט זיך אַ גאַראַזש, און איך האָב עס נישט געוואוסט נעכטן.

— איז דאָס „לין? — האָט זי געזאָגט פון איר פענסטער אַראָפּ.

זי האָט אים געקוקט אין פּנים אַריין. זיין פּנים איז געווען אײנגאַנצן באַשפּריצט מיט בלאָטע און איינגעריבן מיט שמירעכץ פונם וואָגן. אַ מאָדנע בלייכקייט האָט אַרויסגעקוקט פון צווישן דער בלאָטע. און אויף זיינע צוויי אויסגעווינטיגטע, אויסגעוואוינטע באַקן האָט זי באַמערקט, ווי צוויי לאַנגע שניטן האָבן זיך אַריינגעשניטן, ווען ער האָט געשמייכלט.

— און דאָס איז געשען דורך איין נאַכט! — האָט זי געטראַכט ביי זיך.

נאָך דעם ווי ער האָט זיך געהאַט אָפּגעוואַשן, האָט ער זיך אָנגערופן ביים פאַרנאַכט־טיי:

— עס זענען שוין אָוועק צייטן, ווי איך האָב מער

נישט געטראָגן מיין סמאָקינג. האָסטו נישט חשק צו מאַכן היינט אַ יום־טוב ?

— אַ יום־טוב ? — האָט זי זיך געחאונדערט. — עס איז איר געוואָרן קלאָר, וואָס ער מיינט דערמיט. זי איז געוואָרן בלייך, ווי די וואַנט. איר האַרץ האָט הויך געשלאָגן. זי האָט זיך געזען צוגעקומען צו דער מעטע. פון דאַנען איז שוין נישטאָ קיין ווייטער...

זי האָט זיך געוואָלט אָפּבעטן אַביסל צייט, ווי אַ צום טויט־פאַראורטיילטער. ביי איר זענען שוין געווען גרייט די ווערטער אויף דער צונג:

— קאָן מען עס נישט אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל ?

דאָך האָט זי עס אויסגעמיטן. אַנשטאָט דעם האָט זי אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל:

— פאַר וואָס נישט ? מען קאָן מאַכן אַ יום־טוב.

— דאָס איז גוט. — דו ביסט שטענדיג געווען אַ גוטער „ספאָרט". אין „נעבּרעסקאַ", אין גיצא, איז היינט עפּעס רוסי־שעס. מיר קאָנען אַהין גיין ? וואָס ?

— „נעבּרעסקאַ", „רוסישעס", — האָט זי ווי אין זיך איבערגעחזרט דיזאָזיגע ווערטער. — איך האָב מורא, אַז עס וועלן אויף דעם נישט קלעקן קיין כּוחות, — האָט זי געלאַכט. — פאַרוואָס נישט אין דער היים ? וואָס איז דער חילוק, וואו מען פּראַוועט אַ יום־טוב, ווען מען פילט זיך נאָר יום־טובדיג.

— ווי דו ווילסט, טייערסטע. איך האָב נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט אָנצוטון מיין סמאָקינג. דאָס איז אַלץ.

— מיר קאָנען עס גרויסאַרטיג דאָ מאַכן. דערנאָך, אַז מיר וועלן האָבן חשק, וועלן מיר ערגעץ־וואו גיין. איך דאַרף צוערשט האָבן אַ גוטן אַפּעטיט און אַ סך צייט צום אָנטון זיך. איך קאָן זיך היינט נישט איילן. מיר קאָנען דאָך האָבן שפּעט אָוונט־עסן.

— וויפל צייט דו דאַרפסט נאָר, טייערע. מיר קאָנען אָנהייבן שפּעט. נישטאָ זיך וואָס צו איילן.

— אויב אַזוי, זיי מיר מוחל. איך גיי זיך צוגרייטן. זיי נישט אומגעדולדיג, אויב עס וועט לענגער דויערן. דו קאָנסט דערווייל אויסאַרבעטן דאָס „מעניו”. היינט איז „דיין פּאַרטי”, — האָט זי אָנטגעגן־געלאַכט.

— און עס פאַרבלייבט אין סמאָקינג. ניין, עמיליע? — האָט ער איר צוגערופן.

— געוויס, געוויס, — האָט זי אים צוגעוואונקען פון דערווייטנס.

ווען זי איז אַריינגעקומען צו זיך אין צימער, האָט זי פאַרמאַכט אַלע טירן און אַראָפּגעלאָזט די רולעטן אויף די פענסטער, כאָטש אין דרויסן איז נאָך געווען ליכטיג. זי האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן דיוואַן און לאַנג און טיף געשוויגן. זי האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען, אַלץ געוואוסט. עס איז דאָס לעצטע „באַגרעבעניש”־עסן. דאָס האָט ער אָפּגעמאַכט אויפן וועג. ביי דעם האַלט ער זיך. הייסט עס, אַז ער פאַרלאָזט זי? זי האָט זיך דאָך געריכט דערויף. זי האָט זיך דאָך צובעגרייט דערצו. ווי דען אַנדערש? וואָס פאַר אַנאַנדער אויסוועג? וואָס קאָן זי אַנדערש פאַרלאַנגען פון אים? וואָס האָט זי אים עפּעס אַנדערש פאָרצולייגן פאַר דעמדאָזיגן נאַטירלעכן, זעלבסטפאַרשטענדלעכן אויסגאַנג פון זייער מאָדנער פאַרהעלטעניש?

זי האָט געפּרואווט קלערן וועגן זיך.

— וואָס וועט זיין מיט איר? ווי אַזוי וועט זי איינאָרדנען איר לעבן?

זי האָט זיך אָבער באַמיט צו פאַרשטיקן די געפילן וועגן זיך, זיי צו פאַרטרייבן מיט העכער קלינגענדיגער, בענטער אָנגייענדיגער נויט, — מיט זיין גורל. און עס איז איר אויך געלונגען: דאָס איז דאָס ריכטיגע. ער מוז זיך ראַטעווען. זי טאָר אויף קיין איין אויגנבליק נישט אַריינוואַרפן איר אייגענעם גורל אין דער וואָגשאָל, דאָרט וואו עס האַנדלט זיך וועגן

אים. זי מוז עס צונעמען, ווי זי דערוואַרט עס פון זיך אַליין — מיט שווייגן און מיט ווירדע. „נאָר נישט קיין טראַגעדיעס, נאָר נישט קיין טראַגעדיעס! — האָט זי איבערגעחזרט דידאָזיגע ווערטער. — דאָס האָב איך דאָך, צום ווייניגסטן, אַ רעכט צו דערוואַרטן פון מיר".

אָבער ווי קלאָר זי האָט דאָס אַלץ נישט איינגעזען, האָט זי עס נישט אַזוי צורעכט-געמאַכט. איר אייגן לעבן איז איר אָבער דאָך געווען נענטער. עס האָט זיך געזאַמלט, געזאַמלט די ביטערקייט, ביז עס האָט מיט אַמאָל געגעבן אַ שפּרינג-אַרויס אין אַ גרויסן אויסגעשריי:

— איך וויל אים נישט פאַרלירן! איך וויל נישט! ניין, ניין!

זי האָט זיך אָבער באַלד דערשראָקן פאַרן געשריי, אָנגעהויבן צו קייען דאָס קישן צווישן די ציין, כדי דאָס ספּאַזמעדיגע געוויין זאָל זיך נישט אַרויסרייסן פון מויל און אַריינדרינגען אין אַנדערע שכנישע צימערן. און זי איז אַזוי געלעגן מיט אַ פאַרשטיקט מויל, ביז עס איז געוואָרן גוט פינסטער.

ער האָט איר געגעבן די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט געדאַרפט האָבן. לאַנג האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין גערטנדל, פאַר די פענסטער, ביים ים, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט געמאַכט די באַשטעלונג און אויסגעזוכט דאָס רואיגסטע ווינקל אין אַלגעמיינעם זאַל, ביי אַ פענסטער צום ים צו. ער האָט באַשטעלט רויזן אויפן טיש.

ער האָט אַרויפגעקוקט צו די פענסטער פון איר שטוב. די רולעטן זענען געווען אַראָפּגעלאָזט. ער האָט דורך די שפּאַרעס געזען ליכט. ער האָט זי נישט געוואָלט באַאומרואיגן דורך רופן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ שטול אויף דער טעראַסע און געקוקט צום ים.

די נאַכט איז געווען אַן אויסערגעוויינליך וואַרעמע, שטילע און אַ ליכטיגע. די זון-אָפּשיינען, וואָס האָבן זיך נאָך זייער לאַנג דורכגעגליטשט דורך די לייבער פון די וואָלקנס, האָבן באַגאָסן דעם הימל מיט אַ שלל פון פאַרבן, וואָס האָבן

זיך געוועקסלט פון ג־גוט צו מינוט. ענדלעך האָט אַן אויסער־געוויינלעכע בלאַס-בלויקייט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין ליליע־פיאָלעט, באַהערשט דעם הימל. אויף דער ערד, אויפן ים, האָט זיך נישט געהערט קיין איין הויך פון אַ ווינטל. די בלעטער פון די ביימער זענען געוואָרן פאַרשטיינט, ווי געגאָסן פון בליי, די ביימער פאַרשטיינט אין גולמס. קיין איין קנייטשל האָט זיך נישט באַוויזן אויף דער שימערירנדיגער בלוילעכקייט פון ים-איבערפלאַך, וואָס איז געווען ווי אויסגעהאַמערט פון אַיין געשליפענעם בלעך, ווי אַ פאַרגליווערטע מאַטעריע.

ער האָט געקלערט וועגן דעם, אַז ווי נאָענט עס זאָלן זיך נישט צונויפקומען צוויי מענטשן, זענען זיי דאָך פאַר־שאָלטן באַזונדער איינזאַם צו וואַנדלען אין זייער אָפּגעשלאָסנ־קייט. יעדער מענטש איז אַ געפאַנגענער אין זיין אייגענעם „איך". מיר באַוועגן זיך איינער אַרום דעם אַנדערן, ווי הימלי־שע קערפּערס, אָבער מיר קאָנען זיך באַין-אופן נישט אַריינ־קריגן אין יענעמס וועלט אַריין. זיין תוך וועט שטענדיג פאַר אונז זיין פאַרחתמעט. צוויי יחידים קאָנען קיינמאָל נישט ווערן איינס, יעדער איינער איז פאַראורטיילט אַליין צו זוכן זיין וועג אין דעם תוהו-ובוהו, וואָס איז אַרום אונז.

כדי צו פאַרטרייבן פון זיך די טרויעריגע געדאַנקען, האָט ער זיך געפּרואווט פאַרשטעלן דעם פאַרגליווערטן, הענגענ־דיגן קאָסמאָס. ער האָט געקלערט וועגן דעם, אַז מיר מענטשן שאַפן זיך איין מיט די טעכנישע און מעכאַנישע פאָרשריטן, וואָס מיר מאַכן, אויך די נויטיגע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן אין אונזער קערפּער-געבוי, כדי אָנצוהאַלטן שריט מיט די אויסער־לעכע פאָרשריטן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין לונגען פאַר דער שיטערער לופט, וואָס הערשט אין די אויבערשטע ספערן, דערפאַר ווייל מיר זענען קיינמאָל דאָרטן נישט געווען. און מ־ר האָבן עס נישט געדאַרפט. איצט, ביים פאָרשריט אין דער לופט-פליערייַ, וועלן מענטשלעכע לונגען זיך צופּאַסן צו די באַדינגונגען, ווי אַנדערע מענטשלעכע אברים. די שפּעטערדיגע דורות וועלן אפשר, ווען זיי וועלן זיך אַריינקריגן אין דער

סטראַטאָספערע, צופּאַסן און אַנטוויקלען זייערע קערפּערס צו לעבן אָן לופט, אָדער אין שיטערן עטער, וואָס הערשט דאָרט אויבן.

ער האָט זיך געפּרואווט פאָרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע, ווי עס שיסט אַ מענטש, ווי אַ פייל־ראַקעט, דורך די ספערן פון שטערן צו שטערן, אין דער אומענדלעכקייט אַריין. אפשר וועט ער דענסטמאָל, אין דער געוועקסלטער אַטמאָספערע, גאַרנישט זיין אונטערגעוואָרפן אונטער די געזעצן פון צעפאַלונג און אַלטקייט, וואָס הערשן אין דער וואָרעם־קריכנדיגער וועלט? דאָרט אויבן, אין די הויכקייטן, וועט ער טאַקע נישט לעבן, נישט צאַפּלען, ווי ער טוט דאָס אויף אונזער, צו ווינט און שטורעם אויסגעזעצטער ערד. דערפאַר וועט ער אָבער אויך נישט שטאַרבן. עס וועט זיין אַן אייביג שיסן אין דער אומענדלעכקייט, מיט דער געשווינדקייט פון ליכט־שטראַלן, אַ לעבעדיגער טויט. אַן אינזעקט פון דעם סטראַטאָספערישן חלל, וועלכער פליט אָן זשומען אַדורך דורך אומענדלעכקייט. צי איז דאָס דאָס לעבן נאָכן טויט? דאָס וואוין־אָרט פון דער נשמה, אויסגעטון פון אַלע ערדישע באַגריפן?

אויב אַזוי, פאַרוואָס נישט ענדערן אונזער וואוין־אָרט, לויטן אייגענעם איינזען, אין דער צייט, ווען מיר געפינען עס פאַר נויטיג? ווער פאַראורטיילט מיך צו אַזויפיל און אַזויפיל יאָרן געפענגעניש אין דער אַטמאָספערע פון אונזער ערד, ווען איך קאָן מיטן גוטן ווילן און ווען איך וויל, אויפעפענען די טיר און אַרויסגיין פון דעם געפענגעניש? ווער פאַראורטיילט מיך דאָס צו ווערן אַרויסגעוואָרפן פונם גרויסן, אומענדלעכן קאָסמאָס, צו ווערן אַן אַלצדינג־באַגרייפנדיג וועזן פאַר זיך. אַן אייגענער קליינער קאָסמאָס, און צו שטיין אינדרויסן? פאַרוואָס זיך נישט אויסלייזן פון דער אייגענער אָפּגעפּאַסטער פאָרם און אויסמישן זיך מיטן גרויסן אינגאַנצן־אַרומנעמענדיגן חיות? פאַרוואָס נישט אויסהויכן דעם אָטעם אינם וועלטלעכן אַל־פאַרנעם? וואָס איז דער צוועק פונם טראָגן אויסערהאַלב דעם ים, אַז זיין ענדציל איז דאָך סיי־ווי־סיי אַריינצופאַלן אַהין?

ער האָט זיך געוואונדערט איבּער די געדאַנקען, וואָס קריכען אים אין קאָפּ. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געוואונדערט אין דער אומזיכערער נעפּלקייט.

— וואוהין וועט עס מיך פאַרשלעפּן? וואָס טוט זיך מיט מיר? — האָט ער זיך געפרעגט.

אַ שטראַל בּלייכקייט שיסט־פאַרביי פאַר זיינע אויגן. ער הויבּט זיך אויף פלינק פונם אָרט.

— איך האָבּ דיך געלאָזט לאַנג וואַרטן. זיי מיר מוחל.

— גאָרנישט. איך האָבּ זיך דערווייל אַמוזירט מיטן ים. די נאַכט איז אַזאַ שטילע.

ער קוקט זי אָן. זי איז אינגאַנצן אין ווייסן. אַ ווייס אַטלעס קלייד בּיז צו די קנעכלעך. נאָר אירע שמאָלע פּאַנטאָפל, וואָס שטאַרצן־אַרויס פון זוים בּיים קלייד, זענען רויט. פון דער ווייסקייט פון איר קלייד שניידט זיך אַרויס, ווי אַ מייס־טער־שטיק, דער אָוואַל־לענגלעכער שוואַרצער קאָפּ האָר, — אַזוי שוואַרץ, אַז ער שימערירט אין דער נאַכט פון טונקל־קייט, פעסט־איינגעפּאַנגען אין גריכיש־פאַרבּונדענעם „קאָקס“ בּיים ענד פון איר קאָפּ. ווייסער אָבּער פון איר קלייד (אפשר צוליבּ דער שוואַרצקייט פון אירע האָר) האָט זיך אַרויסגעהויבּן די אויסערגעוויינלעכע בּלייכקייט פון איר פּנים. פרענק האָט זיך דערשראָקן און זי געפרעגט מיט ווייטאָגדיגן מיטלייד:

— וואָס איז דיר, עמיליע? פילסט זיך נישט גוט?

— פאַרוואָס? — וואונדערט זי זיך מיט אַ שמייכל, בּשעת זי לייגט־צו איר בּלייכע האַנט צו באַפעסטיגן די רויטע רויזן, וואָס הענגען אויף איר בּרוסט און פּאַסן צום קאָליר פון אירע שיך.

— דו בּיסט אַזוי בּלייך, עמיליע.

— עס איז אַזאַ מאָדע. עס פּאַסט גוט צום קלייד, — לאַכט זי. — געפעלט עס דיר דען נישט?

— פאַרקערט, איך האָבּ דיך נאָך קיינמאָל נישט געזען אין דעם, נישט געהאַט קיין געלעגנהייט.

זי האָט גענומען זיין אָרעם און זיך לייכט אָנגעלעגט

אויף אים, ווען ער האָט זי אַריינגעפירט אין עס-זאַל אַריין.

ביים טיש זענען זיי געווען שטיל און ערנסט. דידאָזיגע שטילקייט און ערנסטקייט האָט פרענק אַרויסגערופן. עמיליע אָבער האָט זיך באַמיט מיט אַלע אירע כוחות צו צעשטערן די ערנסטקייט און אַריינצוברענגען צווישן זיי אַ פריילעכע, אויפגעלייגטע שטימונג, וואָס עס איז איר אויך געלונגען. נישט קיין איבערגעטריבענער גאַלגען-הומאָר-טאָן, נאָר אַן אמתע, אינערלעכע פריילעכקייט האָט אַרויסגעשיינט פון איר. זי האָט אים דערציילט וועגן איר פרימאָרגן-שפּאַציר, וועגן די בלומען, און ענדלעך וועגן דעם ים.

— ער, דער ים, איז היינט אַזוי מאָדנע שטיל און אונטערטעניק, אַז איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך קאָן גיין איבער אים, ווי איבער אַ שטילער, איינגעשלאָפענער, גוטמוטיגער חיה, וואָס וועט מיר קיין שלעכטס נישט טון.

— מאָדנע! כ'האָב נאָר-וואָס וועגן דעם געקלערט, — זאָגט פרענק. עס הערשט היינט אין הלל סטראַטאָספערישער ...ער, נישטאָ קיין דרוק פון דער טעמפּעראַטור.

בשעת זי האָט געזאָגט די פריער-דערמאָנטע ווערטער, האָט זיך פרענק אויפסנייי אין איר פאַרליבט ביז אין די אויערן. ער האָט זי אַרומגענומען מיט אַ לייטזעליגן, בעטנדיגן בליק פון איר קאָפּ ביז צו אירע קנעכלעך, אַזוי ווי ער וואָלט זי געוואָלט נעמען געפאַנגען אויף אַלע אייביגקייטן אין זיין בליק און זי דאָרט באַהאַלטן.

זי האָט געפילט דעם כישוף פון בענקענדיגער, דורשטיגער ליבע, וואָס עס האָט פון זיך אַרויסגעהויכט זיין בליק און זי צ־ומגעהילט. זי האָט אים אָנגעקוקט. פרענק האָט באַמערקט, ווי עס פינקלען אין אירע אויגן פייכטקייט און שמייכלדיגע דאַנקבאַרקייט. זיין אויבערשטע ליפּ האָט פאַר אויפרעגונג געציטערט. זיינע אויגן און זיין שטערן האָבן ערנסט געקוקט פאַר זיך.

זיי זענען איבערן גאַנצן עסן שוין געבליבן שטיל און ...רנסט.

נאָר אַ מאָדנע יום־טובדיגע שטימונג האָט געהערשט אַרום זייער קליינעם טיש. עמיליע האָט געקאָנט אַזוי געשיקט עס איינאָרדנען. זי האָט געקאָנט פאַרוואַנדלען אַ פּראָסט חאָכעדיג עסן אין אַ יום־טובדיג מאָלצייט, דורך איר פאָרנעמלעבקייט און דעם אופן, ווי זי האָט איינגעלאַדן מיט איר וויטאָגשמייכלענדיגן בליק צום עסן; מיט דעם, ווי זי האָט צוגערוקט די טעלער, מיט דער באַוועגונג פון איר האַנט. שוין איר געפינען זיך דערביי האָט פאַרוואַנדלט יעדן מאָלצייט אין אַ פעסטלעכקייט. היינט איז אָבער צוגעקומען דער יום־טוב פון צעשיידונג, וואָס האָט באַגלייט זייער טיש מיט עלעגישער מוזיק.

און קיינער פון זיי האָט נישט געוואַגט צו צעווייסן, צו צעשטערן דאָס נישט־געזעענע געוועב, וואָס האָט זיך געשפּונען צווישן זיי. ער האָט איצט ביי זיך אָפּגעמאַכט:

זאָל געשען, וואָס עס וועט געשען, — אַזוי לאַנג, ווי זי וועט וועלן, וועט ער זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. צי וויל זי אָבער דאָס? איז זי נישט אַנטשלאָסן אויף עפּעס אַנדערש?

נאָכן עסן האָט זי אים אָנגענומען ביי דער האַנט מיט אירע נאַקעטע פינגער, וואָס האָבן שטענדיג געהאַט אין זיך דעם לעבעדיגן אָטעם פון צונגען. זי האָט אים אַרויפגעפירט צו זיך, זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף זייער בשותּפותדיגן קליינעם באַלקאָן און געקוקט אין דער נאַכט אַריין, אין ים אַריין.

זי האָט געוואַרט יעדן אויגנבליק, אַז ער זאָל אָנהייבן רעדן וועגן זייער צוקונפט. זי האָט זיך דאָך געריכט דערויף און געוואַרט אויף איר אורטייל. זי האָט געמיינט, אַז עס וועט קומען ביים עסן. עס איז נישט געקומען. וועט עס איצט קומען? צי האָט ער קיין מוט נישט?

ער שווייגט עקשנותדיג. זי ווערט אומגעדולדיג. און אַזוי ווי אַ געמשפּטער, וואָס וויל ווי צום שנעלסטן וויסן זיין אורטייל, כאָטש אין געפאַר זיך דעם טויט צו דערוויסן, האָט זי זיך אָנגערופן די ערשטע:

— נו, װאָס האָסטו באַשלאָסן, פרענק?

— װער, איך? — פרעגט ער מיט אַ געמאַכטן געלעכ־טער. — װאָס האָב איך צו באַשליסן? אַלצדינג איז אָפּהענגיק פון דיר.

זי האָט געשװיגן. דערנאָך האָט זי געפרעגט, װי אין דער לופט אַרײַן:

— װאָס קלערסטו, װאָס זאָל זײַן?

— אויב איך זאָל זײַן אָפן אין משפּטן דאָס, װאָס דו האָסט מיר געזאָגט יענע נאַכט, גלויב איך, אַז דו דאַרפסט צוריקגײן צו דײַן משפּחה.

אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען דורך איר קערפּער. אַזױ װי עס װאָלט זי געװען באַרירט אַן עלעקטרישער שטראָם. פרענק האָט געקאָנט הערן דעמדאָזיקן ציטער.

— און דו װינטשט עס? — פרעגט זי אים.

— דאָ איז נישט קײן פראַגע, צי איך װינטש עס. דאָ האַנדלט זיך נישט װעגן מיר. אַלץ האַנדלט זיך װעגן דיר. צו טון דאָס, װאָס דו פילסט, אַז דו דאַרפסט טון. יעדער געהערט אַהין, װאוהין ער געהערט. לויט װי דו האָסט דערקלערט, קומט־אויס, אַז דו הענגסט מיט אַלע שנורן בײַ דײַן פריערדיגן לעבן. דו האָסט דאָך נאָר פאַרבלאָנדזשעט דײַן װעג. און מײַן חוב איז, גלײב איך, דיר צו העלפן צוריקצוגעפינען דעם װעג צו דעם לעבן, צו װעלכן דו באַלאַנגסט, אין װעלכן דו שטעקסט, און װאָס איז אינגאַנצן דײַנס.

ער האָט געפילט, װי זײַנע װערטער שלאָגן זי, אַזױ װי זײ װאָלטן געװען שמיץ פון אַ רוט. זי האָט נאָך יעדן װאָרט זײַנעם אויפגעציטערט און געטרײסלט זיך אַזױ, אַז ער האָט געקאָנט הערן דאָס װיברירן פון איר נערװן־שנור בײַ זײַן װאָרט. נאָר אויב זײַנע װערטער זענען פאַר איר געװען שמיץ, זענען זי פאַר אים געװען קלעפּ פון אַ שאַרפער האַק. ער האָט געפילט, װי ער האַקט־אַרונטער דעם װאָרצל, אויף װעלכן ער זיצט. און װי אין זיך אַלײן זיך נוקם צו זײַן, האָט ער געגעבן דער האַק דעם גאַנצן אימפּעט־שװאונג פון איר קראַפט.

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע. דערנאָך האָט זי זיך אָנגע-רופן, ווי פאַר זיך:

— וואָס מאַכט דיך אַזוי צו קלערן?

— דאָס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט יענע נאַכט. איבע-ריגנס, דײַן גאַנץ וועזן, דײַן פאַרשאָלטענע לאָיאַלקייט. דו קאָנסט נישט אַנדערש. דו וועסט קיינמאָל אַנדערש נישט זײַן. דו האָסט ליב דײַן מאַן! — האָט ער אויסגעשריגן.

— דאָס איז נישט אמת! — האָט זי געזאָגט זיכער. — און איך וועל זיך קיינמאָל, קיינמאָל נישט אומקערן צו אים.

— ביסטו אין דעם זיכער? — פרעגט ער זי.

— דו ווייסט עס פונקט אַזוי גוט, ווי איך.

ער האָט געשוויגן.

— איך גלייב אָבער נישט, אַז דו קאָנסט אויף אַן אַנ-דערן אופן זײַן גליקלעך, — זאָגט ער איר.

— צי בין איך עס נישט? — פרעגט זי און פרענק זעט ווידער בלישטשענדיגע פּייבטקייט אין אירע אויגן.

— צי בין איך נאָך אַמאָל אין מײַן לעבן געווען אַזוי גליקלעך, ווי איצט?

פרענק האָט געשוויגן.

— פאַרוואָס קאָנען מיר נישט אַזוי לעבן, ווי מיר לעבן— אין אַלע אייביגקייטן? — האָט זי געזאָגט.

— קאָנען מיר? קאָן איך עס? קאָנסטו עס?

זי האָט געשוויגן.

— ניין, דו האָסט רעכט, — האָט זי צוגעגעבן.

נאָכדעם האָבן זיי ביידע שטיל געשוויגן.

די נאַכט איז שוין געווען איצט אינגאַנצן שוואַרץ, נאָר דער ים, ווי אַ גאַנץ אַנדערער טייל פון דער ערד, ווי אַן אָנהייב פון אַן אַנדערער וועלט, איז געלעגן ביים ברעג פון זייער הויז, אונטער זייער באַלקאָן, און מיסטיש געפינקלט מיט זײַן בלישטשענדיגן, אויסגעצויגענעם קערפּער.

די צוויי ים-ליכטער ביים אַרויסגאַנג פון קליינעם האַפן. דאָס רויטע און דאָס בלויע, האָבן געוואָרפן מיט הפסקות

זייער אָפּשיין און באַלויכטן די אויבערפלאַך פון ים. ווייטער אָבער פון די ליכטער איז דער ים אינגאַנצן געווען פאַרפאַלן אין די אָרעמס פון דער שוואַרצער נאַכט.

— ווי שטיל עס איז היינט דער ים, מען הערט אים אפילו נישט אָטעמען, — רופט זיך אָן עמיליע.

– און פאַרשאָלטן הייס אויך. די לופט – צעגאָסענער בליי, – לייגט ער צו אין אויפגערעגטן טאָן.

— ווייסטו, ווי ער איז מיר פאָרגעקומען אַמאָל, דער ים? איך בין אַמאָל געשטאַנען ביי דער טיר און אַרויסגעקוקט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער איז אַן אַנדערער פּלאַנעט, אַז אַ גאַנץ אַנדער לעבן געפינט זיך אויף אים. דו און איך געהערן צו אים. מיר שווימען אין ים. מיר געפינען זיך שוין אינמיטן שווימען. קיין צוריק איז שוין נישטאָ, אַלץ איז פאַר אונז: דער ברעג, דאָס אַנדערע לעבן. און כאָטש מיר זעען עס נישט, גלויבן מיר, אַז עס איז פאַראַן, אויף יענער זייט, נאָך דער שוואַרצער נאַכט. מיר שווימען צו אַ ברעג, אויף וועלכן אַלץ וועט זיין ריכטיג. מיר שווימען, כאָטש עס איז פינסטער, פאַרשטעלט, „ועסטוואַרד״.

— מיר קאָנען עס טון, אויב דו האָסט חשק. איך האָב זיך נאָך היינט אין ים נישט געבאָדן. האָסט זיך היינט געבאָדן? — פרעגט ער זי.

איך נישט, — שאָקלט זי מיטן קאָפּ אויף ניין. — דער ערשטער טאָג אָן ים.

— ווילסטו אפשר איצט פּרוּווּן?

זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— „וועסטוואַרד״? — שמייכלט ער.

זי שאָקלט ווידער מיטן קאָפּ אויף יאָ.

אין איר וואונק איז געלעגן עפּעס פאַרשייטעס, ווי אַן איינלאַדונג צו אַ זינד, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געווען פאַרשטענדיגט מיט אים דורכן ווינקען...

— גוט, גיי טו-אָן דיין באָד-קאָסטיום.

— קאָנען מיר עס נישט טון אַזוי? — פרעגט זי אין שפּאַס.

— אין די קליידער? ניין, עס וועט זיין צו שווער צו שווימען, — האָט ער געלאַכט. איך בין אין אַ מינוט צוריק, — האָט ער גענידערט זיין שטימע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָפּגערעדט מיט איר צו אַן עבירה.

ער איז פאַרשוואונדן צו זיך אין צימער, דורך דעם באַלקאָן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער אַרויסגעקומען אָנגעטון אין זיין באָד-קאָסטיום, זי איז געווען ביי זיך, זי האָט פאַרמאַכט די טירן פונם באַלקאָן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויף איר אויף אַ שטול. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט דערביי, אַזוי ווי עס האָט שוין אָפּט געהאַט געקלאַפּט, ווען ער האָט געוואַרט אויף איר.

נאָך אַ ווײַלע האָט זיך געעפנט די טיר פון איר צימער. זי איז אַרויסגעקומען אָנגעטון אין איר באָד-קאָסטיום. אַ ביסל בעלע רויזן איז געהאָנגען אויף איר ברוסט. ער האָט זי צום ערשטן מאָל געזען אַרויסקומען פון איר צימער אין באָד-קאָסטיום אָן באָד-מאַנטל. אירע האָר זענען נישט געווען פאַרקעמט, נאָר אויפגעלאָזט.

— ווי אַזוי וועלן מיר אַרויסקומען פון דאַנען? איך וויל זיי נישט אויפוועקן, — האָט זי אים געשעפּטשעט אין אויער אַריין. — איך וויל קיינעם נישט זען.

— מאַכט נישט. אין אַ מינוט בין איך אונטן. דו קאָנסט פאַלן אויף מיינע הענט.

ער האָט אַרויסגעקלעטערט פון באַלקאָן, אָנגעלענט אַ פוס אויף אַ געזימס פון אַ נידעריקן פענצטער.

ער איז אין אַ מינוט געווען אונטן (זייערע צימערן האָבן זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק). ער האָט אַרויסגעשטרעקט די הענט נאָך איר. זי האָט אַרויסגעקלעטערט פון באַלקאָן געשטאַנען צווישן די לייסטלעך און אָנגעהאַלטן זיך, אַ מינוט זיך געוואַקלט אין מחשבה. פּלוצים האָט זי געגעבן אַ שפּרונג און געפאַלן אין זיינע הענט.

עס איז געווען דער ערשטער טריט, און זי האָט אים באַזיגט. אַלץ איבעריג איז שוין געווען לייכט. ווי צו באַגיין א גנבה, זענען זיי מיט לייכטע טריט, אָן גערויש, אין דער שטיל צוגעגאַנגען צום ברעג. זיי האָבן איינגעטונקט זייערע פיס אין וואַסער. די טעמפּעראַטור פון וואַסער איז געווען וואַרימער, ווי די לופט. דאָס וואַסער איז געווען לוי און האָט אָנגענומען אָפּגעקילט דאָס לייב.

זיי האָבן זיך ביידע ביים ערשטן אַריינטריט אין וואַסער אָפּגעשטעלט, ווי אָפּגערעדט זיך, און זיך לאַנג און טיף אָנגעקוקט. דער בליק האָט אָבער נאָר געדויערט א ווײַלע. זיי זענען אין דערדאָזיגער ווײַלע דערגאַנגען צום באָדן פון זייער גישט-דערלעבטן לעבן. אינם דאָזיגן בליק האָבן זיי דערגרונטעווט דאָס גאַנצע וואַרטנדיגע גליק מיט אַלע זיינע בערג און טאָלן.

זיי האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און מיטאַמאָל, ביידע באַפאַלן פון איין אימפּעט, געגעבן זיך א וואָרף אין ים אַריין מיט די לייבער.

עס האָט זיי אַרומגענומען אַן אָנגענעם, לוי-אָפּגעקילט וואַסער-לייב, וואָס האָט זיי געהאַלזט מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט און מיט אייביגער געטריישאַפט. קיין טריט אויף דער ערד איז נישט געשטעלט-געוואָרן אַזוי זיכער, ווי דאָס האַלטנזיך אויף דער ים-אויבערפלאַך. טאַקט אין טאַקט האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַוועגן מיט די אָרעמס, צו טונקען די קעפּ און זיך געלאָזט אין דער אומבאַוואוסטער טונקעלער ווייטקייט אַריין.

אַז זיי זענען צוגעשוואומען צום אויסגאַנג, ביי די ים-לאַמטערנען פון קליינעם האַפן, האָט זיך פרענק אָפּגעשטעלט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אויף עמיליען.

זי האָט אָבער נישט געמאַכט קיין באַוועגונג פון אָפּשטעל. מיט ריטמישן אָטעם-צוג האָט זי געטונקט און אַרויסגעהויבן איר קאָפּ פון וואַסער. איר רויטער באָד-קאָסטיום האָט אָנגענומען אין דער נאַכט דעם קאָליר פון שוואַרצן פיאָלעט. דורך דעם שאָטן

פון טונקעלן האָבן זיך אַרויסגעהויבן אירע הייסע קערפּער־טיילן מיט זייער בלייכקייט. זי האָט זיך געגליטשט דורך די כוואַליעס, ווי אַ פיש־פרוי, געשניטן די שפּיגלדיקע אויבערפלאַך פון ים און נאָכגעצויגן נאָך זיך אַ לאַנגן ים־שנור.

פרענק האָט אָנגעהאַלטן מיט איר דעם ריטמישן שווים אין איין גאַנג.

אַ מינוט צען צי פופצן האָט קיינער פון זיי נישט גע־מאַכט קיין פּרוּוו פון אָפּשטעל. זיי זענען געשוואומען זייט־ביי־זייט, געצילט צו איין מעטע: אַדורכשניידן דאָס האַרץ פון דער וואַסער, מילכיקער נעפּלקייט. אָבער וואָס נענטער זיי זע־נען צוגעקומען צו איר, אַלץ ווייטער האָט זיך דער מילכיקער נעפּל אָפּגערוקט פון זיי. נאָך אַ מינוט צען איז עמיליע גע־בליבן אַ פּאָר שריט הינטן. פרענק האָט איינגעהאַלטן זיין אימפּעט, אויסגעגלייכט זיין גאַנג מיט אירן, און געקוקט אויף איר.

— ועסטוואַרד! וועסטוואַרד! — האָט זי געברומט מיט אַן איבערגעגאָסן מויל פון וואַסער אַרויס.

פרענק האָט זיך באַמיט אָנצוהאַלטן דעם שווים־גאַנג מיט איר צוזאַמען, דאָס האָט צוגענומען ביי אים אַלע זיינע מחשבות, און ער האָט גאָרנישט וועגן עפּעס אַנדערש געקלערט, ווי צו זיין נאָענט נעבן איר, זי נישט צו פאַרלירן פון אויג אויף קיין אויגנבליק. אָבער נאָך אַ ווײַלע איז זי ווידער פון הינטן געבליבן.

פרענק האָט פלינק אויסגעקערעוועט, צוגעאײַלט צו איר, אויסקערעווענדיק זיך, האָט ער באַמערקט, אַז די צוויי ים־לאַמטערנען טונקען זיך אַרויס פון אַ ווייטער פאַרנעפּלטקייט. ער איז זיך באַוואוסט־געוואָרן, אַז עס איז איצט די לעצטע מעטע. איצט צוריק. אָדער ריכטיק „וועסטוואַרד".

ער האָט זי געפונען אָפּרוען. זי האָט זיך געהאַלטן זי־בער אויפן וואַסער, נאָר זי האָט שווער געאָטעמט.

— עמיליע, וואָס ווילסטו טון? — האָט ער אויסגעשריגן פון וואַסער.

— דו גיי צוריק. לאָז מיך גיין אַליין.

און מיט אַלע כּוחות, וואָס זי האָט נאָך געהאַט, האָט זי אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט אירע אָרעמס דאָס וואַסער, און ווייטער געטונקט איר קאָפּ און געצילט זיך אין כּישופדיגן, אָפּטרעטנדיגן נעפּל אריין.

ער האָט זי אָבער צוריקגעהאַלטן.

— איך וועל דיך נישט לאָזן אַליין! דו ווייסט עס! „וועסטוּאַרד״ גייען מיר ביידע. און ער האָט אָנגעהויבן ווייטער אָנצוהאַלטן מיט איר די טריט.

זיי האָבן ווידער אַריינגעשניטן אין דער נאַקעטער פינסטערניש אַ פערציג-פופציג קלאַפטער אין שווייגן. עמיליע איז אָבער ווידער געבליבן שטעקן פון הינטן.

— פאַר מיר איז שוין נישטאָ קיין צוריק. איך קאָן נישט ווייטער. לאָז מיך אַליין! — האָט זי גערופן.

— וואָס ווילסטו טון? — פרעגט זי פרענק.

אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט זי זיך ווידער אָנגעשטרענגט און אָנגעהויבן ווייטער צו שווימען. זי איז אָבער געבליבן שטעקן נאָך דער ערשטער באַוועגונג. זי האָט זיך געהאַלטן אויפן וואַסער, אָבער איר קאָפּ האָט שוין מיט גרויס שווערינקייט אַרויסגעשטאַרצט פון ים.

באַלד איז פרענק געווען ביי איר:

— וואָס ווילסטו טון?! — שרייט ער אַרויס מיט די לעצטע כּוחות.

— גיי צוריק! לאָז מיך אַליין!

ער האָט זיך מיט אַ קונציגער באַוועגונג געגעבן אַ לאָז אונטער איר לייב. זי אַרויפגעוואָרפן מיט אַ גליטשיגן שווים אויף זיין קאַרק:

— האַלט זיך אין מיין קאַרק! מיט וויפל כּוחות דו האָסט נאָר — האַלט זיך! — האָט ער געשריגן צו איר.

— דו ווערסט דערטרונקען מיט מיר צוזאַמען! לאָז מיך — האָט זי שוין שוואַך געשעפּטשעט. — גיי צוריק, כ׳בעט דיך,

גיי צוריק, טייערער פרענק! — האָט זי געשעפּטשעט מיט די לעצטע כּוחות. און איר קאָפּ איז געפאַלן אין אַ פינסטערער נאַכט אַריין...

איצט האָט עס געהייסן צוריק. ער איז נאָך געווען ביי פולע קרעפטן. נאָר ווען ער האָט זיך אומגעדרייט און דער-זען פון דערווייטנס די ים-לאַמטערנען, ווי אויסגייענדיגע שטערן, וועלכע ראַנגלען זיך מיט די נאַכט-שאָטנס, איז אים באַפאַלן אַ פאַרצווייפלונג, און דאָס האָט געליימט זיינע כּוחות. דער ווילן איז געווען פריש און די געדאַנקען קלאָר. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איינציגע וואָס בלייבט, איז: צו שפּאָרן כּוחות, צו זיין עקאָנאָמיש. ער האָט פאַר־שלאָסן די אויגן נישט צו זען די ליכטער. ער האָט געהאַמעוועט זיין אימפעט, זיך אַליין באַ-רואיגט. אָנגעצויגן אַ פולע ברוסט מיט לופט, געגעבן אַ גוטן רוק עמיליען אויף זיין רוקן און אָנגעהויבן צוריק צו שווימען פאַמעלעך, מיט לייכטע אָרעם-שלעג. איצט הייסט עס, אַז איך שפּיל זיך, — האָט ער זיך געזאָגט.

אַזוי האָט ער זיך אָפּגעשפּילט אַ מינוט פינף, צען. אָבער די כּוחות האָבן אָנגעהויבן אויסצורינען. די הענט זענען גע-וואָרן שווער, די פיס ווי בליי. עס איז צוריקגעקומען די אַנגסט פאַרן פאַרשטייענדיגן, דער פּחד פאַרן טויט, און דער געראַנגל מיטן מלאך-המות, וואָס מען איז אין פריערדיגן בשותּפותדיגן שווים-רויש איבערגעקומען.

ווען עס איז נישטאָ מער דער ווילן צו שטאַרבן, קומט די גאַנצע שרעק פאַרן טויט.

— ניין, נישט זען די ליכטער! גאָרנישט זען. שלאָפן, שלאָפן! — האָט ער געזאָגט צו זיך. און ווי אַ קינד, וואָס קאָן זיך איינרעדן, ווען עס איז דורשטיג, אַלערליי געטראַנקען אין זיין פאַרטריקנטן, פאַרחלשטן גומען, אַזוי האָט ער זיך

איינגערעדט, אַז ער שלאָפֿט אין זיין בעט, און דאָס שווימט ער אַזוי אין חלום מיט עמיליען, זייט-ביי-זייט.

די שפּיל פון שלאָף מיט חלום האָט אים געהאָלפן אַדורכ-מאַכן אַ גרויס שטיק פונם געפערלעכן וועג.

אָבער דאָסדאָזיגע געפיל איז וואָס אַמאָל מטושטשער געוואָרן. עס איז אויסגערונען, ווי וואַסער פון אַ כּלי. ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע זיינע כּוחות נישט צו פאַרלירן דעם געדאַנק. – יאָ, איך ווייס, איך ווייס, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, – האָט ער זיך געזאָגט. איך שווים אין וואַסער. איך קאָן ליגן אויף דער וואַסער-אויבערפלאַך. ליגן און וואַרטן אַ גאַנצע נאַכט. אַזוי קאָן איך ליגן מיט די הענט און פיס, און די בוואַליעס וועלן מיך האַלטן. כ'האָב עס שוין איינמאָל געפּרוּווט טון. איך האָב זיך געוועט, און איך מוז אויסהאַלטן דאָס געוועט. איך מוז...

און ער האָט געפּרוּווט עס טון. באַלד איז אים אַ שלאָף באַפאַלן. דער קאָרק איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין איין געוויכט, און דאָסדאָזיגע געוויכט דריקט אויף זיין קאָרק. עס גלוסט זיך שלאָפן. און דאָס וואַסער איז אַזוי ווייך. עס איז אָנגענעם צו לאָזן פאַלן אין אים דעם קאָפּ. מען זינקט, מען זינקט אָן אַן ענד. און דאָס האָט ער דאָך געוואָלט. צו דעם האָט ער גע-צילט זיין גאַנץ לעבן לאַנג. יאָ, איצט איז עס געקומען. ער זינקט דעם קאָפּ אין וואַסער. אָבער אַן אַנדער געפיל, אַ פיל שטאַרקערס פון שלאָף און מידקייט, וועקט אים, מאָנט:

— דו האָלטסט עמיליען. עמיליען מוזסטו ראַטעווען. יאָ, ראַטעווען. אויף אַלץ אין דער וועלט ראַטעווען! נאָר נישט שלאָפן. נאָר נישט שלאָפן!

און מיט וויפיל כּוחות ער האָט, שניידט ער ווידער די כוואַליעס [?] וועלן. ער רוקט זיך, רוקט זיך. אָבער וואָס מער ער דערנענ-טערט זיך, אַלץ ווייטער אַנטלויפן די ים-לאַמטערנען, זיי לאָזן זיך אויס פאַר אים!

— ניין, נישט שלאָפן! ראַטעווען עמיליען! עמיליע, דו הערסט מיך?! דו הערסט מיך?! עמיליע! עמיליע!

ער איז שוין איצט געווען אינגאַנצן וואַך. איצט איז געקומען דאָס ריכטיגע געווענט צווישן אים און דעם שטילן ים, ווער פון זיי זאָל גובר־זיין.

דער ים האָט עקשנותדיג געשוויגן. נאָר אין זיין שלעכט שווייגן האָט ער זיך אונטערגענומען אויסצופירן דאָס זייניגע. און זיכער איז ער געווען ביי זיך, דער ים. אַזוי ווי אַ חיה, וואָס איז זיכער מיטן געפאַנג, וואָס זי האַלט אין אירע לאַפּעס: „גיי און גיי. רייס זיך און רייס זיך — און דאָך וועסטו זיך פון מיינע הענט נישט אַרויסקריגן". און דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן יאָ אַרויסצורייסן פון דער אומענדלעך מעכטיגער לאַפּע. און דאָס קאָן מען נאָר טון מיט עקשנותדיגער אויסגעהאַלטנקייט. פּאַמעלעך, טריט־ביי־טריט.

ער האָט דאָס געוואוסט, און האָט זיך אונטערגענומען דאָס אויסצופירן.

מעכאַניש, נאָר רעגלמעסיג, מיט איינצייליקן אָטעם־כאַפּ, האָט ער געשניטן מיט זיינע בליי־שווערע אָרעמס די שווייגנדיגע, אָבוואַרטנדיגע חיה — דעם ים. דאָס לייב פון דער חיה האָט לויז געלאָזט און אים אַריינגענומען, געהאַלטן אים פעסט ביים האַלז. אָבער ער האָט נישט געקוקט דערויף. ער האָט געטון דאָס זייניגע. די חיה ים האָט געלאַכט מיט איר קאַלטער נאַקקייט.

ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו איר לאַכן. ער האָט געטון ווייטער דאָס זייניגע, אויס לויטער געוואוינהייט.

ער האָט אויסגעמיטן די ים־לאַמטערנען און זיך נישט געוואונדערט, אפילו זיך נישט געפריידט. ער האָט שוין גאָרנישט געפילט. אַן אָפּגעשטאַנענער קערפּער, וואָס איז פאַר אַלץ טויט געווען, נאָר געווען וואַך פאַר איין איינציגן ציל: צו דערגיין מיט דער ליבער משא, וואָס ער טראָגט אויף זיך, צום ברעג, און אַנידערצופאַלן.

אַז ער האָט שוין געהאַט דערגרייכט דעם ברעג, האָט

ער נאָך מעכאַניש ווייטער באַוואויגן מיט די אָרעמס. ער איז נאָך גע־וועזן געגוג וואַך און באַוואוסט צו שרייען, צו רופן נאָך הילף. דערנאָך האָט ווער אָנגעטון אַ שוואַרצן זאַק אויף זיין קאָפּ. און ער איז געפאַלן אין אַ טיפער גרוב אַריין.

אין די פענסטער פון קליינעם האָטעל האָבן זיך שוין באַוויזן ליכטער, און אַן אָנגעצונדענע לאַמטערן האָט אין מיל־ביגן נאַכט־שאָטן געאיילט צו זיי צו הילף.

## קאַפּיטל 19

## די וואונדער היילן זיך

אין דער טיפעניש פון דער נאַכט, בעת ער איז געזונקען אין דעם תהום. וואָס האָט זיך אויפגעעפנט אונטער אים, האָט אין זיין באַוואוסטזיין געמאָנט:

— איך מוז דאָך עפּעס טון! איך טאָר דאָך נישט שלאָפן.

ער האָט זיך געריסן אויפצושטיין פון שלאָף. עס האָט אים אָבער ווער געהאַלטן פעסט אין די אָרעמס. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אייביקייטן גייען-פאַרביי. ענדלעך, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען פריש ביי די כוחות.

פרענק האָט געקאָנט אַלצדינג איבערשלאָפן.

— מאַדאַם? — האָט ער געפרעגט דאָס דינסט-מיידל.

— מאַדאַם איז זייער קראַנק. געווען דער דאָקטאָר. מען האָט מורא, אַז מען וועט זי מוזן נעמען אין שפּיטאָל אריין קיין ניצע.

ער איז מיט איין שפרונג אַראָפּ פון בעט, זיך פלינק אָנגעטון. דער קאָפּ האָט געהיצט, אַזוי ווי עס וואָלט אויף אים געזעסן אַ פייערדיגער ראַנד.

— איך האָב הויכע טעמפּעראַטור, — האָט ער זיך גע-טראַכט. — צום טייוול!

ער האָט אָנגעקלאַפּט לייכט אין איר טיר און איז אַריין אויף די שפּיץ-פינגער אין איר צימער.

אַ ריח פון עסיג, אויסגעמישט מיט פּאַרפומען, האָט אים געדראַפּעט אין האַלז.

ביי איר בעט איז געזעסן אַ דינסט-מיידל.

— גאָט צו דאַנקען, זיי האָבן געהאַט שכל דערויף, די פּראַנצויזן, און זי נישט געלאָזט אַליין! — האָט ער זיך געטראַכט.

אַרום איר זענען געווען אָנגעשטעלט פלעשלעך, פלערליי היימישע מעדיצין. מער פון אַלץ זענען אים געקראָכן אין דער נאָז וואַלעריאַן-טראָפּנס, מיט וועלכע די פראַנצויזן האָבן זי געקאָרמעט.

זי איז געלעגן אין בעט אין איר קרעם נאַכט-העמד, און אַ פלאַמיגע בלייכקייט האָט זי באַגאָסן. דער קאָליר פון איר לייב איז געווען אַ פּאַרטזעצונג פון דעם געלן קרעם-קאָליר פון איר זיידן נאַכט-העמד און קליין קישעלע. איר פּנים איז געווען אויסערגעוויינלעך צעהיצט. זי האָט געמוזט זיין אויף מיט פאַרמאַכטע אויגן. וואָרים זי האָט מיט וועמען גע-קעמפט אין איר היגערפלעט און איז שוין געווען אינגאַנצן אויסגעמאַטערט פון דעם קאַמף. זי איז געווען אָפּגעשוואָסן אינגאַנצן מיט קאַלטע אַנגסטן: אַ פלאַם, אָבער דאָס פייער איז נישט געווען הייס, נאָר אייז-קאַלט. די אַנגסטן האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די וואָרצלען פון אירע שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ און קאַרק, און האָבן אַרויסגעפינקלט פון דאָרטן. אירע ליפּן זענען געווען אָפן און איר נאָז — שפּיציג און בלייך. אירע באַקן — שרעקלעך צעוואַרעמט. דער קאַמף איז נישט געווען קיין פיזישער, נאָר אַ גייסטיגער. זי האָט זיך געגן וועמען געוועריט.

ער האָט אָנגענומען איר האַנט און גערופן: — עמיליע, זיסינקע! דו הערסט מיך?

זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן, אים אָנגעקוקט אָן יעדן אינטערעס, און זיי באַלד ווידער פאַרשלאָסן.

— עמיליע, טו עס נישט! אין גאָטס ווילן, טו עס נישט! — האָט ער גערעדט צו זיך ווערטער אָן אַ זין, און

האָט באַהויכט מיט זיינע פּאַרטריקנטע ליפּן איר פּייכטן שטערן.

די אַנגסטן-טראָפּנס, וואָס זענען געבליבן הענגען אויף זיינע ליפּן, זענען געוועזן ביטערע, דאָך האָט ער זיי מיט ליבע-חשק אַרונטער-געטרונקען. ער האָט גערעדט צו דעם מיידל אומפּאַרשטענדלעכע ווערטער אין פראַנצויזיש (זיין גאַנץ פראַנצויזיש איז מיטאַמאָל ווי אויסגערונען-געוואָרן פון אים), האָט איר געשטופּט געלט אין האַנט. ער איז אַראָפּ אונטן און אָנגעזאָגט עפּעס דעם „פּאַטראָן" פון האָטעל, אויך אויף אַ שלעכטן פראַנצויזיש, און יענער האָט אים נישט פאַרשטאַנען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט שוין זיין אויטאָמאָביל געזשומט, ווי אַן איינגעשפּאַנטע בין, אויפן וועג קיין ניצע.

דער פייערדיגער ראַנד אַרום שטערן האָט נישט אויפגעהערט צו פלאַקערן. די לאַנדשאַפט האָט זיך געדרייט אַרום זיין אויטאָ. איינמאָל איז דער ים געווען אויף רעכטס און די בערג — אויף לינקס, אַ צווייט מאָל — פאַרקערט.

אין „אַמעריקען עקספּרעס" האָט מען אים אָנגעוויזן אויף אַ צוטרוי-דערוועקנדיגן, ענגליש-רעדנדיגן דאָקטאָר. אין אַ שעה אַרום האָט זיין אויטאָ שוין צוריק געזשומט, מיט דעם דאָקטאָר און מיט אַן ענגליש-רעדנדיגער קראַנקן-שוועסטער, אין זייער וואוינאָרט. דער דאָקטאָר האָט זי באַטראַכט און אָפּגעראַטן פון איבערפירן זי.

— ניין, ברענגען זי קיין ניצע איז אַ געפאַר פאַר קאָמפּליקאַציעס, לונגען-אָנצינדונג. נישט רירן. עס איז צו האָפן, אַז זי וועט איבערקומען דעם קריזיס. דאָס האַרץ איז גוט, נישטאָ קיין אורזאַך זיך צו באַאומרואיגן. זי וועט עס בייקומען. שרעק אַביסל. מען דאַרף זי לאָזן צורו, נישט שטערן. — האָט רעקאָמענדירט דער דאָקטאָר.

ער האָט איר פאַרשריבן אַ באַרואיגונגס-מיטל און איבערגעלאָזט די קראַנקן-שוועסטער ביי איר.

ביינאַכט האָט די היץ דערגרייכט די העכסטע שטופע. צוזאַמען מיט דער היץ איז געקומען אַן אויסלייזונג פאַר דער דערפרעסיע.

פרענק איז געזעסן נעבן איר בעט. זי האָט אים אָנגע־קוקט, און עס איז געווען שווער צו וויסן, צי זי דערקענט אים יאָ אָדער נישט. אירע אויגן זענען געווען רואיג און שטיל. דער בורשטינענער אויג־אַפּעל איז געווען פאַרגליווערט אין מיטן אויג־ים, ווי געפאַנגען, און האָט זיך נישט באַוועגט. זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף אים.

פרענק האָט דורכגעפילט דעם שטומען צער, וואָס פּייניגט זי. דער רחמנות אויף איר איז געווען אין־לשער. ער האָט אַרויפגעלייגט אויף זיך די גאַנצע שולד.

— דאָס האָב איך זי געבראַכט צו דעמדאָזיגן פאַר־צווייפלטן שריט, — האָט ער זיך געזאָגט. — גאָט! ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זיין אַזוי ברוטאַל און גרויזאַם צו איר אין דעם נויטיגסטן מאָמענט פון איר לעבן?

ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז איצט ערשט, איצט, צוליב דעם וואָס איז געשען צווישן זיי, פילט ער זיך מיט איר פאַרבונדן אויף אַלע אייביגקייטן. דער בשותּפותדיגער גאַנג אין טויט האָט זיי פאַראייניגט טויזנט מאָל שטאַרקער, טיפער און דויערנדיגער, ווי אַלע ערדישע באַנדן. זיין הייסער וואונטש, וואָס ער האָט אויף דער מחשבה נישט געוואַגט אַרויסצוברענגען, איז דערפילט־געוואָרן. אַ נס איז געשען. דורך דעם בשותּפותדיגן אָנקלאַפּן אין טויער פון טויט, דורך דעם מיסטישן אַקט האָט זיך זייער בלוט צונויפגעגאָסן. ער געהערט צו איר, ווי אַ קינד, וואָס איז פון איר געבוירן. ער איז איר קינד און איר מאַן צוגלייך. ער פילט דאָס מיט אַלע זיינע חושים. ער האָט נישט מער קיין מורא עס צו קלערן, צו זאָגן עס. ער האָט אין זיך לעבעדיג דאָס געפיל, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אין אַ שטורעם, דורך אַלע מעגלעכקייטן...
ער האָט זיך געפונען אין איר מוטער־בויך, נאַקעט און בלויז, מיט אַלע זיינע אויפגעעפנטע אָדערן. ער איז געווען פאַראייניגט מיט איר אויף יענער זייט פון לעבן. פון איר קומט ער, און צו איר וויל ער צוריק.

דאָס אַלץ האָט ער איר געוואָלט זאָגן. אָבער נישט

מיט ווערטער, — ווערטער טויטן־אָפּ; ווערטער פירן־איבער דאָס געזאָגטע. ער האָט געזוכט אַן אַנדער מיטל, ווי אַזוי ער זאָל אַרײַנגעבן דאָס געפילטע, מיט זיין גאַנצער צאַפּלדיגער לעבעדיגקייט, דירעקט אין איר אַרײַן.

ער האָט עס געפּרואווט דורך דעם בליק. ער האָט פאַרקערפּערט זיין וואונטש אין זיין בליק און געוואָלט דורך אים אַרײַנדרינגען אין איר בלוט אַרײַן.

ער קוקט איר לאַנג און טיף אין די אויגן אַרײַן. אירע אויגן זענען איצט צוויי אָפענע מיילער, דורך וועלכע מען קאָן אַרײַנקוקן אין די טיפע פאַרבאָרגענישן פון איר אינערלעכקייט. אירע אויגן אָטעמען. זיי זאַפּן אין זיך אַרײַן דעם אינהאַלט און דעם באַדייט פון זיין באַקענען זיך צו איר. דירעקט, אָן יעדן מיטל, ווי זיי וואָלטן געווען די אָפענע וואונד, דורך וועלכער ער גיסט־אַרײַן אין איר זיין דורשט און זיין געטראַנק...

ער האָט צוגערירט זיינע אויגן צו אירע און געברומט, — מער מיט אָטעם דורך די אויגן, ווי מיטן מויל:

— מוטער!... מוטער!... מוטער!...

ער האָט באַרירט איר האַנט. איר האַנט גליט, ווי אַ שטיק פייער. אַצינד פילט ער די ווייכקייט, דאָס אָפענע מויל פון אירע פינגער־שפּיצן. אירע פינגער־שפּיצן ווערן פאַרוואַנדלט אין וואָרצלען. ער איז דאָס לייב־ערד, אין וועלכע די וואָרצלען שלאָגן זיך אַרײַן. דורך די אָפענע נאָגנדיגע וואָרצלען־מיילער פון אירע הייסע פינגער־שפּיצן טראַנספּאָרטירט זיך זיין וואונטש און גיסט זיך איבער צו איר.

איצט האָט זי עס אין זיך... וואָרים איצט האָט זי עס אויך דערפילט. איר בליק ווערט לעבעדיגער. זי שמייכלט צו אים. זי האָט אים געמוזט דערקענען. זי טוליעט איר קאָפּ און לענט אים אָן אויף זיין ברוסט. ער נעמט זי אַרום מיט זיין האַנט לייכט און צערטלעך. ער דעקט זי צו מיט דער קאָלדרע

און נעמט זי נענטער צו זיך. אירע קינדיש-ווייבערשע בריסטן אנטפּלעקן זיך מיטן גאַנצן ווייבערשן רחמנות דערוועקנדיגן אָנזען. איצט דערלויבט ער זיך צו קוקן אויף זיי. אַצינד מעג ער. ער האָט זיך זיי דערוואָרבן דורך זיין משפּחה געפיל צו איר. ער זויגט זיי דורך מיט זיין בליק, און ער דערפילט מיט אַמאָל, אַז דערדאָזיגער טייל פון איר קערפּער איז דער אינטימסטער, דער נאָענטסטער נשמהדיג צו אים, מיט זיין באַקעט פלייש, אַזוי ווי דערדאָזיגער טייל פון איר קערפּער וואָלט געווען דאָס מויל, דורך וועלכן ער איז געקומען אין לעבן אַריין. דער אורקוואַל, פון וועלכן ער איז באַשאַפן. און צום דאָזיגן אורקוואַל גייט ער צוריק אין אַלע אייביגקייטן אַריין.

ער האָט געוואָלט איצט צוריקגיין אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען. דערדאָזיגער פאַרלאַנג איז געווען שטאַרקער פון אַלע צוריקהאַלטן. ער האָט אַנידערגעקניט פאַר איר בעט, און ווי א קינד, אָנגעלענט זיין קאָפּ אויף די בריסטן פון זיין מוטער...

אַ בחדיגע פרומקייט האָט אים דורכגעטרייסלט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געפילט אַ באַדערפעניש צו בעטן... מטושטשע צונגען, איינגעשלומערט אין די פאַרבאָרגענע ווינקלען פון זיינע צעלן, זענען לעבעדיג-געוואָרן... מטושטשע עמבריאָנישע גלגולים זענען פאַרבייגעגאַנגען דורך אים. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער האָט זיך שוין דאָ אַמאָל געפונען אויף דער שוועל פון לעבן און טויט. און מאָדנע! ער איז ערשט איצט דערפון געוואויר-געוואָרן, אַז דער מענטש קאָן צוריקגיין, פון וואַנען ער איז געקומען. דער וועג איז אַזוי נאָענט... דאָס געבוירן-ווערן און דאָס שטאַרבן זענען איינס. און פונקט ווי ביים געבוירן-ווערן, אַזוי אויך ביי אונזער שטאַרבן, זענען מוטערס דאָ דערביי, מיר שטאַרבן אין דער מוטער.

זי איז געלעגן אַ פאַרפאַלענע אין אַ היגערפעלעט פון אַן אַנדער לעבן. דאָך האָט זי געמוזט דערפילן אַלץ, וואָס עס טוט זיך מיט איר. זי האָט צוגענומען פרענקס קאָפּ צו

זיך נענטער, נענטער — און ווען ער האָט זיך געריסן פון איר, האָט זי גערעדט פונם וואַכיגן שלאָף אַרויס:

— קום צו מיר, מיין קינד!

זי האָט אים מיט אירע שטאָלענע אָרעמס בעקלאַמערט צו זיך...

ער האָט געדאַרפט האָבן זיין גאַנצע מענערישע מאָראַלישע קראַפט נישט אויסצונוצן זיינע און אירע שוואַכע מינוטן, און ער האָט זיך אָפּגעריסן פון איר מיט געוואַלט.

— פאַרוואָס? איצט מעג איך שוין אַלץ, אַלץ. דו ביסט מיין קינד און מיין מאַן.

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דידאָזיגע ווערטער, אַריינגערופן די שוועסטער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז עמיליע אַרויס פון קריזיס מיטן פאַלן פון דער היץ איז צוריקגעקומען די נאָרמאַלקייט, און מיט איר איז צערונען דער חלום.

איצט איז דאָס געשעענע געלעגן אָפן, ווי אַ וואונד, נאָר ווי אַ וואונד, וואָס האָט נישט בלויז געוויטאָגט. זי האָט זיך אויך דורך איר געפילט באַרייכערט.

פרענק איז געווען אין זיין צימער.

זי האָט געהערט זיינע טריט, ווי ער גייט אַרויף-און-אַראָפּ. ער האָט שוין אָנגעקלאַפּט עטלעכע מאָל אין דער טיר, געוואָלט אַריין צו איר.

זי האָט אים נישט אַריינגעלאָזט.

זי האָט אים נישט אַריינגעלאָזט צוליב דעם איינפאַכן גרונט, ווייל זי האָט זיך געשעמט צו קוקן אים אין פּנים אַריין.

ער איז אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן צו אַן אומדערגרייכלעכן ריז. וואָס טיפער זי האָט זיך געפילט געפאַלן, אַלץ שענער, מענערישער און רייפער האָט ער אויסגעקוקט ביי איר. ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען זיין גאַנץ טיפע, אומ-

דערגרייכלעכע, ריינע באַציאונג צו איר, זיין גיגאַנטישן אויסערלעכן כּוח, זיין אינערלעכן עטישן באַשטאַנד.

איצט האָט זי איינגעזען, אַז אויב זייער ליבע איז אויסגעוואַקסן צו יענעם, אין דער הייגטיגער צייט נישט דערגרייכלעכן עקסטאַז, איז עס געווען נישט איר פאַרדינסט, נאָר זיינער.

פאַרקערט, זי האָט אַריינגעבראַכט אין זייער באַציאונג ווייבערשע היסטעריע, אומרואיגקייט און איבערטרייסלענדיגע נערוועזישקייט, וואָס זי האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך פון איר פאַרגאַנגען לעבן. ער, נאָר ער אַליין, מיט זיין שטאַרקן ווילן, וואָס זיין געזונטע נאַטירלעכקייט, זיין מיט וואַלד און פעלד שמעקנדיגע יוגנט האָט דערצויגן אין אים, האָט אַרויסגעראַטעוועט נישט נאָר בלויז איר לעבן, נאָר אויך זייער געפיל, זייער צוגעהעריגקייט פון אַ פאַרצווייפלטער היסטערישקייט, אין וועלכער זי האָט שיער נישט אַריינגעשלעפּט זייער ליבע. דאָס איינציגע, וואָס זי האָט איצט צו טון, איז אים צו פאַרלאָזן, אים צו באַפרייען. דאָס איז איר פליכט און דאָס געבאָט פון איר געפיל צו אים.

— פאַרלאָזן ? אָבער וואָס וועט מיט איר געשען ? ניין, צו שטאַרבן איז זי נישט געווען גרייט. איצט נישט, מער נישט, ווי אַן אַנדערש מאָל.

זי האָט צוריקגעוואונען דעם גאַנצן פאַרלאַנג נאָך לעבן וואָס האָט איצט פריש אָנגעהויבן צו קוואַלן אין איר. וואָרים די דערהויבונג פון פרענקן אין אירע אויגן האָט שוין איצט געהאַט אויסגעגלייכט אַלע מכשולים, אַלע שטרויכלונגען, וואָס זענען געלעגן אויף זייער וועג. פאַרקערט, זי איז נישט נאָר געווען זיכער אין זיך, אַז עס האָבן זיך אָפּגערוקט אַלע מניעות, נאָר זיין פערזענלעכקייט איז געשטאַנען איצט אַזוי הויך אין אירע אויגן, אַז זי וואָלט זיך געפילט געאיידלט און באַגנעדיגט, ווען ער וואָלט זי אַרונטערגענומען אונטער זיין באַשיצנדיגן חסד און געשטראַלט אויף איר מיט דער לויטערקייט, וואָס שטראַלט פון אים.

דאָס געווינס איבער זיך אַליין האָט זי געשטאַרקט און דערהאַלטן אין איר געפאַלנקייט. דאָס געווינס איבער זיך אַליין האָט איר געגעבן פרישע כּוחות. דאָס געווינס איבער זיך אַליין האָט געשראָקן... נאָר עס האָט אָפּגערוקט יעדע אַנגסט פאַרן לעבן.

— איצט, איצט, ווען זי האַלט זיך אַליין אין די הענט — שטאַרבן?

ניין, זי האָט נישט רעזיגנירט פון אים. ווי אַזוי האָט זי עס געקאָנט? איצט אַוודאי נישט. וואָרים איצט איז צוגעקומען צום ווייבערשן אינסטינקט נאָך עפּעס.

זי האָט אַנטדעקט, אַז אין אירע געפילן צו פרענקן האָט זיך אַצינד אַריינגעמישט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי האָט עס ביז איצט נישט באַזעסן.

ער איז געוואָרן צו איר פאַרבונדן דורך גאַנץ נייע, פיל שטאַרקערע און דויערענדיגערע שנורן, ווי ביז איצט — אַ צוגעהעריגקייט, וואָס קאָן קיינמאָל נישט אויפהערן. עס איז געווען דורך דעם שוים אין בשותּפותדיגן טויט, דורך וועלכן זי איז צו אים מער באַווייבט־געוואָרן, ווי דורך חופּה־וקדושין. עס איז נאָך געווען עפּעס מער, ווי ווייב... זי האָט שוין נישט געהאַט וואָס זיך צו שעמען און וואָס צו באַהאַלטן פאַר פרענקן, און זי האָט אים אַריינגעלאָזט. זי האָט זיך נישט, אַזוי ווי ווי יעדעס אַנדערע מאָל, צוגעגרייט פאַרן וויזיט. אַפילו די שעמעוודיגקייט איז פאַרשוואונדן. אין איר קרעם־קאָליר זיידענע וועש, וואָס האָט אויסגעקוקט צו זיין אַ פּאָרטזעצונג פון איר הויט, אין בעט, האָט זי אים אויפגענומען מיט אַרויסגעשטרעקטע אָרעמס און טרערן־לאַכנדיגע אויגן.

צום ערשטן מאָל האָט פרענק באַמערקט, אַז אינם שלייף פון אירע געדיכטע שוואַרצע האָר ציען זיך איינצלנע פאַסן שוין גרויע...

— איז עס אַ רעזולטאַט פון דער לעצטער געשעעניש, וואָס האָט פּאַסירט מיט איר? — האָט ער זיך געטראַכט. — געוויס. און דאָס האָב איך איר געשאָנקען.

און ווי יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַנטדעקט אין איר סימנים פון פאַרעלטערונג, איז זיין קעל צוגעשנורט-געוואָרן פון רחמנות. און דער צער און די ליבע צו איר האָבן זיך אין אים געשטייגערט ביז צו משוגעת.

ער איז צוגעגאַנגען מיט זאַכטע טריט צו איר בעט. זי האָט זיך באַמיט צו קוקן אים לאַנג און טיף אין זיינע אויגן. אין אירע אויגן איז, ווי תמיד, געלעגן מנוחה און לייטזעליגקייט.

איצט האָט איר בליק צוגעקראָגן אַ מאָדנע אויסגעלייטערטקייט, ווי פון אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַליין געזען, זיך אַליין פאַרשטאַנען און זיך אַליין מוחל-געווען.

— פרענק, טייערער, קאָנסטו מיר מוחל-זיין?

— פאַרוואָס? — האָט ער געוואַרעמט איר האַנט מיט זיין אָטעם.

זי האָט געוואַרט אַ ווײַלע, ביז דער ערשטער אַרויסשפּריץ פון אירע טרערן האָט געמאַכט פריי איר קעל.

— פאַרלאָז מיך! איך האָב נישט קיין כוחות. איך בין צו שוואַך. דערצו. דו קאָנסט עס. איך בעט דיך. דו זעסט דאָך, צו וואָס איך קאָן ברענגען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זי שוין געהאַט געקומען צו זיך. זי האָט אָנגעהויבן צו מאַכן די ערשטע שריט אין גאָרטן, געשטיצט אויף פרענקס אָרעם.

עמיליע האָט געהאַט די באַגאַבונג זיך אַליין צו באַנייען דורך יעדן שטורעם, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך איר. אַזוי ווי זי וואָלט אינם שטורעם געשטאָרבן און געבוירן-געוואָרן. איר קערפּער איז ווידער געוואָרן קנאָספּן-צאַרטיג געשלאָסן און אָפּגערונדיגט. אַ מיידלשע פלוים איז געלעגן אויף איר וועזן. די קראַנקהייט, וועלכע מען האָט איצט מער אָנגעזען אין אירע פוילע באַוועגונגען, און די רעשטן בלייכקייט אויף איר האָבן צוגעגעבן איר אַ רירנדיגן חן. די בלייכקייט האָט אַרויס-

געבראַכט דאָס גרינגע געהעכ פון אירע בלויע, קליינע אָדער־לעך, וואָס האָבן זיך געצויגן פון איר האַלז און פאַרשפּרייט זיך איבער איר ברוסט־ברעט. די ווייסלעך פון אירע אויגן זענען נאָך געווען געלבלעך. דער קלאָרער בורשטין פון אויג־אַפּל האָט איצט צוגעגעבן צו דער רואיגקייט אַן אונטערטעניג־קייט אין איר בליק. ער האָט זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען פון ים־אויג און נישט געוואַגט זיך פריי צו באַוועגן. און צווישן אירע געדיכטע, איינגעפּרעסטע לאָקן האָבן זיך איצט געבליכט פראַנק און פריי, אָן באַהעלטעניש, די איינצלנע ווייסע פּאָסן. דאָס האָט אָבער צוגעגעבן איר גאַנצן אויסזען אַן ערנסטקייט און האָט גערירט און געוועקט אַ רחמנות־געפיל.

זי האָט זיך אָנגערופן:

— פרענק, איך וויל פאָרן קיין פּאַריז. איך בעט דיך, נעם מיך אַהין.

— וואָס ווילסטו טון אין פּאַריז?

— איך קאָן דאָ נישט בלייבן לענגער, און דאַן וויל איך אָנהייבן מיטן ענין פון מיין גט.

— איך דענק, אַז דו זאָלסט וואַרטן דערמיט.

זי האָט געמאַכט אַ הפסקה.

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי?

— איך האָב מורא, אַז דו זאָלסט נישט מאַכן אַ שריט, וועלכן דו וועסט דערנאָך באַדויערן.

— דו זאָלסט אַזוי נישט דענקען...— און זי האָט אַראָפּ־געלאָזן דעם בליק און אונטערטעניג געבויגן דעם קאָפּ.

פרענק האָט זי אָנגענומען ביים אָרעם:

— ווייסטו דען נישט, אַז קיינער קאָן דיך מער נישט שיידן פון מיר?

עמיליע האָט אויפגעהויבן די אויגן און שווייגנדיג גע־קוקט אויף פרענקן. אין איר בליק האָט געגלאַנצט חסדיגער לייטזעליגער דאַנק...

## קאַפּיטל 20

# דאָס נאָכיאָגן נאָכן אומזין

אין האָטעל האָבן זיי געוואוינט אין באַזונדערע צימערן. כאָטש זיי זענען געווען טיר־ביי־טיר, ווי תּמיד, האָט דאָך קיינער פון זיי נישט געמאַכט קיין פּרוּוו אָנצורירן דעם אַנדערנס פּריוואַטקייט.

עס איז אָנגעגאַנגען צווישן זיי א שטיל געוועט, אַ מין ליבע־ברוגז־טאַנץ, ווער עס וועט דעם אַנדערן נאָכגעבן.

זי האָט געוואָלט אָנהייבן אין פּאַריז דעם פּראָצעס וועגן איר גט, צו וועלכן זי איז שוין איצט געווען אינגאַנצן צוגעגרייט. זי האָט געוואָלט, אַז פרענק זאָל איר העלפן דערין; אָבער זי האָט דערוואַרט יעדן טאָג, אַז ער זאָל אָנהייבן וועגן דעם רעדן, ער זאָל מאָנען. ער אָבער האָט עקשנותדיג געשוויגן און מיט קיין איין וואָרט איר נישט געגעבן קיין געלעגנהייט, אַז זי זאָל אָנהייבן צו רעדן וועגן דעם, כאָטש עס איז געווען קלאָר, אַז ער דערוואַרט דאָס פון איר.

בייַנאַכט זענען זיי ביידע געלעגן אין איינגעזען, ווי זיי שאַרפן דאָס מעסער, וואָס זאָל איבערשניידן זייער באַנד, און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן. זיי האָבן געפּרוּווט זיך פאָרשטעלן זייער לעבן אַ טאָג נאָך זייער צעשיידונג, און יעדן פון זיי באַזונדער האָט געגרוילט פאַר דער איינזאַמקייט, וואָס שטרעקט־אויס נאָך זיי אירע קאַלטע גרויע אָרעמס. און

זיי האָבן נישט געוואָלט, — נישט געוואָלט דורכגיין די גרויע טיר פון זייער אָפּזאָג.

פון דעם מאָן איז זי שוין איצט געווען אינגאַנצן באַפרייט; באַפרייט נישט נאָר בלויז פון זיינע געזעצלעכע באַנדן, אַלס מאַן, נאָר אויך פון דעם נישט-געזעצלעכן רייץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט פאַר איר דורך זיין רעכט צו באַהאַנדלען זי, ווי זיין אייגנטום. זי איז שוין געווען אויסגעהיילט דערפון. זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, וועט זי וואוינען ערגעץ-וואו אַליין און וועט פּרואוון לעבן מיט דעם, וואָס עס וועט איר איבערלאָזן דער זכרון פון איר ליבע צו פרענקן. צי וועט זי זיך אָבער קאָנען באַגנוגענען בלויז מיט זיין שאָטן? כוחות פון אונטער אַש האָבן אויפגעפלאַמט, און זי האָט זיך אומזיסט באַמיט זיי צו דערשטיקן; זיי זענען געווען שטאַרקער פון איר.

* * *

פאַריז אין פרילינג.

דעם טאָג האָבן זיי אויסגענוצט פאַר בשותפותדיגע געניסן. פאַריז אַליין איז אַן איבערלעבעניש, און עס קאָן אין אַ געוויסער מאָס פאַרטרעטן די אינטימסטע, מיסטישע פרייד, וואָס דאָס לעבן האָט צו פאַרטיילן.

זיי האָבן זיך געגעבן איינער דעם אַנדערן דורך פאַריז — דורך דעם בלויען סאַמעט-שימערירנדיגן ליכט, וואָס הענגט אין דער לופט איבער די בריקן פון טייך סען; דורך דעם אָטעמען די שאַמפּאַניער לופט, וואָס שוועבט איבער פאַריז; דורך דעם אָנבליק פון די גאַסן — דורך פאַריז.

איינמאָל האָבן זיי זיך געפונען אויף אַ בילדער-אויסשטעלונג אין איינער פון די גאַלעריעס אויף רי דעביסי.

בילדער אין קליינע פּריוואַט-גאַלעריעס זענען פּונקט אַזוי ווי קאַמער-מוזיק אין אינטימע קרייזן. קונסט קאָן מען נאָר געניסן אין אינטימקייט. בילדער, וואָס זענען טויט און זענען נאָר אַ מצבה אויף דעם בית-עולם פון קונסט אין די מוזע-

אומס, שטייען־אויף צום לעבן, ווען מען געניסט זיי אליין אויף דער וואנט פון א פריוואט־הויז, אדער פון א קליינער גאלעריע.

צווישן קאראס נימפן, וואס באדן זיך אין נאכט־טוי, אין שאטן פון בלעטערלאזע טאפאלעס, זענען אויך געהאנגען א סעזאן און א פיסארא.

זיי האבן זיך אפגעשטעלט ביים סעזאן־בילד. א בלויע לאנדשאפט. די זון איז אין געפאנגענשאפט אונטער א בלויען שלייער. פון אונטער דעם בלויען שלייער באהערשט זי די וועלט. א וואנט מיט ביימער, א געוועב פון צווייגן. ביימער — דאס מיסטישע באשעפעניש פון גאט. ווער ווייסט, וואס אזא בוים איז, ווען ער שטייט און נעמט־ארום די טיפעניש פון דער ערד מיט זיינע פינגער־ווארצלען און ציט־אויס זיינע פארשפרייטע הענט צום הימל? נאר סעזאן האט געקאנט זען די ביימער אין זייער אינערלעכן באשטאנד. דער בוים איז דאס באשעפעניש פון גאט, געזען דורך אויגן, וואס זענען אויך ג:ט עך־שעפעריש און קאנען באנייען די יצירה מיט נייע בנימער. אין פארהעלטעניש צו פיסארא, איז סעזאן ווי די טריאומפירנדע מיליטאנטישע קירך געגן דער גאט־באווארנטער, ארים־יום־טובדיגער סינאגאגע. מיט טויזנטער באנדן געבונדן, מיט א שטרענג־דיסציפלינירטער ליידנשאפט טיילט־אויס סעזאן קארג און ניכטער זיינע פארבן. יעדער טאן פון פארב און ליכט מוז זיך אינגאנצן געבן; נישטא קיין איבערחזרונג פון דעם געזאגטן.

דער אלטער מייסטער פיסארא, ווי א פאטריארך פון דער אלטער ביבל, גיט זיך אינגאנצן, מיט זיין גאנצער מענטשלעכער שוואכקייט און ארימקייט. נישט א גאט שטייט פאר גאט — ווי סעזאן פאר דער נאטור — נאר א מענטש, מיט א צעבראכן הארץ, מיט א שווער געמיט, שטייט אן אונטערטעניגער, מיט א געבויגענעם קאפ פאר גאט און זיין נאטור...

עס איז געווען א בילד, געמאלן אין די רייפע, אלטע יארן פון דעם מייסטער, ווען ער האט, נאך אזויפיל בלאנדושען

און באַארבעטן פּרעמדע גערטנער און דינען פרעמדע געטער, געפֿונען זיך אַליין. פאַרן טויט האָט ער געמאַכט שלום מיטן לעבן: „אָ, גאָט, לאָז מיך נישט שטאַרבן אין קריג מיט דער וועלט! און אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט געעפֿנט מיינע אויגן, איידער זיי פֿאַרמאַכן זיך אויף אייביג, צו זען ווי שיין עס איז דיין וועלט!"

און די וועלט איז געווען שיין אויפֿן בילד פֿון פּיסאַראָ. זי איז צוגעקומען צו איר שלימות, און אַזוי וועט זי זיין באחרית-הימים. נישט הימל-מלאכיש, נישט הײדניש-נימפֿיש, — נאָר מענטשלעך.

אַ זוניגער טאָג. אַ גרין פֿעלד, אָנגעלענט אין אַ וואַלד. ביים ברעג פֿון אַן אָזערע, וועלכע קומט-אַרויס פֿון דער טיפֿעניש פֿון וואַלד, שטייען פֿרויען אויסגעטועטע און זיך אויסטוענדע און נעצן-איין זייערע פֿיס אין קאַלטן וואַסער פֿון טייך. די פֿעלדער זענען דאָ נישט גלאַט-אַזוי פֿעלדער, וואָס טוען גאָרנישט, נאָר זיי זענען געוואָרן באַשאַפֿן, כדי עס זאָלן זיך אויף זיי שפּילן נימפֿעס. די פֿעלדער זענען באַאַקערט, באַזייט, געפֿינען זיך אין פּראָצעס פֿון שווערער פּראַצע. ווי אַן אָקס, איינגעשפּאַנט אין שווערן כאָמעט, קריכן זיי אונטער דעם יאָך, אין וועלכן עס האָט זיי אַרונטערגע־בראַכט דער מענטש, כדי צו פֿאַרשאַפֿן זיך זיין ברויט. דער וואַלד איז דאָ נישט קיין וואַלד פֿאַר שיינקייט-וועגן, נאָר אַן אַרבעטנדער וואַלד. גרויסע בענקעס שטאַרצן-אַרויס, טראָגן אויף זיך דעם סימן פֿון דער זעג. מענערישע ביימער שטרעקן-אַרויס זייערע שטאַרקע צווייגן און קעמפֿן זיך דורך אַ וועג צו דער זון. איינגעשפּאַנט אין אַרבעט איז די וועלט. און ווי תמיד, זעט דער קינסטלער די וועלט נישט אָן דעם מענטש. ניין, נישט קיין נימפֿעס קומען-אַרויס פֿון וואַלד מיט פֿאַר־שלייערטע לייבער צו באָדן זיך. פּשוטע מענטשלעכע טעכטער קומען צעקילן אין קאַלטן טייך זייערע פֿון שווייס פֿון דער אַרבעט צעהיצטע לייבער. קנאַכיג-אויסגעקערנטע לייבער, אויס־געמוסקולירטע גלידער, לייבער, וואָס האָבן קינדער געבוירן,

און וואָס זענען באַשאַפן קינדער צו געבוירן. און איבער זיי שײַנט די זון, מיט צעבעערס ליכט גיסט זי. ניט פּריוויליג, שפּילנדיג, געצנדינעריש ווי ביי אַנדערע, נאָר זי איז אויך ווי די ערד און דער מענטש, איינגעשפּאַנט דורך אַ העכערער מאַכט צו דינען דעם גרויסן תּכלית פון לעבן.

ער האָט נישט מורא, דער מייסטער, אַרויסצואוויַיזן זיין שוואַכקייט צו איבערחזרן, אונטערצושטרייכן די שטאַרקייט פון דער זון מיט אַן איבעריגן פּענזל-שטריך, אַרויסצובריענגען אַ ניואַנס פון גרינס דורך אַן איבעריגן, פאַרשווענדעריש-געוואַר-פּענעם קאָליר. ער איז נישט קיין גאָט, וואָס באַשאַפט וועלטן. ער איז אַ מענטש, וואָס זעט די וועלט; אַ מענטש, וואָס איז באַשאַפן, כּדי צו דערציילן וועגן גאָטס ווערק: „איך וועל נישט שטאַרבן, איך וועל דערציילן וועגן גאָטס ווערק. און דערציילן וועל איך עס, אַזוי ווי איך קאָן: מיט די אָרימע מיטלען, וואָס דו, גאָט, האָסט מיר געגעבן, זיי געלויבט דערפאַר!"

וואָס אַנדערס באַזיצט אַ קונסט-ווערק, וואָס קאָן מאַכן זעליג און אַריינברענגען מענטשן אין אַ העכערער פאַרשטענדעניש?

אין דעם מאָמענט, ווען זיי זענען געשטאַנען ביידע, עמיליע און פרענק, און געגאָסן גאָטס וואונדער, וואָס איז אַזוי איינפאַך און פּשוט אין אַ געוויינלעכן זונען טאָג, האָבן זיי געפילט, אַז דערדאָזיקער מאָמענט איז אַן אייביגקייט. אין דער אייביגקייט לעבן זיי. קיין שום קראַפט קאָן זיי נישט מער צעטיילן. זיי זענען, דורך דעם חסד פון שיינקייט, וואָס זיי געניסן צוזאַמען, פאַרבונדן אויף אייביג!

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. אין זייער בליק איז געלעגן זייער בשותּפותדיגע באַשערטקייט, די פרייד און די ליידן, וואָס דאָס מזל האָט פאַר זיי.

פרענק האָט אָנגענומען עמיליען ביי דער האַנט און ווי אַ פאַרלאָזט, פאַרבלאָנדזשעט קינד, זי אַרומגענומען.

— איז אונזער וועלט נישט שיין, מיין טייערע? — האָט

ער זיך געווענדעט צו איר — קוק זי אָן! איז זי נישט שענער פאַר אַלע אויסגעטראַכטע וועלטן, גן-עדנס, אַרקאַדיעס? קוק זי אָן! — האָט ער איר געוויזן אויפן בילד.

— יאָ, טייערער! — האָט זי געענטפערט אין דער שטיל.

— און זע, ווי נאָענט עס איז דער וועג צו איר: אַ וואַלד, אַ פעלד, אַ וואַסער, און אַ זוניגער, אָדער אַ רעגנדיגער הימל. זע, ווי נאָענט!

— און פאַרוואָס קאָנען מיר זי נישט האָבן, פרענק? פאַרוואָס?

פרענק האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט זי געהאַלטן פעסט ביים אָרעם אין זיין שטאַרקער, צוגעשלאָסענער האַנט און זי אַרויסגעפירט אין גאַס.

אין דער גאַס, ביים הויז, איז געשטאַנען אַ פרוי און האָט פאַרקויפט מאַי-גלעקלעך. פרענק האָט גענומען פון דער פרויס האַנט אַ גאַנצן בינט און געגעבן עמיליען.

עס איז געווען מאַי.

דעם אָוונט האָבן זיי זיך געפונען אויף מאָנמאַרטר.

נאָך אַ גאַנצער נאַכט אַרומזיצן אין קאַבאַר:טן, אָנגעוואַרעמט פון וויין, טאַנץ און רויך, האָט זיי די פריכאָרגן-לופט אויסגעבאָדן, ווי אַ ים-באָד. אויסגעלייזט פון פאַרדושעטער לופט, זענען זיי געשוואומען אין דער פאַנטאַסטישער בלויקייט, מיט וועלכער עס איז באַגאָסן פאַריז אין די פריע פרילינג-מאָרגנס, ווי אין אַן אַנדערער וועלט. אין די האַליעס, צווישן די ווענט, מיט אָנגעלייגטע צוזאַמענגעפרעסטע בלומען און גרינסן, האָבן זיי ב דעזיך געפילט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פאַנטאַסטישער לאַנדשאַפט. זיי זענען געווען באַרוישט פון דער אויכטערלישער, בלויער באַלייכטונג, מיט וועלכער די האַלעס, די טאָג-טעגלעכע גאַס, דער הו-האַ און גערודער זענען געווען באַגאָסן. אַ מאָדנע טיפע בלויקייט האָט אַלץ געהאַט אַרומגענומען און געגעבן דער וועלט אַן אויסזען פון נישט-געוויינלעכן, נישט-רעאַלן.

עס איז געווען, ווי אַ חלום. ווי אין חלום זענען זיי געגאַנגען צווישן די פאַנטאַסטישע ווענט, וואָס די געוויקסן און גרינסן האָבן

צונויפגעשטעלט מיט זייערע פריש-ערדישע, זאַפטיגע קאָלירן. פרענק האָט זיך נישט געקאָנט זעטיגן. ער האָט אָנגעקויפט שטויסן פּיילכן, מאָן-גלעקלעך, ווייסע רויזן, און באַלייגט מיט זיי עמיליעס הענט. ער אַליין האָט מיטגענומען מיט זיך כאָטש אַ בינט רויטע מייערן, וואָס ער האָט זיי נאָר געקויפט דערפאַר, ווייל עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס זענען נישט קיין געוויינלעכע מייערן, נאָר אַזעלכע, וואָס מען זעט אין חלום: מייערן-בלומען.

באַלייגט מיט בלומען, זענען זיי אין אַ פאַנטאַסטישער, בלויער לופט אַהיימגעפאָרן צו זיך אין האָטעל.

אויפן וועג איז עמיליע מיד-געוואָרן. זי האָט אָנגעלענט איר קאָפּ אויף זיינע אַקסלען. ער האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען, און עס האָט זיך געדאַכט אַז עס באַנייט זיך צווישן זיי זייער שעה פון חסד, וואָס האָט זיך לעצטנס געהאַט אָפּגעטון פון זיי.

ווידער האָבן זיך אויפגעעפנט די מיילער פון אירע פינגער-שפּיצן און האָבן אַריבערגעטראָגן דורך זייערע אָפענע ליפּן דעם פאַרלאַנג אין זיין לייב אַריין און זיי צוזאַמענגעגליט...

אין קאָרידאָר, ביי זייערע טירן, זענען זיי אינסטינקטיוו שטיין-געבליבן. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט און אָפּגעשפּיגלט זייערע פּנימער אין חלש-גלאַנץ פון זייערע אויגן. זיי האָבן איצט צום ערשטן מאָל געפילט, אַז אַלע טויערן זענען אָפן פאַר זיי. און דערפאַר, ווייל עס איז נישט געווען מער קיין מחיצה, האָבן זיי זיך ביידע דערשראָקן...

זייערע הערצער האָבן צוזאַמען הויך און לאַנג געקלאַפּט, ווען זייערע אויגן זענען געוואָרן פאַרכישופט צוגעצויגן איינע צו די אַנדערע. אינסטינקטיוו האָט זי אים אָנגענומען ביי זיין האַנט, אירע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געקאָנט.

— הער, מיידל, איך בין נאָר אַ מענטש! וואָס מאַכסטו פון מיר? —

האָט ער זי אַרומגענומען מיט זיין האַנט ביי איר נאַקעטן קאַרק, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון איר שאַל, נאָר אָנשטאָט זי צו נעמען צו זיך, האָט ער זי צוגערוקט צו איר טיר:

— זיי פאַרניפטיג.

ער איז אַריין צו זיך אין צימער.

צומאָרגנס האָט זי זיך ניט באַוויזן אַ האַלבן טאָג. זי איז געווען אָן פּרענקן פאַרנומען מיט עפּעס אין גאַס.

פּרענק האָט זיך אַרומגעדרייט, ווי אַ יתום. זי געזוכט, נישט געוואוסט, וואָס עס איז מיט איר געשען. פאַרנאַכט האָט זי אים אָנגעקלונגען אין זיין צימער:

— איך בין געווען פאַרנומען ביי דער שניידערין אויף די רע לאַ פּע. ווילסטו נישט האָבן אָוונט-עסן צוזאַמען?

זיי האָבן געהאַט צוזאַמען אָוונט-עסן. גאַנץ געוויינלעך, ווי אַן אַנדער מאָל. פּרענק האָט נישט באַמערקט קיין ענדערונג אין איר. אירע אויגן האָבן שוין געהאַט צוריקגעוואונען יענעם באַרואיגענדן, זאַנפטיגן אָנבליק, וואָס האָבן אים שטענדיג אַריינגעבראַכט אין אַ מנוחהדיגן צושטאַנד.

זי איז געגאַנגען פרי שלאָפן. מאָרגן האָט זי ווידער אַ פאַרנומענעם טאָג. דעם ערשטן האַלבן טאָג מוז זי זיין ביי דער שניידערין. דאָס פּאַסט זיך גוט צו, ווייל מאָרגן וויל ער אַביסל אַרבעטן אין דער ביבליאָטעק. אין אָוונט קאָנען זיי אַרויסגיין צוזאַמען.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי געהאַלטן לענגער זיין האַנט אין אירער און זיך נישט זשענירט, וואָס דאָס איז געווען אין דער האַליע פון האָטעל.

* * *

צומאָרגנס אינדערפרי איז פּרענק אַוועק אין דער ביבליאָטעק. ווען ער איז צוריקגעקומען אין האָטעל צום „לאַנטש", האָט אים דער פּאָרטיער געזאָגט:

— מאַדאַם איז אָפּגעפאָרן.

— ווען? וואו? — פרעגט פּרענק דערשטוינט.

— מיטן ספּעציעלן צוג פון דער שיף „פּאַריז" קיין האַוור.

— ווען? — פרעגט אים פּרענק ווידער.

— אַ שעה אַנדערטהאַלבן צוריק, — ענטפערט אים דער פּאָרטיער.

ער איז גלייך אַרויף אין איר צימער. איר בעט איז נאָך געווען אָפן, אַזוי ווי זי האָט עס פאַרלאָזט. פון די קישנס און קאָלדרע האָט נאָך געשמעקט דער דעליקאַטער שיפּר-פּאַרפום פון אירע האָר און קערפּער. נאָר די דינסט-מיידלעך, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן אויפצורוימען דאָס צימער, האָבן דעם דופט פון איר לייב געהאַלטן אין אויסלופטערן...

ער האָט זיי אַרויסגעשיקט, פאַרמאַכט די טיר און געוואָרפן זיך אויפן בעט. די קישנס, ציכעלעך פון איר פנים, פון אירע האָר, האָבן נאָך פאַרטעריש געשמעקט מיט איר... און דאָס ליילעך, די קאָלדרע, האָבן נאָך געהאַט אין זיך די וואַרעמקייט פון איר קערפּער, די ספּעציפישע, גלאַטע אָטעמדיגע וואַרעמקייט פון איר; זיין לייב! דאָס לייב, וואָס האָט אים פאַקטיש, אמתדיג געבוירן.

„יאָ, געבוירן, געבוירן פון דיר!“ האָט ער געקייט דאָס ליילעך מיט די ציין, באַזאָסן עס מיטן גאַווער פון זיין מויל און געברומט: „פאַרוואָס? פאַרוואָס?“

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַרומגעקוקט זיך אין איר צימער. די גאַנצע אומאָרדנונג פון צימער איז נאָך געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם זאַפט און דופט פון איר, מיט די באַוועגונגען פון אירע הענט און פיס, מיט איר אָטעם און פלייש.

אויפן טואַלעט-טיש האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט צעשאָטענע געלע בלעטלעך פון טיי-רויזן, אייניגע אָפּגעפּליקטע זוימענזעקלעך; אַנדערע גאַנצע, מיט ליכטיגע לייבלעך.

דער אָנבליק פון טיי-רויזן האָט אים שטענדיג דערמאָנט אָן איר. זיי זענען אַ פאָרטזעצונג פון איר לייב, פון איר וועש. ער האָט זיי אויפגעהויבן פון דער ערד און געקייט זיי. אויפן וואַש-טיש איז נאָך געלעגן אַ רעשטל זייף פון איר טואַלעט, פּאַפּירלעך, נאַסע האַנטיכער, — סימנים פון איר.

די בענקשאַפט נאָך איר האָט אים געפּאַקט מיט דער גאַנצער געוואַלט. די נישט-אויסגעלייזטע בחור-יאָרן זיינע האָבן געווייגט אין אים און ערשט איצט אָנגעהויבן צו פאָדערן זייער רעכט.

„פּאַרוואָס? פּאַרוואָס? — האָט ער אומזיניג גערעדט צו זיך. — פּאַרוואָס אַזוי אומדערבאַרעמדיג. מיין מזל — אין אַ פרעמדן ווילן? פּאַרוואָס נישט מיין מזל — אין מיין אייגענעם ווילן?"

ער איז געגאַנגען אַרויף־און־אַראָפּ איבער דער שטוב, ווי אַ ווילדער. אַלע דיסציפּלינען זענען מיט אַמאָל געוואָרן אויפגעלייזט. דער אויסגעהאַמערטער ווילן איז געוואָרן בויגזאַם ווי אַ דין רערל.

„צום טייוול! צום טייוול!"

ער מוז איר נאָכלויפן, מיט אַלע מעגלעכקייטן כאַפּן די שיף, און מיט געוואַלט זי אַרונטערנעמען און נויטן זי, יאָ, נויטן זי, מיטצוגיין מיט אים, צו באַלאַנגען צו אים, צו זיין מיט אים. ער וועט נעמען דאָס, וואָס ס'איז זיינס.

ער האָט צורעכט־געמאַכט זיינע האָר, גלייך־געמאַכט זיי־נע קליידער, און איז אַראָפּ. אונטן אין זיין קעסטל איז געווען אַ בריוו פאַר אים. פון איר געוויס.

צו וואָס בריוו? ער וויל נישט רעזיגנירן. ער האָט דאָס געפּיל דעם בריוו אַוועקצוּוואַרפן. ער האָט אים פאַרוואָרפן אין אַ קעשע:ע.

איצט איז די צייט צו טון.

דער אויטאָמאָביל זיינער איז געשטאַנען אין גאַראַזש פון האָטעל. ניין, אין פּאַריז קאָן ער דאָך נישט פאָרן מיטן אוי־טאָמאָביל. אַ שאָפער! אום גאָטס ווילן, אַ שאָפער!

ער האָט מיטגענומען אַ שאָפער. ער איז צוערשט אַראָפּ צום באַן־הויף.

דער צווייטער שיף־צוג, מיט די צווייטע־קלאַס־פּאַסאַזשירן, איז אָפּגעפאָרן צו דער שיף „פּאַריז" מיט אַ האַלבער שעה צו־ריק. איצט איז האַלב באַך איינס. די שיף פאַרלאָזט דעם פּאָ־ט פיר אַ זייגער, אַזוי ווי די צווייטע באַן קומט־אָן. אין אָוונט איז זי אין ענגלאַנד.

טעלעגראַפירן צו דער שיף! —

„גיי אַראָפּ אין ענגלאַנד, איך קום נאָך!" — פליט אים

אַדורך דורך דעם קאָפּ. טעלעגראַמעס זענען נישט זיכער. מען גיט זיי ערשט דעמאָלט איבער, ווען די שיף געפינט זיך אין דרויסן, אין אָפענעם ים.

צַליין, אויפן אָרט, קיין איין מינוט נישט פאַרלירן!

ער האָט געוואוּסט, אַז דאָס, וואָס ער גייט טון, איז אַן אומזין. ער קאָן בשום אופן נישט אַריבעריאָגן די באַן מיט זיין אויטאָמאָביל. די שיף-באַנען גייען מיט דער גרעסטער שנעלקייט, שטעלן זיך אין ערגעץ נישט אָפּ. און דאָ האָט ער דערפער און שטעט. נו, צי איז דען זיין גאַנץ לעבן נישט קיין אומזין? דאָס באַגעגעניש מיט עמיליען, זיין דורשט נאָך איר, דער נאַרישער פאַרלאַנג, וואָס ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ...

עס איז נישטאָ קיין לאָגיק אין דער פירונג פון דער וועלט, קיין זאַכלעכקייט; אַלץ איז נאָר איינגערעדטע זאַכן, אויסגעטראַכט פון ליידיג-גייערס. אַלצדינג באַשטייט נאָר פון טרעף, ווערט געפירט פון אַ היסטערישן קאַפּריז, אַ קאַפּריז פון אַ פרוי, אַזוי ווי זיין מזל, אַזוי ווי זיין באַשערטקייט.

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען. עס איז נישטאָ קיין אויסגעזעצטקייט. אַ טרעף, אַ נאַרישער נס. ער מוז רעכענען אויף אַ נס.

ער האָט זיך געיאָגט ווי אַ באַזעסענער, איבער פעלדער און וועלדער. דערפער אויסגעמיטן. אין איין שטאָט האָט מען אים שיער נישט פאַרהאַלטן. עס האָט עפּעס געמוזט זיין אין זיין בלוטיגן בליק, וואָס האָט געמאַכט ווייך דאָס האַרץ פון פּאָליציי-מאַן. ער האָט מיט אַ רעזיגנירטן מאַך מיט דער האַנט אים געלאָזט ווייטער.

דער טאָג האָט זיך גערוקט, און ער איז געפאַלן אין חלל פון דער וועלט, אָן יעדן זין, אָן יעדן צוועק, ווי זיין גורל איז געווען.

עס איז שוין געוואָרן אַ זייגער פינף, זעקס. ער האָט געוואוּסט, אַז עס איז אומזיסט, אומנישט; אָבער ער האָט שוין מער נישט געזוכט קיין ציל מיט זיין פליען איבער די וועגן.

עס איז געווען דער אייביגער אומזין, ווי ער אַליין איז, ווי זיין ליבע.

אין רואַן האָט מען אים פאַרהאַלטן פאַר געשווינדקייט און פאַרשריבן זיין אויטאָמאָביל-נומער. פאַר האַוור האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אויף איינעם פון די וועגן, וואָס לענקן-אָפּ צו אַ קאַנאַל.

מיט דעם פאַרנאַכט איז ער אָנגעקומען צו די טוירן פון דער שיפס-קאָמפּאַניע „פראַנצויזישע ליניע". זיי זענען שוין געווען פאַרמאַכט. די שיף איז אָפּגעפאָרן מיט אַ שעה צוריק.

מען האָט אים געמוזט אַדורכלאָזן. ווי אַ משוגענער איז ער געלאָפן, און איז געבליבן שטיין אויף דער גרענעץ פון ערד און ים.

* *
*

אין דרויסן, ווייט אין ים, האָט ער געקאָנט זען אַ ווייסן, לענגלעכן פלעק. צוערשט האָט מען אים דערקענט דורך וואָלקנדלעך רויך, וואָס זענען געהאָנגען איבער אים. דערנאָך האָט מען אים גוט באַמערקט. ער האָט שימערירט אויף דער אויבערפלאַך פון ים, אין דער אונטערגייענדער זון, מיט דעם זילבערדיקן, גלאַנציקן אָפּשיין, ווי אַ ווייסער וואָלקן.

דאָרט געפינט זי זיך.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס איז גענוג איין שפּרונג אין ים, און ער דערגייט צו איר. ווי נאָענט ער איז! ער האָט געפילט גענוג קראַפט אין זיינע אָרעמס. זיי וועלן אים אויסהאַלטן ביז אַהין.

עפּעס אין קאָפּ האָט געזאָגט:

„עס איז דאָך אַן אומזין! דו וועסט זי נישט דערגרייכן!"

ער האָט אָפּגעענטפערט:

„בין איך נישט אַליין אַן אומזין?"

דאָך האָט ער עס נישט געטון. דער שכל-הישר האָט געאַרבעט אין אים דורך אינערציע. ער איז געשטאַנען אַ מינוט אָן רעיונות און אָן באַוואוסטזיין און נאָכגעקוקט דעם שימע-

רירנדן פלעק, ביז ער איז ביסלעכווייז אויסגעלאָשן און אויס־געמישט־געוואָרן מיט דער טונקלקייט, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך צעפּצולאָזן אויף דער אויבערפלאַך פון ים.

איצט האָט ער זיך דערמאָנט אָן איר בריוו. ער האָט אים אַרויסגענומען. מיט איר גרויסן כאַראַקטעריסטישן כּתב זענען געווען אָנגעשריבן דידאָזיגע ווערטער :

„איך האָב עס דערפילט, פרענק! איצט האָב איך דיך אינגאַנצן. איצט וועל איך דיך שוין קיינמאָל נישט פאַרלירן. איך בין נישט בלויז דיין געליבטע; איך בין דיין מוטער, וואָס האָט דיך געבוירן. און צוליב דעם פאַרלאָז איך דיך, ווייל איך האָב מורא, אַז איך זאָל נישט שוואַך־ווערן און די ליבע אונ־זערע אָפּטויטן...״

ער האָט געקוקט אויפן ים. דער טונקעלער וואָלקן, וואָס האָט זיך אויסגעהויבן פון זיין בויך, האָט שוין געהאַט אינגאַנצן איינגעשלונגען אין זיך דעם שימע־ירנדן פלעק.

איצט האָט זיך דערטונקעלער וואָלקן צוזאַמענגעוויקלט און אָנגענומען פאָרמען, ווי אַ בעקן פון אַ פרוי. עס איז געוואָרן איין גרויס מוטער־לייב, פון וועלכן עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַרויסגעקומען פון אים.

דאָרט אין דעם וואָלקן, איז אויך געווען אַריינגעקנאָטן און באַהאַלטן זיין מוטער־לעכעס. און עס איז געווען אַזוי קאַפּריזנע, אַכזריותדיג און פאַרשידנפאַרביג־זוניג, ווי דער באַ־וואָלקנטער הימל, ווי דער אָנגעכמורעטער ים, — אַזוי ווי זיין מזל. און דאָך האָט ער אַרויסגעשטרעקט די הענט נאָכן שוואַרצן וואָלקן, נאָך זיין געליבטער, נאָך עמיליען, נאָך זיין מוטער !...

**ע נ ד ע**

# אינהאַלט:


1. די שטריק פֿאַלט פֿרי אויפֿן האַלז פֿון דער פֿרוי . 5
2. ווי אַזוי עמיליע האָט זיך באַקענט מיט איר מאַן . 20
3. הייראַט-לעבן . . . . . . 35
4. ד״ר בערמאַן . . . . . . 49
5. לעגיטימירטע זינד . . . . . 64
6. אַ באַגעגעניש . . . . . . 82
7. דער טאַנץ . . . . . . 92
8. חתן-כלה-שפּיל . . . . . . 104
9. אין אַ נייעם נעסט . . . . . 117
10. עלטערן . . . . . . 131
11. די אומגעזעענע שווערד . . . . 151
12. ווייבערשע טעג . . . . . 165
13. דער שפּיגל . . . . . . 175
14. דער פֿאַרלענגערטער אָרעם . . . . 186
15. איבער די פּוחות . . . . . 202
16. אַ ווידוי ביינאַכט . . . . . 218
17. צווישן פֿעלד-בלומען . . . . . 230
18. „וועסטוואַרד" . . . . . . 244
19. די וואונדן היילן זיך . . . . . 268
20. דאָס נאָכיאָגן נאָכן אומזין . . . . 279